STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07136

DI GESHIKHTE FUN DER SOTSYALISTISHER BAVEGUNG IN DI FAREYNIGTE SHTAATEN

Morris Hillquit

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די געשיכטע

פון דער

סאָציאַליסטישער באַוועגונג

אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען

— פון —

מאָריס הילקוויט

צווייטער באַנד

איבערזעצט פון

הלל ראָגאָוו

מ. גורעוויטש פערלאַג

ניו יאָרק

אינהאַלט־פאַרצייכניס

זייט

1טער קאַפּיטעל — די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי — 5

1. דער פּלאַץ פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי אין דער אַרבייטער באַוועגונג — — — — — — — — — — 7

2טער קאַפּיטעל — די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי — — — — — — — — — — — — — 17

1. די ערשטע זיגען און ניִדערלאַגעס — — — — — — — 19
2. דער קאַמף מיט׳ן אַנאַרכיזם — — — — — — — — — 32
3. די שיקאַגאָ׳ער דראַמאַ — — — — — — — — — — 49
4. די פּעריאָדע פון ווידער־אויפבויאונג — — — — — — 61

3טער קאַפּיטעל — די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי אין דער פּאָליטיק — — — — — — — — — — — — — 71

1. אומאָפּהענגיגע פּאָליטיק — — — — — — — — — — 73
2. די גרינבעק פּאַרטיי — — — — — — — — — — — 82
3. די הענרי דזשאָרדזש באַוועגונג — — — — — — — — 91
4. ווידער אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע טעטיגקייט — — — — 100

4טער קאַפּיטעל — די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי און די טרייד יוניאָנס — — — — — — — — — — — — 107

1. לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס — — — — — — — — — — 109
2. די „ניִיטס אָוו לייבאָר" — — — — — — — — — — 115
3. די אַמעריקען פעדערוישאַן אָוו לייבאָר — — — — — — 121
4. די סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַליִיענס — — — — — 131

5טער קאַפּיטעל — דער וואוקס פון סאָציאַליזם — — — — — — 135

1. דער וואוקס פון סאָציאַליזם — — — — — — — — — 137
2. י סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי פּאַלט פונאַנדער — 156
3. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — — — — — — — — — 165

6טער קאַפּיטעל — דער סאָציאַליזם איצטער — — — — — — 183

1. אומרוה און רעפאָרם — — — — — — — — — — — 185
2. די טרייד־יוניאָן באַוועגונג איצטער — — — — — — — 196
3. די אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָירלד — — — — 207
4. די מאַיער־העיוואוד אַפּערע — — — — — — — — — 216
5. דער פאָרטשריט פון סאָציאַליזם אין די לעצטע יאָהרען — 227

ערשטער קאַפּיטעל.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי

1. דער פלאַץ פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַר־טיי אין דער אַרבייטער באַוועגונג.

די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי איז געווען דער וויכ־טיגסטער פאַקטאָר אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דיזען לאַנד, און האָט פאַרנומען דיזען פּלאַץ מעהר ווי צוואַנציג יאָהר. איהר פאַרשידענאַרטיגע געשיכטע שאַפט איינע פון די פאַרפּלאָנ־טערטסטע און אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנער סאָציאַליזם.

אויפ'ן ערשטען בליק זעהט איהר געשיכטע אויס, ווי א רייע פון אָפּגעהאַקטע פּאַסירונגען, פון אומגעלונגענע פּאָליטישע עקס־פּערימענטען, פון פּלוצלונגע ענדערונגען אין מעטאָד'ען, אין אי־נערליכע און אויסערליכע רייסערייען, און אלס א רייע פון ער־פאָלגען און נידערלאַגעס אָהן א קענטיגען פּאָרטשריט אָדער גע־ווינס. אבער דיזער מיש־מאַש איז בלויז פון אויבען־אויף. אַנאַ־ליזירט מען די פאַקטען גענויער, געפינט מען א לאָגישען פּאָדעם, וועלכער ציהט זיך דורך דיזען צודרייטען גאַנג פון דער פּאַרטיי, און מען געפינט גענוגענדע אורזאַכען פאר יעדער איינער פון די גע־שעהנישען, וועלכע זעהען אויס ווי סיבות.

די שוועריגקייטען, וועלכע זיינען איהר געשטאַנען אין וועג, זיינען געווען אויסערגעוועהנליך. זייענדיג איינע פון די ערשטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען דאָ אָרגאַניזירט געוואָ־רען אויף א נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, האָט זי זיך געמוזט אַנ־שטויסען אָן די שטרויכלונגען, וועלכע שטעהען אויפ'ן וועג פון יעדער ראַדיקאַלער רעפאָרם באַוועגונג ביים אַנפאַנג פון איהר געשיכטע — שוואַכקייט און מוטלאָזיגקייט אין די אייגענע רייען, און פיינדשאַפט און הוזק־מאַכעריי פון די אויסערליכע רייען.

און אויסער דיזע נאַטירליכע שטערונגען, האָט די סאָציאַ־

ליסטישע ארבייטער פּארטיי געליטען פון א גרויסע שוועריגקייט, וועלכע איז געווען ספּעציעל איהרע. אין אייראָפּא איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געבאָרען געוואָרען אין דער איינגעבאָרענער באַפעלקערונג און האָט זיך צוגעפּאַסט צו די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומשטענדען פון יעדער לאַנד פון זיך אליין, אָהן אָן אָנשטרענגונג. אבער אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען איז די לאַגע געווען אינגאַנצען אַנדערש. מען שאַצט, דאָס די ערשטע צוואַנציג יאָהר איז צווישען די מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי געווען בלויז צעהן פּראָצענט געבאָרענע אמעריקאַנער. אַלע איבעריגע, איינשליסענדיג די מעסטיגסטע און איינפלוסרייכסטע פיהרער, זיינען געווען פרעמד־געבאָרענע מענשען, וואָס זיינען געווען וועניג באַקאַנט מיט די אינסטיטוציעס, געוואוינהייטען און פיהרונגען פון דאָס לאַנד, און אין אָפטע פעלע זאָגאר האָבען זיי ניט געקענט רעדען די שפּראַך פון לאַנד.

אונטער דיזע אומשטענדען האָבען די פּיאָנערען פון דער באַוועגונג באַלד איינגעזעהן, ווי האָפנונגסלאָז עס וואָלט געווען זייער אויפגאַבע מיטצוברענגען דורך זייער אייגענער מיהע ראַדיקאַלע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע ענדערונגען, און זיי האָבען זיך געשטעלט אַלס זייער ספּעציעלע אויפגאַבע צו מאַכען די באַוועגונג אַן אמעריקאַנישע און אַנצופאַרטרויען די ענטוויקלונג פון דער באַוועגונג צו די אמעריקאַנער ארבייטער. דיזער פאַרזוך צו „אמעריקאַניזירען" די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז דער שליסעל צו דער טעטיגקייט פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי אין פאַרלויף פון איהר גאַנצע געשיכטע.

עס איז אבער געווען קלאָר פאַר יעדען, דאָס די באַוועגונג קען ניט ווערען אמעריקאַניזירט איידער מען וועט צו די גרויסע מאַסען פון דער באַפעלקערונג, און ספּעציעל צו די ארבייטער, צוקומען מיט דער פּראָפּאַגאַנדא פון סאָציאַליזם. די גרויסע פראַגע, אַלזאָ, איז געווען ווי צו דערגרייכען די מאַסען. דיזע פראַגע איז אימער געווען די טעמע פון די היציגסטע דיסקוסיאָ־

נען און פּאָלעמיקעס אין דער פּאַרטיי. דיזע פראַגע האָט באַשטימט די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, איהרע האַנדלונגען, און זי איז געלעגען אויפ'ן גרונד פון אַלע איהרע דורכלעבונגען.

באַטראַכטענדיג די פעלד פון די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס, האָבען די גרינדער פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי געפונען צוויי הויפּט וועגען, דורך וועלכע מען האָט געקענט ערוואַרטען צוצוקומען צו די איינגעבאָרענע ארבייטער און אָנצופיהרען ערפאָלגרייכע פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען זיי — די טרייד יוניאָנס, און פּאָליטישע טעטיגקייט.

אין אייראָפּאַ איז דער סאָציאַליזם אין מאַנכע פעלע אנגעקומען פריהער ווי די טרייד יוניאָנס, און האָט ביז א געוויסען גראַד געהאָלפען באַשאַפען די טרייד יוניאָן באַוועגונג. אין אַנדערע פעלע האָבען זיךביידע באַוועגונגען ענטוויקעלט צוזאַמען, און זיינען באַטראַכט געוואָרען אַלס נויטיג איינע פאַר די אַנדערע. אין אַלגעמיין זיינען די טרייד יוניאָנס דאָרטען געווען אין פולען אײַנקלאַנג מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען איז די טרייד יוניאָן באַוועגונג ערשינען בעפאָר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט איהר געפונען אויפ'ן שוועל פון איהר בליהענדע פּעריאָדע. אין 1878 איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער ערשטער אַלגעמיינער צוזאַמענפאָהר פון די „נייטס אָוו לייבאָר", און דאַן האָט זיך אנגעפאַנגען דער מערקווירדיגער וואוקס פון דיזער אָרגאַניזאַציאָן. מיט דריי יאָהר שפּעטער איז ארגאַניזירט געוואָרען די פעדעראַציע פון טרייד און לייבאָר יוניאָנס, פון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

אין דיזע צוויי קערפּערשאַפטען, ווי אויך אין די פילע נאַציאָנאַלע און אָרטיגע יוניאָנס, וועלכע זיינען מיט זיי ניט געווען פאַרבונדען, האָבען זיך אין די ערשטע איניגע יאָהר ארגאַניזירט הונדערטער טויזענדער אַמעריקאַנער ארבייטער. זייערע פּרינציפּען זיינען אָפט געווען ראַדיקאַלע, און אין מאַנכע פעלע שטאַרק

גענייגט צום סאָציאַליזם. ביי זייערע פאַרזאַמלונגען און אויף זייערע צוזאַמענפאַהרען זיינען סאָציאַלע פראַגען דיסקוטירט געװאָרען ספּעציעל אין פאַרבינדונג מיט די באַציהונגען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. די אָפּטע סטרייקס, וואָס זיי האָבען אָנגעפירט, זיינען געווען קעמפּפע געגען קאַפּיטאַל. עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואָס די סאָציאַליסטען האָבען באַטראַכט די טרייד יוניאַנס אַלס זייערע נאַטירליכע חברים, און דאָס זיי האָבען געשטרעבט צו ברענגען די צוויי באַוועגונגען אין נאָהענטע באַריהרונג איינע מיט די אַנדערע.

אויף יעדען צוזאַמענפאָר כמעט האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי פּראָקלאַמירט איהר סימפּאַטיע מיט די צילען און מעטאָדען פון די יוניאַנס, און האָט אויפגעפאָדערט איהרע מיטגלידער אָנצושליסען זיך אָן די אָרגאַניזאַציאָנען פון זייערע פאַכען. אין איינינע פעלע האָט די פּאַרטיי געזוכט צו קריגען דירעקטע פאַרטרעטערשאַפט אין די צענטראַלע קערפּערשאַפטען פון אָרגאַניזירטע אַרבייט. איהרע אָפיציעלע אָרגאַנען האָבען געשטיצט די טרייד יוניאַנס, און אין פיעלע וויכטיגע סטרייקס האָבען זיך די סאָציאַליסטען באַטייליגט אויף דער זייט פון די סטרייקערס, זיי געהאָלפען מיט ראַט, און צייטענווייז זאָגאַר געפיהרט די קעמפּפע. אָבער טראָץ די אַלע אָנשטרענגונגען איז דער איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אויף דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג געווען אומבאַדייטענד. די סאָציאַליסטען זיינען נאָך געווען אין צאָל צו שוואַך זיי זאָלען קענען דורכדרינגען די פיעל פאַרצווייגטע אַרבייטער באַוועגונג, און זיי זאָלען קענען באַשטימען איהר גאַנג. און דערפאַר פלעגט מען הערען אין דער פּאַרטיי אָפּט שטימען פון פּראָטעסט געגען די אַרבייט אין די יוניאָנס אַלס אַרויסגעוואָרפענע מיה.

דיזע פּראָטעסטען זיינען געווען ספּעציעל שטאַרק אין צייטען פון אינדוסטריעלע קריזיסען, ווען די טרייד יוניאַנס פלעגען פיעל אָפּגעשוואַכט ווערען. אין אַזוינע צייטען פלעגט די פּאַרטיי אָפּט ווערען גלייכגילטיג, און אַמאָל זאָגאַר פיינדליך גע־

שטימט צו די טרייד יוניאַנס. פּארקערט, ווען די טרייד יוניאַן באַוועגונג פלעגט מאַכן פאָרטשריט צוליב די פאַרבעסערטע צייטען, פלעגט די פּארטיי ווידער איהר באַטראַכטען אַלס דעם צענטער פון איהרע האָפנונגען.

אויפ'ן פעלד פון פּאָליטיק האָט די פּארטיי אויך געהאַט אַן ענגלישען שיקזאַל. סאָציאַליסטען האָבען אימער באַטראַכט פּאָליטיק אַלס אַ העכסט וויכטיגען טייל פון דער באַוועגונג. די אויפגאַבען פון סאָציאַליזם זיינען פּאָליטיש אין כאַראַקטער. די סאָציאַליסטען באַטראַכטען אַלס דעם ערשטען שריט אין דער פאַרווירקליכונג פון זייער אידעאַל, איינצונעמען די פּאָליטישע מאַשין. זיי גלויבען, אַז מיט געזעץ קען מען פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע איבלען, און זיי באַטראַכטען די פּאָליטישע קאַמפּיינס אַלס אַ וויכטיגען בילדונגס־מיטעל, און אַלס אַן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט צו פאַרשפּרייטען די נייע סאָציאַלע לעהרען צווישען פּאָלק.

ווען די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּארטיי האָט זיך אָרגאַניזירט, זיינען די סאָציאַליסטען אין דייטשלאַנד שוין געשטאַנען אויפ'ן פּאָליטישען פעלד זייט צעהן יאָהר, און זיי איז שוין דאָרטען געלונגען צו פאַראייניגען כמעט אַ האַלבען מיליאָן בירגער אַרום זייער פאָהן. אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, וואו די רעגירונג איז געווען אַ מעהר דעמאָקראַטישע, און וואו די וואַהלען זיינען געווען פון גרעסערער וויכטיגקייט, און פיל אָפטער, האָט עס אויסגעוויזען אַז די געלעגענהייטען זיינען פיל גלענצענדער. ווי אַזוי אָבער זאָל מען די אַרבייט אָנפיהרען? איבער דיזער פראַגע איז די פּארטיי געווען אַ שטיק צייט צוטיילט. איין גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען הויפּטזעכליך פון איינגעבוירענע אַמעריקאַנער אין דער פּארטיי און אַ צאָהל פון געוועזענע לאַסאַליאַנער, האָבען געגלויבט אין טעטיגע און אונאָפּהענגיגע פּאָליטישע אַרבייט. אַנדערע אָבער האָבען אָנגעוויזען אויף די שוואַכקייט פון דער פּארטיי און אויף דעם, אַז זי האָט שוואַכע שאַנסען צו מאַכען ערפאָלג אַלס אַן אונאָפּהענגיגע פּאָליטישע פּארטיי, און זיי האָ־

בען געראָטען אַז די פּאַרטיי זאָל זיך ענטוועדער צוריקהאַלטען אינגאַנצען פון פּאָליטיק ביז וואַנען זי וועט ווערען שטאַרק גענוג ארויסצוצייגען זיך שטאַרק ביים שטים־קאַסטען, אָדער אַז זי זאָל זיך פארבינדען מיט אַנדערע עקזיסטירענדע רעפאָרם־פּאַרטייען און אריינטראָגען אין זיי אַזוי פיל סאָציאַליזם ווי מעגליך. צייטענווייז פלעגט איין עלעמענט קריגען די אויבערהאַנט אין דער פּאַרטיי, און צייטענווייז די אַנדערע. עס האָט זיך געווענדעט אָן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון לאַנד.

נאָך אַ רייע פון אַרבייטער אומרוהען, אַלס רעזולטאַט פון שלעכטע צייטען, פלעגט אין דער פּאַרטיי געשאַפען ווערען אַ שטימונג גינסטיג פאַר ראַדיקאַלע רעפאָרם פּאָליטיק, און דאַן פלעגט די פּאַרטיי ענטוועדער נאָמינירען איהרע אייגענע קאַנדידאַטען, אָדער, אויב עס פלעגט געשאַפען ווערען אַ רעפאָרם פּאַרטיי, פלעגט זי זיך מיט איהר פאַראייניגען. אין עטליכע פלעצער און ביי עטליכע געלעגענהייטען איז דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ענטוועדער אַליין, אָדער אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע פּאַרטייען, געלונגען צו ציהען אַ פאַרהעלטניסמעסיג גרויסע צאָהל שטימען. זי האָט אָבער ניט געהיט דיזע געווינסען איינצוהאַלטען. אַ נייע כוואַליע פון גוטע צייטען פלעגט אָנקומען אין לאַנד, דער גייסט פון אונצופרידענהייט פלעגט אָפּגעשאַפט ווערען, און די סאָציאַליסטישע שטימען פלעגען פארשווינדען.

אונטער אַזוינע אומגינסטיגע אומשטענדען איז קיין וואונדער ניט, דאָס די איבערגעגעבענסטע און די אָפּטימיסטישסטע צווישען די סאָציאַליסטען פלעגען צייטענווייז ווערען ענטמוטיגט. די שוואַכערע פלעגען ענטוועדער אינגאַנצען זיך צוריקציהען אָדער זיי פלעגען זוכען אַ שטילערען האַפען אין די רייען פון די טרייד יוניאָן באַוועגונג אָדער אין די אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען.

אָט אין אַזאַ צייט, ווען אין די סאָציאַליסטישע רייהען האָט געהערשט גרויס פארצווייפלונג, איז געבאָרען געוואָרען די באַוועגונג פון פראַקטישען אַנאַרכיזם אין די פאַראייניגטע שטאַאטען. דער אַנאַרכיזם, וועלכער גלויבט ניט אין די אַלע טעאָריעס פון

סאָציאַלען פּראָגרעס, וועלכער לאַכט אָפּ פון רעפאָרם־מיטלען, ווע‏לכער פּרעדיגט געוואלד; דער אַנאַרכיזם, וועלכער איז אָפּט די פילאָזאָפיע פון פארצווייפלונג, האָט געהאַט אַ זאָנדערבאַרען רייץ פאַר די ענטמוטיגטע און אונצופרידענע סאָציאַליסטען פון יענער צייט. די נייע לעהרע האָט געטראָשעט אריינצודרינגען טיף אין די רייען פון די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי, און צו פארניכטען דעם ביסעל פאָרטשריט וואָס די יונגע אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט דורך דעם, וואָס דיזע לעהרע האָט דיסקרעדיטירט דעם סאָציאַליזם אין די אויגען פון די אַמעריקאַנער ארבייטער. די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי האָט איצט געהאַט אַ נייע אויפגאַבע; צו באַקעמפען דעם אַנאַרכיזם. און עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד האָט זי געמוזט אָפּווענדען איהר ענערגיע פון ארבייטען פאַר איהר אייגענער באוועגונג, אום צו קעמפען געגען דעם נייעם שונא.

דער קאַמף איז געווען פארביסען אויף ביידע זייטען, און ער האָט זיך געענדיגט בלויז דאַן, ווען דער אַנאַרכיזם האָט פאַרלאָרען זיין גאַנצען איינפלוס אין דער אַרבייטער־באוועגונג אין די פאראייניגטע שטאַאַטען.

די פילע עקספּערימענטען, ענטוישונגען און שוועריגקייטען, און די אָפטע ענדערונגען אין די מעטאָדען פון דער טאַקטיק, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אלס רעזולטאַט, האָבען נאַטירליך געווירקט אויף די באַציהונגען צווישען די מיטגלידער אין דער פּאַרטיי. יעדער נייער עקספּערימענט האָט פאַראורזאַכט היציגע דעבאַטען, יעדער נייער דורכפאַל איז געווען אַ פרוכטבאַרער קוואַל פון דיסקוסיאָנען וועגען די אורזאַכען. די דעבאַטען זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען מיט דער ערנסטקייט וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש צווישען אָנהענגער פון אַ נייעם גלויבען אָדער אַ נייע לעהרע. עס זיינען געווען צייטען, ווען דיזע אינערליכע דיספּוטען האָבען אָנגעפילט די שפאַלטען פון די פּאַרטיי־צייטונגען מאָנאַטען לאַנג, און אַלע אַנדערע פּאַרטיי־ארבייט איז צייטווייליג פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען. עס פלעגט פּאַסירען, אַז די

דיסקוסיעס פלעגען אָנגעפיהרט ווערען מיט אומגויטיגע ביטער־קייט און פלעגען אָננעהמען א פערזענליכען כאַראַקטער. צייטענ־ווייז פלעגען דיזע מיינונגס־פארשיידענהייטען אריבערטרעטען די גרענעצען פון דיסקוסיעס און פלעגען זיך ענטוויקלען אין שפאַל־טונגען, און איינינע מאָל האָט דאָס צוריסען די פאַרטיי אין צוויי העלפטען.

און דערפאר איז פילע מאָל געמאַכט געוואָרען די באהויפ־טונג, דאָס די מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פאַרטיי זיינען געווען א גרופע קריגערישע מענשען, וועלכע האָבען פארשווענדעט זייער צייט אין אטאַקירען איינע די אנדערע, און וועלכע האָבען פאר דער באוועגונג גארנים אויפגעטאָן. דיזע באַ־הויפטונג איז אַן אבסאָלוט אומגערעכטע.

ווען די גרינדער פון די סאָציאַליסטישע ארבייטער פאַרטיי האָבען זיך אונטערנומען צוצופאסען די סאָציאַליסטישע באוועגונג צום לאַנד, האָבען זיי זיך געשטעלט אַן אויסערגעוועהנליך שווערע און ריזינע אויפגאַבע.

צעהנדליגע יאָהרען לאַנג האָבען זיי שווער געאַרבייט אויף דיזער אויפגאַבע, קעמפענדיג געגען שוועריגקייטען וועלכע האָבען נים קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג אין אירגענד אנדער לאַנד. זייערע אינערליכע מחלוקת'ן זיינען געווען א נאַטירליכער אָפּקלאַנג פון דיזע קעמפע געגען די פיינדליכע אומגעבונג, און מען קען זיי דאַרום לייכט פארצייהען. זייער מוט, געדולד און איבערגעבענהייט צו דער באוועגונג מוז ארויסרופען באוואונדערונג.

פאר דער סאָציאַליסטישער באוועגונג האָבען זיי געפיהרט צו גרויסע רעזולטאַטען. דורך זייערע שווערע ערפאַהרונגען און דורכפאַלען האָבען זיי ענטוויקעלט מעטאָדען ווי אַזוי אָנצוגעהן מיט דער סאָציאַליסטישער ארבייט, און דורך זייער אומאויפהער־ליכע פראָפּאגאנדא האָבען זיי צוגעגרייט דעם באָדען פאר אַן אמת'ע אמעריקאנער באוועגונג פון סאָציאַליזם.

די פאַרטיי האָט געהאַט דעם אומגליק פון איבערלעבען די

פעריאָדע פון ניצליכקייט. די איבערגעבליבענע טיילען איהרע האָבען אריינגעטראָגען אַן אונהאַרמאָנישען טאָן אין דער באַוועגונג. דאָס אָבער ענדערט ניט דעם פאַקט, דאָס די מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי האָבען געטאָן די פּיאָנער־אַרבייט פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם אין דיזען לאַנד. די איצטיגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זעהר פיל זיי צו פאַרדאַנקען פאַר איהר עקזיסטענץ.

צווייטער קאַפּיטעל.

די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי.

1. די ערשטע זיגען און נידערלאגעס.

די סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי האט אנגעפאנגען איהר קאריערע אונטער גינסטיגע אומשטענדען. די אויסערגעוועהנליכע אינדוסטריעלע טעטיגקייט, וועלכע האט זיך ענטוויקעלט נאך דעם שלום פון דער בירגער־קריג, האט זיך געענדיגט מיט א גרויסען פינאנציעלען פאניק אין 1873. דער קריטישער צושטאנד איז פאריבער אין איינינע מאמענטען, אבער געדריקט איז די אינדוסטריעלע לאגע פארבליבען פאר גאנצע פינף יאהר, און האט פאראורזאכט אונערהערטען עלענד. ניט בלויז איינצעלנע, נאר גאנצע פאמיליעס זיינען אויסגעשטארבען. אין דעם ווינטער פון 1877 זיינען די פאליציי־סטיישאנס יעדע נאכט געווען פול מיט ארבייטער און זייערע פאמיליעס, וואס האבען דארטען געזוכט שוץ פון די קעלט אין די גאסען. די פאליציי געריכטען זיינען געווען באלאגערט מיט מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האבען זיך געבעטען מען זאל זיי פארשיקען אין געפענגעניש. די צאהל פון ארבייטסלאזע אין די פאראייניגטע שטאאטען האט דערגרייכט די צאהל פון ניט ווייניגער ווי דריי מיליאן. צו דער זעלבער צייט איז דער לוין פון די וואס האבען יא געארבייט, געפאלען פון יאהר צו יאהר. אין 1877 זיינען די פארדינסטען פון די ארבייטער געווען אזוי נידריג, אז זיי האבען רעוואלטירט, און עס האט אויסגעבראכען א גאנצע רייהע סטרייקס. די סטרייק באוועגונג איז געקומען פון זיך אליין. עס איז געווען אן אויסברוך פון פארצווייפלונג און ניט קיין געפלאנטע אונטערנעמונג, אבער די צייט דאפיר איז געווען אומגינסטיג. די מאסען זיינען געווען ניט ארגאניזירט און ניט דיסציפלינירט, און כמעט אלע סטרייקס זיינען דערפאר דורכגעפאלען.

דער וויכטיגסטער פון דיזע סטרייקס, פון דעם שטאנדפונקט

פון גרוים און די ביטערניש מיט וועלכע ער איז אָנגעפיהרט געוואָרען, איז געווען דער קאַמף פון די אייזענבאַהן ארבייטער. נאָך דער בירגער־קריג האָבען די קאַפּיטאַליסטען און פינאַנסיס־טען גענומען אריינלייגען געלט און ספּעקולירען אין דעם אייזענבאַהן געשעפט. צווישען 1867 און 1877 זיינען געלייגט געוואָרען רעלסען אויף 25,000 מייל פאר נייע באַנען. אין דעם נעקסטען יאָהר איז דער קאַפּיטאַל פון די באַנען אין אמעריקא געשאצט געוואָרען אין איבער 500 מיליאָן. מען האָט געבוים באַהן־ליניעס, ניט רעכענענדיג זיך מיט די ווירקליכע פאָדערונגען פון דעם פאַר־קעהר. מען האָט ספּעקולירט, אז שפּעטער וועט מען זיי אפשר דאַר־פען. ווען דער קריזים האָט אויסגעבראָכען אין 1873 האָט ער געווירקט אויפ'ן אייזענבאַהן געשעפט מעהר ווי אויף אַנדערע אינ־דוסטריען, און געליטען אמייסטען האָבען די ארבייטער אויף די אייזענבאַנען. צווישען די יאָהרען 1873 און 1877 איז דער לוין פון די אייזענבאַהן ארבייטער פארקלענערט געוואָרען דורכשניטליך אויף אַן ערך פון 25 פּראָצענט, און אין יוני, 1877, האָבען די גרעסערע אייזענבאַהן קאָמפּאַניס אַנאָנסירט אַ וויי‌טערע פארקלע־נערונג אויף 10 פּראָצענט.

אָלס ווידערשטאַנד געגען אָט דיזע לעצטע פארקלענערונג אין לוין, איז ערקלערט געוואָרען דער סטרייק. דער ערשטער צוזאַ־מענשטויס איז פאָרגעקומען אין מארטינסבורג, וועסט ווירדזשי־ניא, דעם 16טען יולי. די באוועגונג האָט זיך אָבער באַלד פאַר־שפּרייט און אין ווייניגער ווי אין צוויי וואָכען צייט האָט מען געסטרייקט אין זיבעצעהן סטייטס.

די ערשטע וואָס האָבען פארלאָזען די ארבייט זיינען געווען די מאַשיניסטען און די סוויטש־מען (סטרעלאָטשניקעס) אויף דער באַלטימאָר און אָהייאָ אייזענבאַהן. באַלד האָבען זיך אָן זיי אָנ־געשלאָסען די לאָקאָמאָטיוו מאַשיניסטען און אנדערע אָנגעשטעל־טע. די פּאַרוואַלטער פון דער ליניע איז אין קורצען געלונגען צו קריגען אנדערע ארבייטער, אָבער די סטרייקערס האָבען זיך באַנוצט מיט מאַכט געגען די סטרייק־ברעכער. צוויי רעגימענ־

טען פון מיליץ, געשיקט פון דעם גובערנאַטאָר, האָבען ניט געקענט ענדערען די לאגע, און פּרעזידענט העיס האָט געשיקט 250 סאָל־דאַטען זיי צו העלפען, אָבער אויך זיי האָבען ווענינ ערפאָלג געהאַט.

ערנסטערע אומרוהען זיינען פאָרגעקומען אין מערילאַנד, וואו דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען אין דער זעלבער צייט. די מיליץ איז דאָרטען אויפגענומען געוואָרען פון די סטרייקערס און זייערע סימפאַטיזירער מיט שימפף־געשרייען, און דאָס האָט געפיהרט צו א צוזאַמענשטויס. די ארבייטער האָבען געוואָרפען מיט שטיינער און די סאָלדאַטען האָבען געענטפערט מיט קוילען. צעהן ארבייטער זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען און נאָך פילע האָט מען צוגענומען פאַרוואונדעטע. שומערויי האָט געבראַכט צו גע־שלעג. די מיליץ האָט זיך געמוזט צוריקציהען. די אויפגערעגטע מאַסע האָט געריסען רעלסען און געברענט וואַגאָנען.

דעם זעלבען טאָג, יולי דעם 19טען, האָט זיך אָנגעפאַנגען א רייהע אומרוהען איבער דער גאַנצער ליניע פון דער פּענסיל־ווייניא אייזענבאַן. דאָרטען האָט זיך די באַוועגונג אָנגעפאַנגען פון די סוויטש־מען (סטרעלאָטשניקעס), וועלכע זיינען די ערשטע ארוים אין סטרייק. גלייך דעם ערשטען טאָג האָבען זיך אָן די סטרייקערס אָנגעשלאָסען אלע אנדערע ארבייטער פון פאַרשידענע צווייגען פון דער אייזענבאַן. די ארבייטער האָבען געפאָדערט, אַז די פאַרקלענערונג פון זייער געהאַלט אויף צעהן פּראָצענט זאָל צוריקגעצויגען ווערען.

אין אוועגט איז שוין דער גאַנצער פאַרקעהר פון פראַכט אין פּיטסבורג אָפּגעשטעלט געוואָרען. גרויסע מאַסען סטרייקערס האָ־בען מאַרשירט איבער די גאַסען, און אָן זיי האָבען זיך שנעל אָנגעשלאָסען מחנות ארבייטסלאָזע און אנדערע סתם אומצופרי־דענע אין דער ארבייטער באַפעלקערונג. די שטימונג צווישען די מאַסען איז פון שטונדע צו שטונדע געוואָרען אויפגערעגטער. די אָרטיגע מיליץ, וועלכע איז ארויסגערופען געוואָרען פון דעם שעריף, האָט זיך ענטזאָגט אריינצומישען, און מען האָט געבראַכט

600 מיליץ סאָלדאטען פון פילאַדעלפיא. דאָס האָט נאָך די אויפרעגונג מעהר פארשטארקט. א צוזאמענשטויס איז פאָרגעקומען צווישען די צוויי צדדים און די מיליץ סאָלדאטען האָבען זיך געמוזט צוריקציהען און זיך באפעסטיגען געגען די אטאקעס פון די סטרייקער. זיי האָבען זיך פארשלאָסען אין דעם מאשינען צימער פון דער קאָמפּאַני, און זיי האָבען פארבראכט א זעהר אומבאקוועמע נאכט הערענדיג די געשרייען פון דער אויפגערעגטער מאסע און דעם הוזשען פון די קויהלען וואָס זיינען פארבייגעלאָפען זייערע פענסטער. אויף מאָרגען פארטאָג האָבען די סאָלדאטען פארלאָזען פיטסבורג, און זיי האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען אין קלערמאָנט, צוועלף מיין וויים פון שטאָדט.

די סטרייקערס זיינען געבליבען די הערשער אין דער גאַנצער סיטואציע, און דער האס געגען דער באן־קאָמפּאַניע, וועלכער האָט זיך אזוי פאנאנדערגעפלאקערט צוליב דעם קאמף מיט דער מיליץ, האָט געפונען אן אויסדרוק אין א ווילדען פּאָגראָם אויף דעם אייגענטום פון דער קאָמפּאַני. טויזענט און זעקס הונדערט וואַגאָנען און הונדערט און צוואנציג לאָקאָמאָטיווען זיינען אין איין טאָג פארניכטעט געוואָרען.

אונרוהען פון א מעהר אָדער ווייניגער ערנסטען כאראקטער זיינען פּאָרגעקומען אין פארשידענע טיילען פון ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, פענסילווייניא, אָהייאָ, אינדיאַנא, אילינאָיס, מיזורי און אנדערע סטייטס.

אין רעדינג, איז א גרויסע צאָהל מיליץ סאָלדאטען ארויסגעשיקט געוואָרען צו באקעמפען די סטרייקערס, אָבער דאָרטען האָט עטוואָס אונערוואַרטעטעס פּאסירט. די מעהרסטע מיליץ קאָמפּאַניס זיינען געווען צוזאמענגעשטעלט פון ארבייטער, און זיי האָבען זיך אָפען גע'חבר'ט מיט די סטרייקערס, האָבען געטיילט אמוניציע צו די סטרייקערס און האָבען געסטראשעט צו פארטיידיגען די ארבייטער געגען די אנדערע מיליץ סאָלדאטען. איין קאָמפּאַניע, אָבער, וועלכע איז געווען צוזאמענגעשטעלט אינגאנצען פון די

רייכערע קלאסען, און וועלכע איז געשטאַנען אונטער דעם באפעהל פון א היציגען אָפיצער, האָט געשאָסען אויף די ארבייטער. דריי־צעהן זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען און צוויי און צוואנציג פאר־וואונדעט. דיזע אומבארעכטיגטע אטאקע האָט אויפגערייצט די ארבייטער און זייערע סימפּאטיזירערס. זיי האָבען ארונטערגע־שטויסען פראכט־וואגאָנען פון די רעלסען, צובראָכען וואגאָנען, פארברענט בריקען. די פיינדליכע מיליץ סאָלדאטען זיינען אזוי באהאנדעלט געוואָרען, אז די מעהרסטע פון זיי האָבען זיך געמוזט אָנטאָן אין ציווילע קליידער אום זיך ארויסראטעווען פון שטאָט.

די וואונדערבארסטע פון אלע פּאסירונגען איז פארגעקומען אין סט. לואיס, וואו די אויפרעגונג האָט זיך פארשפּרייט צווישען דער גאנצער ארבייטער באפעלקערונג. דער פארקעהר אויף דעם בריק צווישען איסט און וועסט סט. לואיס איז אָפּגעשטעלט געוואָרען. דאָס האָט אָפּגעריסען די פארבינדונג צווישען די שטאָטען פון דעם איסט און די וועסט. שלאכט־הייזער און פאבריקען האָבען זיך צוגעמאכט, און די סטרייקערס האָבען געהאַט די שטאָט אין זייערע הענט. סאָציאליסטען האָבען פאררופען מאססמיטינגען, וואו עס זיינען אָנוועזענד געווען טויזענטער, און דאָרטען איז ערוועהלט געוואָרען אן „עקזעקוטיוו“ (צ. ק.) צו באשיצען די אינטערעסען פון די ארבייטער. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער עס איז ווירק־ליך געווען אין דער עקזעקוטיווע. ווי עס שיינט, איז זי געווען א לייזע קערפּערשאפט, אין וועלכע יעדער אייגער וואָס האָט נאָר געוואָלט האָט געקאָנט אריינטרעטען. זי האָט ניט געהאַט קיין באשטימטען פּלאן, און האָט באגרענעצט איהר טעטיגקייט אויף אָפּצושטעלען די אינדוסטריען אין שטאָט.

אָבער די אויפרעגונג איז געווען אזא, אז דיזע געהיימניספולע קאָמיטע האָט א גאנצע וואָך געהערשט איבער דער שטאָט. ערשט נאָכדעם ווי די אלגעמיינע שרעק און אויפרעגונג איז א ביסעל איינגעשטילט געוואָרען, האָט די שטאָט פארוואלטונג, מיט דער הילף פון די „ווירטיגסטע בעלי־בתים“ פון סט. לואיס, גענומען עטעם מאָן. א קאָמיטע איז אָרגאניזירט געוואָרען אין אָפּאזיציע

צו דער עקזעקוטווע און זי האָט מיט דער הילף פון דער גאַנצער פּאָליציי און עטליכע קאָמפּאַניעס מיליץ ארומגערינגעלט די הויפּט קוואַרטיר פון דער עקזעקוטיווע אין שולער׳ם האָל און ארויסגעטרי־בען די בונטאָווששיקעס. פינף און זיבעציג פּערזאָן זיינען ארעס־טירט געוואָרען, אָבער מען האָט זיי אַלעמען געמוזט באפרייען, ווייל עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז זיי זיינען געווען זייטיגע מענשען, וועלכע האָבען ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם אויפשטאַנד. פון דער „שרעקליכער עקזעקוטיווע" האָט מען קיין שפּור ניט געפונען.

די סאָציאַליסטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען זיך ניט באטייליגט אין דער ארבייט פון אויפרודערען די סטרייקס אין 1877. זיי האָבען אָבער ניט פארנאכלעסיגט די געלעגענהייט צו פּראָפּאַגאַנדירען זייערע לעהרען צווישען די אויפגערעגטע מאַסען. זיי האָבען ניט איבערשעצט די באדייטונג פון די סטרייקס, און זיי האָבען גלייך פון אָנפאַנג באגריפען, אז די באוועגונג איז בלויז א צייטווייליגע פּאַסירונג אין דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. זיי זיינען געווען געגען אוננויטיגע גוואַלטאַטען, און ביי די פילע פארזאַמלונגען וואָס זיי האָבען פּאַררופען, האָבען זיי כמעט איבעראַל אָנגעצייגט אויף דעם, אז אַ פּלאַנלאָזער אויפשטאַנד קאָן צו גאָרניט פיהרען; אז וויכטיג איז, אז די ארבייטער זאָלען האַנדלען אויף אַן אָרגאַניזירטען און אינטעליגענטען אופן.

אין פילאַדעלפיא האָט די פּאַרטיי באשלאָסען אפצוהאַלטען צווי מאַסען־פארזאַמלונגען „צו דיסקוטירען אויף אַ שטילען אופן די סכסוכים צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, אויסדריקען סימפּאַ־טיע מיט די סטרייקער, אָבער צו נעמען אַן ענערגישע שטעלונג געגען דער פארניכטונג פון אייגענטום".

סאָציאַליסטען אין ניו דזשוירזי האָבען אָפּגעהאַלטען עטליכע פארזאַמלונגען אין נוארק און אין פּעטערסאָן. אין ברוקלין האָט אַ מאַסען־פארזאַמלונג פון צוויי טויזענט ארבייטער, פּאַררופען פון די אָרטיגע סאָציאַליסטען, זיך ערקלעהרט צו גונסטען דעם, אז די רעגירונג זאָל איבערנעהמען די באַהנען. אין ניו יאָרק זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען גרויסע מאַסען־פארזאַמלונגען אונטער דעם

אויפזיכט פון דער פּאַרטיי אויף טאָמפּקינס סקווער און אין קופּער אינסטיטוט. אויף דעם ערשטען מיטינג זיינען אנוועזענד געווען צוועלף טויזענט מענשען. דזשאהן סווינטאָן האָט אדרעסירט די פערזאַמלונג אויף ענגליש און אַלעקסאַנדער יאָנעס און אָטט וואַלטער אויף דייטש. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע אין סימפּאַטיע מיט די סטרייקערס, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַן ערקלערונג, אַז עס איז געקומען די צייט „צו אָרגאַניזירען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי מיט אַ פּלאַטפאָרמע, געשטיצט אויף די נאַטירליכע רעכטע פון די אַרבייטער, און מיט דעם ציעל דורכצופיהרען געזעצען געגען די מאָנאָפּאָלען, וועלכע אונטערדריקען דאָס פאָלק".

אין שיקאַגאָ איז די סטרייק באַוועגונג געפיהרט געוואָרען אונטער דעם דירעקטען אויפזיכט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען גלייך נאָך דעם צוזאַמענפאָהר אין 1876. צווישען די שיקאַגאָ'ר אגיטאַטאָרס זיינען געווען פיליפּ וואַן־פּעטען, דער נאַציאָנאַלער סעקרעטער, דער טשערמאַן פון דער סיטי קאָמיטע, שילינג, און אַלבערט ר. פּאַרסאָנס.

אָבער די טעטיגקייט פון דער פּאַרטיי האָט זיך ניט באַגרענעצט אויף אַגיטאַציע אין פאַרלויף פון סטרייק. די פילע אַרבייטער צרות, און דער אַלגעמיינער נויט, האָט צוגעגרייט די מוחות פון אַרבייטער קלאַס צו די לעהרען פון סאָציאַליזם, און די סאָציאַליסטען האָבען געזוכט זיך צו באַנוצען מיט דער לאַגע דורך יעדען מיטעל. אין אַלע גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן זיינען אראַנזשירט געוואָרען דעמאָנסטראַציעס, ארויסגעגעבען געוואָרען פּראָקלאַמאַציעס, און אָפּגעהאַלטען געוואָרען גאַסען־פערזאַמלונגען. אייניגע פון די בעסטע רעדנער אין דער פּאַרטיי — מעקגייער, פּאַרסאָנס, סאָטהערן, סעווערי און פילע אַנדערע, האָבען אונטערנומען אַ לאַנגע און סיסטעמאַטישע לעקציען־רייזע איבער'ן לאַנד. סאָציאַליסטישע צייטונגען זיינען ערשינען אין אַלע טיילען פון אַמעריקא און אין פערשידענע שפּראַכען. צווישען די יאָהרען 1876 און 1877 זיינען געגרינדעט געוואָרען ניט ווייניגער ווי 24 צייטונגען, וועלכע זיינען דירעקט אָדער אינדירעקט אויסגעהאַלטען געוואָרען פון דער

פּאַרטיי. צווישען זיי זיינען אכט געווען אין דער ענגלישער שפּראַך. איין טעגליכע — „דער סטאַר" פון סט. לואיס — און זיבען וועכענטליכע: דער „לייבאָר סטענדערד" אין ניו יאָרק, „דהי וואָרקינגמענס באַללעט" און „דהי עקאָ" אין באָסטאָן, „דהי סאָשעל דעמאָקראַט" אין מילוואָקי, „דהי עמענסיפּייטאָר" אין סינסינעטי, „דהי סאָשעליסט" אין דעטראָיט, און „דה טיימס" אן אינדיאַנאַ־פּאָליס. אין דייטש זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען פערצעהן צייטונגען, און זיבען פון זיי זיינען געווען טעגליכע: „דער שיקאַגאָ סאָציאַליסט" און די „שיקאגא פאלקסצייטונג", „די פּאָלקס־שטימע דעם וועסטענס" אין סט. לואיס, „די נייע צייט" אין לואיס־וויל, „די פילאַדעלפיא טאַגעבלאַט", דער „פאָרווערטס" אין נוארק, „די אָהייאָ פאָלקסצייטונג" אין סינסינעטי. „די שיקאַגאָ ארביי־טער צייטונג" פלעגט ערשיינען דריי מאָל א וואָך. זעקס זיינען ער־שיען וועכענטליך: „די ארבייטער שטימע" פון ניו יאָרק, „ארביי־טער פון אָהייאָ" און „פריהייטס באַנער" אין סינסינעטי, „נייע צייט" און „פאַרבאָטע" אין שיקאַגאָ, און דער „פאָרווערטס" אין מילוואָקי. די באָהעמער האָבען ארויסגעגעבען א וואָכענטליכע צייטונג מיט'ן נאָמען „דעלניקע ליסטי", וועלכע איז געדרוקט געווען אין קליוולאַנד. די סקאַנדינאַווישע מיטגלידער האָבען געדרוקט א שוועדישע וואָכענבלאַט אין שיקאַגאָ מיט דעם נאָמען „דען נייע טיד".

די ענערגישע טעטיגקייט פון דער פּאַרטיי, געשטיצט פון די גינסטיגע אומשטענדען, האָט געבראַכט פרוכט. די אָרגאַניזאַציע איז שנעל געוואָקסען אין צאָהל און איינפלוס.

דעם 26טען דעצעמבער 1877 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער ערשטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָהר אין נוארק, ניו דזשוירזי. זיבען און דרייסיג סעקציאָנען זיינען דאָרטען פארטראָטען געווען פון 38 דעלעגאַטען. די הויפּט קוואַרטיר פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע איז אריבערגעפיהרט געוואָרען פון שיקאַגאָ קיין סינ־סינעטי, און ווען־פעטען איז ווידער ערוועהלט געוואָרען אלס נאַצי־אָנאַלער סעקרעטער. די וויכטיגסטע ענדערונגען וואָס דער צוזאַ־

מענפאַהר האָט געמאַכט זיינען געווען אין באַצוג צו פּאָליטישע אַקציאָן. די „יוניטי קאָנווענשאָן“ פון 1876 האָט אָנגענומען, אַז די הויפּט מיסיאָן פון דער נייַ־אָרגאַניזירטער פּאַרטיי דאַרף זיין אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדאַ, און איהר פּראָגראַם און קאָנסטיטוציע זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין אַנקלאַנג מיט דיזען באַגריף. די פּראָגראַם האָט אונטערשטראָכען, דאָס דער עקאָנאָמישער קאַמף שטעהט העכער ווי דער פּאָליטישער קאַמף; די קאָנסטיטוציע האָט ניט פאַרגעשריבען גיינע וועגען פון פּאָליטישע אַקציאָן פאַר דער פּאַרטיי און פאַר איהרע אָפּטיילונגען. אין אַ באַזונדער רעזאָלוציע, וואָס האָט דעם פּונקט פּאַרהאַנדעלט, איז ערקלערט געוואָרען דאָס פּאָלגענדע: „אַז די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, און אַרבייטער אין אַלגעמיין, דאַרפען זיך דערווייל צוריקהאַלטען פון באַטייליגען זיך אין די וואַהלען, און זיך אָפּקערען פון שטים־קאַסטען“.

אין אַ יאָהר צייט האָט זיך אָבער די לאַגע אינגאַנצען געענדערט. דער שנעלער וואוקס פון דער פּאַרטיי און איהר אונערוואַרטעטער ערפאָלג ביים שטים־קאַסטען האָט באַוויזען די סאָציאַליסטען די וויכטיגקייט און די מעגליכקייטען פון פּאָליטישע טעטיגקייט, און האָט געשאַפען אַ שטימונג פאַר אַזאַ טעטיגקייט. די פּאַרטיי איז איבערגעבויט געוואָרען אויף די ליניעס פון אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן, און איהר פּרינציפּען־ערקלערונג און קאָנסטיטוציע זיינען איבערגעשריבען געוואָרען נאָכצוקומען די נייע לאַגע. אָט דיזער צוזאַמענפאָהר האָט, ווי שוין געזאָגט, געביטען דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי פון „אַרבייטער פּאַרטיי“ אויף „די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי“.

דער וואוקס פון דער פּאַרטיי איז פּאָרטגעזעצט געוואָרען אין דעם נעכסטען יאָהר. אין אָנפאַנג פון 1879 איז די פּאַרטיי באַשטאַנען פון אַרום הונדערט סעקציאָנען אין פינף און צוואַנציג שטאַטען, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום הונדערט טויזענט. אין יענער צייט האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען אַן ענדערונג אין דעם אינדוסטריעלען צושטאַנד פון לאַנד. ביסלאַכווייז זיינען די שלעכטע צייטען פאַרשוואונדען, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ צייט פון

פעטע יאָהרען. די פאַבריקען האָבען צוריק געעפענט זייערע טירען. נייע אינדוסטריען זיינען געשאַפען געוואָרען. די נאָכפראַגע אויף ארבייטער האָט זיך פאַרגרעסערט, און דער לוין האָט זיך געהעכערט. די אַלגעמיינע אומצופרידענהייט, וועלכע האָט אין די פאָריגע צוויי־דריי יאָהר געמאַכט אַז די ארבייטער זאָלען זיך צוהערען צום סאָציאַליזם, האָט זיך שנעל איינגעשטילט, און דאָרטען וואו די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרם פלעגען פריהער טרעפען ענטוזיאַסטישע מאַסען, האָבען זיי איצטער געטראָפען אָ קליינעם און אַ גלייכגילטיגען עולם. „די בארויבטע ארבייטער“, האָט געזאָגט וועז־פעטען, „ווערען שנעל צוריק ארייגעשלעפט אין די אויסגעטראָטענע וועגען, און זיי פארמאַכען זייערע אויערן צו די ווערטער פון פאַרשטאַנד. זיי פאַרקויפען זייער בכורה פאַר אַ טאָפ לינזען, און זיי ווייזען צוריק די אויסזיכטען פאַר באַפרייאונג אין דער צוקונפט, ווייל זיי יאָגען זיך נאָך קליינע געווינסען אין דער געגענוואַרט“.

די פאַרטיי איז דאַמאָלסט געוועז יונג און אומערפאַרען, און איהר איינפלוס אויף איהרע אייגענע מיטגלידער איז געוועז שוואַך. ווען די כוואַליע פון גוטע צייטען איז אָנגעקומען, איז די פאַרטיי פאַנאַנדערגעפאַלען, און די מיה פון די פיהרער אויפצוהאַלטען די אָרגאַניזאַציע האָט ניט געהאָלפען. די צאָהל מיטגלידער איז געפאַלען. סעקציעס האָבען זיך אויפגעלייזט און צייטונגען זיינען אונטערגעגאַנגען, ווייל עס זיינען קיין לעזער ניט געוועז. פון די אַכט ענגלישע פאַרטיי צייטונגען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין 1877, איז אין 1789 קיין איינע ניט געבליבען. דער נייער פאַרטיי אָרגאַן אין דער ענגלישער שפראַך, אונטער'ן נאָמען „דהי נעשאָנאַל סאָציאַליסט“ איז געגרינדעט געוואָרען אין מאַי 1878, און איז מיט גרויס מאַטערניש אויפגעהאַלטען געוואָרען עטוואָס מעהר ווי אַ יאָהר. פון די דייטשע צייטונגען האָבען זיך פון חורבן ארויסגעראַטעוועט בלויז דריי: „דער פילאַדעלפיער טאַגעבלאַט“, „די ארבייטער צייטונג“ און „די פאַרבאָטע“ אין שיקאַגאָ.

אין אָנפאַנג 1878 האָט די פאַרטיי פרעסע צוגעקראָגען אַ וויכטיגע קראַפט. עס איז דאַן געגרינדעט געוואָרען די ניו יאָרקער

„פאָלקסצייטונג", אַ טעגליכע צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך, געווידמעט צו די אינטערסען פון סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג. ד צייטונג איז רעדאַגירט געוואָרען מיט אויסערגעוויינליכע פעהיגקייט פון אַ שטאַב פון די פעהיגסטע און ערפאַרענסטע זשורנאַליסטען אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אַלעקסאַנדער יאָנעס, דר. דועי און ס. ע. שעוויטש, אַ רוסישער אַדעליגער, וועלכער האָט זיין בילדונג באַקומען אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד, און איז געווען אַן אויסגעצייכענטער רעדנער און שרייבער. ווען דר. דועי איז געשטאָרבען, איז אויף זיין פּלאַץ אָנגעקומען אַ נאָך מעהר קאָמפּעטענטער מענש, הערמאַן שליטער, אַ וועטעראַן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אייראָפּאַ און אין אַמעריקאַ.

די „פאָלקסצייטונג", פון דעם ערשטען טאָג וואָס זי איז ערשינען, האָט זיך געשטעלט אויף דער שפּיצע פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין אַמעריקאַ. אין פאַרלויף פון איהר קאַריערע האָט זי אַרויסגעהאָלפען די פּאַרטיי פון פילע קריזיסען.

דעם 26טען דעצעמבער 1879 האָט זיך אין אַלעגהעני סיטי אין פּענסילוועניאַ אָנגעפאַנגען דער צווייטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָהר פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי. צוואַנציג סעקציאָנען זיינען דאָרטען געווען פאַרטראָטען דורך פיער און צוואַנציג דעלעגאַטען. די צאָהל מיטגלידער אין דער פּאַרטיי איז אָפיציעל ביי דער קאָנווענשאָן ניט אָנגעגעבען געוואָרען. אָבער זי איז זיכער געווען שרעקליך קליין. לויט דעם באַריכט וואָס דער פאָרשטעהער מעקגווייער האָט אָפּגעגעבען ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין שור, שווייץ, אין 1881, אין די צאָהל געווען אַן ערך פון 26 הונדערט. אָבער לויט די מיינונג פון אַ שטראַסער, איז זי געווען בלויז 15 הונדערט.

דער באַריכט פון דעם נאַציאָנאַלען סעקרעטער וועגען די טעטיגקייט פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע און וועגען דער לאַגע פון דער פּאַרטיי איז געווען אַ טרויעריגער. דער צוזאַמענפאָהר האָט באַשלאָסען צו רעקאָמענדירען עס זאָל אין ניו יאָרק געגרינדעט ווערען

א טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונג מיט'ן נאָמען „יוניאָן"; ער האָט אויך צוטיילט די פאַראייניגטע שטאַטען אין פיער געאָגראַפישע „אגיטאַציאָנס דיסטריקטען" פאַר פּראָפּאָגאַנדאַ צוועקען; ער האָט געמאַכט מאַנכע ניט וויכטיגע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע, און האָט אָפּגעגעבען א גרויסע טייל פון דער צייט אויף באַשפּרעכען די פראַגע וועגען באַטייליגען זיך אין דעם פּרעזידענט וואַהל פון 1880. אין אַלגעמיין האָט דער אַלעגהעני צוזאַמענפאָהר זעהר וועניג אויפגעטאָן צו פאַרבעססערען די לאַגע פון דער באַוועגונג.

ביים ענדע פון 1860 און ביים אָנפאַנג פון 1881 איז די באַוועגונג פאַרשטאַרקט געוואָרען דורך דעם, וואָס עס זיינען אַהער אָנגעקומען עטליכע פּאַרטיעס פון פּאָליטישע אַנטלאָפענע פון דייטשלאַנד. די מייסטע פון דיזע לייט זיינען געווען טעטיג אין דער באַוועגונג אויף יענער זייט ים, און זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען פון דייטשלאַנד אין דער צייט פון די פאַרפאָלגונגען געגען די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען זיך אָנגעפאַנגען מיט די אַנטי־סאָציאַליסטישע געזעצען פון 1878. דאָ זיינען זיי וואַרים עמפּאַנגען געוואָרען פון זייערע גענאָסען, און עס זיינען פאַר זיי אָרגאַניזירט געוואָרען א צאָהל פאַרזאַמלונגען.

אין אוגוסט 1880 האָט די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד, אויף איהר צוזאַמענפאַהר אין ווידען, באַשלאָסען צו שיקען א דעפּוטאַציע אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען צו באַקענען די אַרבייטער מיט דער לאַגע פון דער פּאַרטיי אונטער די אַנטי־סאָציאַליסטישע געזעצען, און צו זאַמלען געלט פאַר די אָנקומענדע וואַהלען צו דעם דייטשען רייכסטאַג. פ. וו. פריטשע און לואיס ווירעק, צוויי סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען און פאָלקסרעדנער, זיינען באַשטימט געוואָרען פאַר דיזען צוועק, און זיי זיינען אָנגעקומען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען אין פעברואַר 1881. זיי זיינען וואַרים עמפּפאַנגען געוואָרען ניט בלויז פון דער פּאַרטיי, נאָר פון א צאָהל טרייד־יוניאָנס און אַנדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען. זיי האָבען גערעדט אויף גרויסע מאַססענפאַרזאַמלונגען

פאַר א באַגייסטערטען פובליקום אין ניו יאָרק, באָסטאָן, נואַרק, פילאַדעלפיא, מילוואָקי, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעדט. זייערע פאַרזאַמלונגען זיינען אויסגענוצט געוואָרען פאַר אַלגעמיינע פראָפאַגאַנדאַ פון דעם סאָציאַליזם, און אָפט האָבען ענגלישע רעדנער אויך אדרעסירט די פאַרזאַמלונגען. דאָס האָט געווירקט אויפצולעבען אביסעל די סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

אָבער די ווירקונג איז געווען בלויז א צייטווייליגע. אזוי שנעל ווי די צוויי דייטשע אַגיטאַטאָרס האָבען פאַרלאָזען דאָס לאַנד, האָבען די ניי צוגעקומענע מיטגלידער אָנגעפאַנגען צו פאַרלאָזען די אָרגאַניזאַציע, און די פּאַרטיי איז ווידער איינגעשלאָפען. אין דעצעמבער 1881 איז דער דריטער צופאַמענפאָהר פון דער פאַרטיי אפגעהאַלטען געוואָרען אין ניו יאָרק. זיבצעהן סעקציאָנען זיינען געווען פאַרטראָטען פון ארום צוואַנציג דעלעגאַטען. די מעהרסטע פון זיי זיינען געקומען פון ניו יאָרק און פון ברוקלין אלס פאַרשטעהער פון אָרטיגע סעקציעס, אָדער אלס שטעל-פאַרטרעטער פאַר אַנדערע סעקציאָנען. קיין וויכטיגע געשעפטען זיינען ניט פאַרהאַנדעלט געוואָרען, און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטער האָט געמאָלדען דאָס די גרעסטע צאָהל סאָציאַליסטען אין די פאַראייניגטע שטאַטען געהערען ניט צו דער פּאַרטיי.

די לאַגע פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי איז געוואָרען שווערער און שווערער; די סאָציאַלע צופרידענהייט און די פּאָליטישע גלייכגילטיגקייט פון די מאַסען איז געשטאַנען ווי א דיקע וואַנט. קיין נייע מיטגלידער זיינען ניט צוגעקומען, און די אַלטע מיטגלידער האָבען פאַרלאָרען דעם מוט און זיינען אוועקגעפאַלען פון דער פּאַרטיי.

און דערצו האָט זיך נאָך באַוויזען א נייער געפאַהר, וועלכער איז ערשינען און געסטראַשעט די אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג — **דער אַנאַרכיזם**.

2. דער קאַמף מיט'ן אַנאַרכיזם.

דער סאָציאַליזם און דער אַנאַרכיזם וואַקסען ביידע אַרויס פון אַ געגנערשאַפט צו דער איצטיגער אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט. זיי ביידע איינינען זיך אין דעם, וואָס זיי פאַרדאַמען די עקזיסטירענדע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע איינריכטונג. אָבער דערמיט ענדיגט זיך זייער עהנליכקייט ; אין די מייסטע אַנדערע אַנזיכטען זיינען זיי אין געגענזאַץ איינער צום אַנדערן.

דער סאָציאַליזם שטעלט אַוועק די סאָציאַלע קערפערשאַפט איבער דעם איינצעלנעם ; וועהרענד דער אַנאַרכיזם שטרעבט צו באַפרייען דעם איינצעלנעם פון די קייטען פון דער געזעלשאַפט. דיזע געגענזעצטע באַגריפען וועגען די רעכטע און די פונקציאָנען פון דער געזעלשאַפט און דעם איינצעלנעם זיינען פאַראַנטוואָרט ליך פאַר די מייסטע אונטערשידען צווישען די צוויי שולעס.

אמת, דער סאָציאַליזם באַטראַכט ניט די מאָדערנע געזעלשאַפט אלס אַן אָרגאַניזם, אין דעם ביאָלאָגישען זין פון דעם וואָרט. ער באַטראַכט זי אָבער אלס אַן אָרגאַניזירטע קערפערשאַפט, וועלכע איז צונויפגעבונדען מיט יעדען איינצעלנעם מיטגליד, פון וועלכען זי איז צונויפגעשטעלט. פאר'ן סאציאַליסט איז דער איינצעלנער פריהער פאַר אַלץ אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, וועלכער דאַרף דורכפירען געוויסע פונקציאָנען פאַר דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין, און וועלכער ציהט זיין הויפט קראַפט פון וואָהל־זיין פון זיין פאַרבינדונג מיט דער געזעלשאַפט. דעם סאָציאַליסט געפעלט ניט די איצטיגע אָרדנונג דערפאַר וואס איז איהר איז ניטאָ דער ריכטיגער סאָציאַלער גלייכגעוויכט ; זיין אידעאַל פון ציוויליזאַציאָן איז אַ קאָאָפּעראַטיווע קערפערשאַפט. דאָס הייסט, אַזאַ געזעלשאַפט, אין וועלכער דער סאציאַלער און אינדוסטריעלער לעבען איז אָרגאַניזירט אויף אַ ראַציאָנאַלען און וויסענשאַפטליכען

באזיס, וועלכער פאָדערט פון יעדען איינצעלנעם זיין חלק פון דיענסט צו דער נוצליכקייט, און גאראנטירט יעדען איינעם די מעגליכקייט צו געניסען און צו ענטוויקלען אלע זיינע אייגענשאפ־טען. דער אנארכיסט, פארקערט, באטראכט די געזעלשאפט בלויז אלס א גרופע פון איינצעלנע. ער באטראכט די העכסטע גראד פון ענטוויקלונג, ווען דער איינצעלנער האָט די פולע הער־שאפט, און ער באטראכט אלע סאָציאלע באגרעניצונגען אויף פערזענליכע פרייהייט אלס שעדליכע און רעאקציאָנערע עלעמענ־טען אין דער מענשליכער ציוויליזאציאָן. ער באטראכט דעם שטאאט אלס א מיטעל צו באגרענצען אינדיווידועלע פרייהייט פון דעם בירגער, און ער פארהאסט רעגירונג און געזעצען אלס אונ־נויטיגע שטערונגען צו די פרייע האנדלונג פון דעם איינצעלנעם. דער אנארכיסט קריטיקירט די איצטיגע געזעלשאפט ניט דערפאר וואָס זי איז ניט גוט אָרגאנזירט פאר דעם וואָהל־זיין פון כלל, נאָר ווייל זי איז צופיעל אָרגאניזירט. זיין אידעאל פון א שטאאט איז אזא, וועלכע באשטעהט פון א צאָהל גרופען, אין וועלכע עס טרעטען אריין מענשען און פארבינדען זיך פאר די צוועקען פון פראדוקציאן און וועקסלען פון סחורות אומגעפעהר אויפ'ן זעלבען פלאן, ווי די פוריאָריסטישע פאלאנקסעס. דער אנארכיסט איז געגען א סאציאליסטישע רעגירונג פון פראָדוקציאן און אינדוסטרי. ער גלויבט, אז מען דארף לאָזען פריי ווירקען די געזעצען פון נאָכ־פראגע און אָנבאָט. ער איז געגען אלע סאָציאלע באשרענקונגען, און ער איז זיכער, דאָס פארברעכען וועט אינגאנצען פארשווינדען, און אז די בעסטע באציהונגען צווישען מענשען וועלען פון זיך אליין איינגעפיהרט ווערען, אזוי שנעל ווי די איצטיגע געקינצעלטע סאָציאלע און רעגירונגס איינריכטונגען וועלען אָפגעשאפט ווערען. דער אנארכיסט איז געגען די מאיאָריטעט הערשאפט. ער האלט עס פאר דער ערגסטע פאָרמע פון טיראנייע, און ער צייגט אָן אויף דעם פאקט, דאָס די בעסטע נייע איינריכטונגען אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער ראסע זיינען געוועהנליך איינגעפיהרט געוואָ־רען נאָך א שווערען קאמף געגען די מאיאָריטעט.

די געגענגעזעצטע טאַקטיק און מעטאָדען פון די סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען זיינען דער רעזולטאַט פון די פּראַקטישע אָנווענדונג פון אָט דיזע געגענגעזעצטע סאָציאַלע אַנשויאונגען.

דער סאָציאַליסט, באַטראַכטענדיג די געזעלשאַפט אַלס אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, האַלט, אַז די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט מוז אָנגעהן ביסלאַכווייז און אונטער באַשטימטע געזעצען. ער גיט ניט צו די מעגליכקייט פון א גרינדליכע איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט, סיידען דיזע איבערבואויאונג ווערט פאַרבאַרייטעט דורך אַ גאַנצע סעריע פון סאָציאַלע און אינדוסטריעלע ענטוויקלונג, און אַן ענדערונג אין די סאָציאַלע און פּאָליטישע אַנשויאונגען פון די מענשען. ער קעמפּט ניט געגען איינצעלנע, נאָר געגען דער גאַנצער סיסטעם. זיין האָפנונג אויף דער סאָציאַליסטישער רעטונג איז באַגרינדעט הויפּטזעכליך אויף די טענדענצען און ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, און ער ערוואַרטעט, אַז די פאַרווירקליכונג פון זיין אידעאַל וועט קומען דורך דער פאַראייניגטער מיה פון די גרעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג. ער גלויבט, אַז דער ארבייטער קלאַס וועט זיין דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין דער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט דערפאַר, ווייל די גוטס, וואָס אזא איבערבויאונג וועט ברענגען, זיינען דירעקט אין די אינטערעסען פון דיזען קלאַס. דערפאַר ווענדעט אָן דער סאָציאַליסט זיין גאַנצע ענערגיע צוצוגרייטען דעם ארבייטער־קלאַס פאַר דער ראָלע, וואָס ער דאַרף אין דיזער אַרבייט שפּילען.

דער סאָציאַליסט זוכט צו ענטוויקלען דעם באַוואוסטזיין ביי די אַרבייטער וועגען זייערע קלאַסען־אינטערעסען. ער טוט דאָס דורך מינדליכע און שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדאַ פון די סאָציאַליסטישע אַנשויאונגען און טעאָריעס. אין די אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציאָנען און קעמפע פון די אַרבייטער זעהט ער דעם אויסדרוק פון אומצופרידענהייט מיט דער איצטיגער אינדוסטריעלער סיסטעם, און דערפאַר ערמוטיגט ער זיי און ער זוכט אין זיי אריינצוטראגען דעם גייסט און די פילאָזאָפי פון דעם סאָציאַליזם. אין

דער פּאָליטיק זעהט ער א מעכטיגען מיטעל צו פאָרמולירען און צו ברענגען צום אויסדרוק די פאָדערונגען פון די מאַסען, און דערפאר אגיטירט ער פאר פּאָליטישע טעטיגקייט פון די ארבייטער אויף סאָציאליסטישע ליניען. די הויפט טעטיגקייט פון דעם סאָציאליזם איז בילדען אן ארגאניזאציאן. זיינע וואפען זיינען פּראָפּאגאנדא, קאָאָפעראציע מיט די טרייד־יוניאָנס, און דער שטים־קאסטען.

פון דעם שטאנדפונקט פון דער פילאזאָפיע פון דעם רעוואלוציאָנערען אנארכיזמס, אָבער, זיינען דיזע אלע מעטאָדען צו לאנגזאם. ער גלויבט אז די וועלט איז גרייט פאר די ראדיקאלסטע רעוואלוציאָנען צו יעדער צייט. עס פאָדערט זיך בלויז א קליינע צאָהל ענטשלאסענע מענשען, וועלכע זאָלען גרייט זיין צו שטעלען זייערע לעבענס אין געפאהר פאר דעם וואָהלזיין פון די אונטערדריקטע מאַסען. און עס מאַכט ניט אויס, וואס דיזע וואגענדע רעוואָלוציאָנערען וועלען פילייכט ניט האָבען די שטיצע און די סימפּאטיע פון דער מאַיאָריטעט פון דער באפעלקערונג; די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער באפעלקערונג וויים סיי־ווי־סיי קיינמאָל ניט זיינע אינטערעסען, און שאצט אָפּ א נאָבעלען טהאט ערשט נאָכדעם ווי עס ווערט ערפאלגרייך דורכגעפיהרט. אלע גרויסע רעוואָלוציאָנען, זאגען די אנארכיסטען, זיינען דורכגעפירט געווארען פון א קליינע מינאָריטעט, און אלע גוטע זאכען זיינען אויף דער מענשהייט ארויפגעצוואונגען געוואָרען.

אין אנקלאנג מיט דיזע אנשויאונגען, ווייזען די אנארכיסטען צוריק פּאָליטישע טעטיגקייט אלס א נוצלאזע קאָמעדיע, און זיי באדויערען די אנשטרענגונגען פון די יוניאנס און די סאציאליסטען צו פארלייכטערען די לאגע פון די ארבייטער, וויל דאס קען צוריקהאלטען די רעוואלוציאן דורך דעם, וואָס די אומצופרידענהייט פון די ארבייטער מיט די איצטיגע אומשטענדען ווערט פארקלענערט. די רעוואלוציאנערע אנארכיסטען גיבען זיך אָפּ הויפּטזעכליך מיט זייען קערענדלאך פון רעוואלוציאן צווישען די אָרימע, און מיט אָנפירען א פערזענליכען קריג געגען יענע מענשען, וועלכע זיי באטראכטען אלס פאראנטוואָרטליך פאר די סאָציאלע אומגערעכ-

טיגקייטען — די הויכע און מעכטיגע פּערזאָנען אין אַלע לענדער. זייערע וואפען זיינען די „פּראָפּאַגאַנדאַ דער וואָרט" און „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טאַט".

דער אַנאַרכיזם איז, אַלזאָ, דער עקסטרעמער אבער לאָגישער אויסגאַנג פון די אינדיווידועלע פילאָזאָפיע פון די פראַנצויזישע און ענגלישע שולען. די טעאָריעס פון הערבערט ספּענסער און פון יאָהאַן מאָסט אונטערשיידען זיך אין גראַד, אבער ניט אין אינהאַלט.

דער ערשטער, וואָס האָט פאָרמולירט די טעאָריע פון דעם מאָדערנעם אַנאַרכיזם איז געווען דער פראַנצויזישער רעפאָרמער און עקאָנאָמיקער פּ. דזש. פּרודאָן, וועמעס ווערק „וואָס איז אייגענטום", געדרוקט אין 1840, האָט ענטהאַלטען די ערשטע אַנצוהערעניש אויף דיזע סאָציאַלע טעאָריע, און וועלכער האָט ענטוויקעלט די סיסטעם פון אַנאַרכיזם אין אַ שפּעטערע ווערק, וועלכע איז די וויכטיגסטע, וואָס ער האָט אַנגעשריבען, אונטער'ן נאָמען „די סיסטעם פון עקאָנאָמישע ווידערשפּרעכונגען".

די סיסטעם איז עטוואָס מאָדיפיצירט און פּאָפּולאַריזירט געוואָרען דורך מיכאַאיל באַקונין, וועמעס נאָמען מיר האָבען שוין דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין די לעצטע יאָהרען זיינען די הויפּט־פּרעדיגער פון דעם געדאַנק געווען פּרינץ קראָפּאָטקין און יאָהאַן מאָסט. יעדער פון דיזע מענשען האָט צוגעגעבען עטוואָס צו דער טעאָריע, און איז באַעהרט געוואָרען מיט דעם נאָמען „דער פאָטער פון אַנאַרכיזם". כאָטש די גרונדלאַגען פון די אַלע פאַרפאַסערס זיינען די זעלבע, זיינען אָבער די שליסע, וואָס זיי ציהען פון זיי, זעהר ווייט פאַרשידען. עס איז אָפט געזאָגט געוואָרען, אַז עס זיינען דאָ אַזוי פיעל אַנאַרכיסטישע סיסטעמען, ווי אַנאַרכיסטישע שרייבער. די לעצטע ביישטייערונג צו דיזע סיסטעמען איז די טעאָריע פון אַנאַרכיסטישען קאָמוניזם, אַ אויסגעמוטשעטער פאַרזוך צו פאַראייניגען די פּרינציפּען פון עקסטרעמען אינדיווידואַליזם מיט די פּרינציפּען פון קאָלעקטיוויזם.

אונטער דעם איינפלוס פון באקונינ'ס אַגיטאַציע האָט דער אַנאַרכיזם אין אַ געוויסע צייט געפונען נאָכפאָלגער אין פראנקרייך, שפאניען, איטאַליען, עסטרייך און שווייץ. אין דייטשלאנד איז עס ווייניג באוואוסט געווען. עס איז אַ מערקווירדיגער פאקט, דאָס דער אַנאַרכיזם מאכט דעם קלענסטען ערפאָלג דאָרטען, וואו די סאָציאַליסטישע באוועגונג איז אַם שטאַרקסטען.

אין די פאראייניגטע שטאַטען האָט דער אַנאַרכיזם זיך באַוויזען צום ערשטען מאָל אין דער זעלבער צייט, ווען די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט גענומען געהן אראָפּ באַרג. ביי דעם אַלענגהעני צוזאַמענפאהר אין 1879 האָט זיך שוין גענומען מערקען אַ צוטיילונג אין דער פּאַרטיי צווישען די מעסיגע און די מעהר ראַדיקאַלע עלעמענטען. מיט אַ שטיקעל צייט פריהער האָבען די סאַציאַליסטען פון שיקאַגאָ און סינסינעטי אָרגאַניזירט מיליטעריסטישע אָרגאַניזאַציעס פון ארבייטער אונטער דעם נאָמען „לעהר און וועהר פאַראיינען“. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי איז געווען געגען דיזע ארגאַניזאַציאָנען אויף דעם גרונד, אַז זיי קענען שאַפען אַ פאַלשען איינדרוק וועגען די ציעלען און דעם כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. „ווי באַלד זיי טראָגען דעם רויטען פאָהן, און ערקלערען סאציאַליסטישע טענדענצען, קען דער עולם קריגען דעם איינדרוק, אַז די סאַציאַליסטען זיינען ענטשלאָסען צו נעמען מיט געוואַלד דאס, וואָס זיי קענען ניט קריגען דורכ'ן שטים־קאַסטען“. אַזוי האָט ווען־פעטען באַריכטעט ביי דעם צוזאַמענפאָר. די נאַציאָנאַל עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט עפענטליך ערקלערט, אַז זי האָט קיין פאַרבינדונג ניט מיט די מיליטעריסטישע אָרגאַניזאַציאָנען, און געבעטען אַלע פּאַרטיי מיטגלידער פון זיי ארויסצוטרעטען.

די פאָרשטעהער פון די מיליטעריסטישע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען האָבען עס געהאַלטען פאַר אַן עולה, וואס די עקזעקוטיוו קאָמיטע מישט זיך, און ווען דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אנגעפאַנגען, האָבען זיי געמאַכט אַ פאַרשלאַג, אַז די עקזעקוטיוו קאָמיטע זאָל געטאַדעלט ווערען. נאָך אַ היציגע דיסקוסיאָן איז דער

פאַרשלאַג אנגענומען געוואָרען מיט א קליינע מאַיאָריטעט שטימען.

אין אלגעמיין, אבער, האָט דער מעסיגער עלעמענט געפירט דעם צוזאמענפאַר, און דער ראַדיקאלער פליגעל האָט ארויסגעצייגט אָפּענע אונצופרידענהייט מיט דער פּאַרטיי־פּאָרוואַלטונג. אין נאָ־וועמבער 1889 האָט א צאָל מיטגלידער פון די ניו יאָרקער סעקציעס פאַרלאָזען די פאַרטיי און געגרינדעט א „רעוואָלוציאָנערען קלוב“, וועלכער האָט אנגענומען א פרינציפּען־ערקלערונג לויט דעם אַל־געמיינעם גאָטא פּראָגראַם פון דער דייטשער סאָציאל דעמאָקראַטיע. אין דער ערקלערונג האָבען זיך אבער דורכגעוואָרפען אנארכיסטי־שע פּראַזען. די פירענדע גייסטער פון דער באַוועגונג זיינען געוועזען ווילהעלם הייזעלמאַן, אן אלטער לאַסאַליאַנער און א געוועזענער מיטגליד פון דעם דייטשען רייכסטאַג, וועלכער האָט אמאָל גע־שפּילט א גרויסע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון זיין פאָטערלאַנד, און וועלכער איז בלויז מיט א שטיקעל צייט פריהער אָנגעקומען אין ניו יאָרק. צווישען די אנדערע גוט־באַ־קאַנטע מענער אין דער נייער באַוועגונג זיינען געוועזען היוסטוס שוואַב און מ. באַכמאַן. עהנליכע רעוואָלוציאָנערע קלובען זיינען באַלד געגרינדעט געוואָרען אין באָסטאָן, פילאדעלפיא און מילוואָקי. די באַדייטענדסטע קלובען זיינען געוועזען די שיקאַגאָ׳ר, וואו די וויכ־טיגסטע פיהרער זיינען געוועזען פאָול גראַדקאָוו, אָוגוסט שפּיעז, און אלבערט ר. פאַרסאָנס.

אין אָקטאָבער 1881 איז אין שיקאַגאָ אָפּגעהאַלטען געוואָרען א נאַציאָנאַלער צוזאמענפאָר פון די רעוואָלוציאָנערע קלובען, יואי עס איז ארגאַניזירט געוואָרען די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע ארבייטער פאַרטיי.

דער כאַראַקטער פון דער נייער באַוועגונג איז פאַרלויפיג געוועזען אן אונבאַשטימטער. זי האָט זיך געוואַקעלט צווישען ראַ־דיקאַלען סאָציאַליזם און אויסגעשפּראָכענעם אנאַרכיזם. איהר האָט געפעלט א פיהרער, וועלכער זאָל האָבען גענוג שטאַרקייט און איינפלוס איהר צו פיהרען אויף א באַשטימטען וועג. אזא פיהרער האָט זיך באַלד געפונען אין דער פּערזאָן פון יאָהאַן מאָסט.

יאָהאַן מאָסט איז געבאָרען אין אױגסבורג, דײטשלאַנד, אין 1846, בײ אַן אָרימען אונטער־אָפיצער. א קראַנקײט, װעלכע האָט זיך געצױגען פינף יאָהר נאָכאַנאַנד, אַן אָפּעראַציע, װעלכע האָט איהם איבערגעלאָזען מיט א פאַרקריפּעלט געזיכט, א בײזע שטיף־מוטער, און שפּעטער א גרױזאַמער בעל־הבית, בײ װעמען ער האָט געדינט — אָט אָ די אַלע זאַכען האָבען אָנגעפילט די קינדערשע יאָהרען פון דעם צוקונפטיגען פאַרשטעהער פון אַנאַרכיזם. ער האָט באַקומען א זעהר מאָגערע שוהל־בילדונג. ער האָט אָבער פיעל געלעזען, און אַלס א יונגער־מאַן האָט ער געררײזט אין דײטשלאַנד, עסטרײך, איטאַליען און די שװײץ. אין דער שװײץ איז ער געקומען אין באַריהרונג מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל זײט דאַן איז ער געװען טעטיג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג.

אין דעם זומער פון 1869 איז ער פאַראורטײלט געװאָרען צו א מאָנאַט טורמע פאַר א רעװאָלוציאָנערע רעדע אין װיען. דעם נעקסטען יאָהר האָט ער זיך באַטײליגט אין אָרגאַניזירען א גרױסע מאַסען־דעמאָנסטראַציע פאַר פרײע רעדע, פּרעסע און פאַרזאַמלונג, און איז אַרעסטירט געװאָרען אױף דער קלאַגע פון האָך־פאַרראַט, געפונען געװאָרען שולדיג, און פאַרשיקט געװאָרען אױף פינף יאָהר אין געפענגעניש. אין עטליכע מאָנאַטען אַרום איז ער באַגנאַדיגט געװאָרען, און אַביסעל שפּעטער איז ער אַרױסגעשיקט געװאָרען פון עסטרײך. אין די נעקסטע זיבען יאָהר האָט ער געשפּילט א פיהרענדע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג פון דײטשלאַנד. אין 1874 און אין 1877 איז ער ערװעהלט געװאָרען צום רײכסטאַג אַלס דעפּוטאַט פון כעמניץ. אין יענע יאָהרען איז ער געזעסען צװײ מאָל אין געפענגניש פאַר האַלטען אױפרײצענדע רעדעס. אין 1878, גלײך נאָכדעם װי עס זײנען דורכגעפיהרט געװאָרען אין דײטשלאַנד די אַנטי־סאָציאַליסטישע געזעצען, איז ער אַרױסגעשיקט געװאָרען פון בערלין. ער איז אַװעק קײן לאָנדאָן, װאו ער האָט געגרינדעט א װאָכענטליכע צײטונג מיט'ן נאָמען „פרײהײט“. דאַמאָלסט האָט ער דאָס אָנגעפאַנגען ביסלאַכװײז

אָפּצוטרעטען פון די פּרינציפּען פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און צוקומען נעהענטער און נעהענטער צו דעם רעוואָלוציאָנערען אַנאַרכיזם.

ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געטויטעט געוואָרען פון די רוסישע ניהיליסטען אין 1881, האָט מאָסט געדרוקט אַן ארטיקעל אין זיין „פרייהייט“, אין וועלכען ער האָט גערימט דיזען טאַט, און האָט אויפמעפאדערט אנדערע זאָלען דאָס נאָכטאָן. פאַר דיזען ארטיקעל איז ער גע'משפט געוואָרען אין ענגלישען געריכט, און פאַראורטיילט געוואָרען צו שווערע ארבייט אין געפענגניש אויף זעכצעהן מאָנאַטען. קורץ נאָכדעם, ווי ער האָט זיין טערמין אין געפענגניש געענדיגט, איז ער אנגעקומען אין ניו יארק.

פאַר די מיטגלידער פון די רעוואָלוציאָנערע קלובען אָדער די סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערען, ווי זיי האָבען זיך גערופען, איז מאָסט געוועזען אַ גרויסער געווינס, אַ מעכטיגער און פּאָפּולערער רעדנער, אַ בריליאַנטענער זשורנאַליסט און אַ מארטירער — דער אידעאַלער מענש צונויפצוקלייבען די ענטמוטיגטע און דעמאָראַליזירטע עלע־מענטען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אמעריקא אונטער די פאָהן פון אויפשטאַנד און פאַרניכטונג.

די גרויסע מאַסענפאַרזאַמלונג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען פאַר זיין אויפנאַמע אין דעם גרויסען קופּער יוניאָן אינסטיטוט, אין דעצעמבער 1882, איז געוועזען אַן אָוואַציע „פאַר דעם אָפּפער פון דער בורזשואַזער גערעכטיגקייט“, און זיין רייזע דורך די הויפּט שטעדט פון לאַנד אין די ערשטע מאָנאַטען פון 1883 איז געוועזען אַ טריאומף־פּראָצעסיע. זיינע פאַרזאַמלונגען זיינען געוועזען גרויסע און ענטוזיאַסטישע. די צייטונגען האָבען וועגען זיי געשריבען, און אַלס רעזולטאַט פון זיין אַגיטאַציע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אַ צאָל אַנאַרכיסטישע גרופּען.

אין אָקטאָבער 1883 איז אין פּיטסבורג אָפּגעהאַלטען געוואָ־רען אַ פאַראייניגטער צוזאַמענפאָר פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנע־רען און אַנאַרכיסטען. ביים צוזאַמענפאָר זיינען געווען פאַרטרע־

טער פון זעקס און צוואַנציג שטעדט. צווישען די דעלעגאַטען זיי־נען געווען מאַסט, שפּיעז און פּאַרסאָנס. גראַטולאַציאָנס־בריף זיינען ערהאַלטען געוואָרען פון פילע טיילען פון די פאַראייניגטע שטאַטען און פון אַנאַרכיסטישע גרופּען אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, מעקסיקאָ, שפּאַניען און האָלאַנד. דער צוזאַמענפאָר האָט געגרינ־דעט אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן פון אַלע סאָציאַל־רעוואָלוציאָ־נערע און אַנאַרכיסטישע גרופּען אונטער׳ן נאָמען „אינטערנאַציאָ־נאַלע אַרבייטער געזעלשאַפט“. די זעלבסט־פּאַרוואַלטונג פון די גרופּען איז פאַרבליבען ווי פריהער, נאָר עס איז געשאַפען געוואָרען אַן אַלגעמיינע אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ, וועלכע האָט געדאַרפט פיהרען פאַרהאַנדלונגען צווישען די גרופּען, אָבער וועלכע האָט ניט געהאַט קיינע אויספיהרענדע מאַכט. איהר הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אין שיקאַגאָ.

די וויכטיגסטע זאַך וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט געטאָן איז געווען אויסצואַרבייטען אַ פּרינציפּען־ערקלערונג, וועלכע איז שפּע־טער בארימט געוואָרען אַלס די פּיטסבורגער פּראָקלאַמאַציע, און וועלכע ווערט נאָך איצטער באַטראַכט אַלס די קלאַסישע ערקלע־רונג פון דעם קאָמוניסטישען אַנאַרכיזם. דיזע פּרינציפּען־ערקלע־רונג איז, פּונקט ווי דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם אליין, אַ מי־שאַכץ פון פאַרשידענע, און ניט אימער האַרמאָניזירענדע, עלע־מענטען.

אין דיזער ערקלערונג זיינען דורכגעוואָרפען די ווידערשפּרע־כענדע טעאָריעס פון מאַרקס און פּרודאָן, און די פילאָזאָפיע פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען פון דעם אַכטצענטען יאָהר־הונדערט. זי ערקלערט, אַז דער ציעל פון דער באַוועגונג איז „די פאַרניכטונג פון דער עקזיסטירענדער קלאַסען־רעגירונג דורך אַלע מיטלען, דאָס הייסט, די ענערגישע רעוואָלוציאָנערע און אינטער־נאַציאָנאַלע טעטיגקייט“, און די גרינדונג פון אַן אינדוסטריעלען סיסטעם, געשטיצט אויף „די פרייע אויסטויש פון פּראָדוקטען צווי־שען די פּראָדוצירענדע אָרגאַניזאַציאָנען און אָהן די פאַרמיטלונג פון די מיטעל־לייט און פּראָפיט־מאַכער“.

דער פּיטסבורגער צוזאמענפאָר און די אגיטאַציאָנס־רייזעס, וואָס מאָסט און אנדערע פּראמינענטע אנאַרכיסטען האָבען געמאכט, האָבען געבראכט רעזולטאַטען. דער אנאַרכיזם איז געוואָרען א קראפט אין די ראדיקאלע קרייזען פון דער ארבייטער באוועגונג אין די פאראייניגטע שטאַטען, ספּעציעל צווישען די דייטש־שפּרעכענדע ארבייטער. די „גרופּען" האָבען זיך פארמעהרט פון יאהר צו יאהר, און די צאָהל מיטגלידער איז געוואקסען כסדר. די „פרייהייט" האָט געקראָגען א גרויסע צירקולאַציע; מאנכע פון די פריהער־דיגע סאָציאַליסטישע צייטונגען, ווי די שיקאַגאָ'ר „ארבייטער צייטונג" און „פאָרבאָטע", האָבען פארלאָזען דעם סאָציאַליסטישען לאַגער און זיך אנגעשלאָסען אָן דער אנאַרכיסטישער באוועגונג, און איניגע נייע אנאַרכיסטישע צייטונגען זיינען געגרינדעט גע־וואָרען.

דער וואוקס פון דער באוועגונג האָט נאָך מעהר אָפּגעשוואכט די רייען פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פּאַרטיי. ענטמו־טיגט פון די נידערלאַגעס אויפ'ן פּאָליטישען פעלד, פארלירענדיג די האָפנונג אין די לאַנגזאַמע מעטאָדען פון סאָציאַליסטישער פּראָ־פּאַגאנדא, האָבען פילע מיטגלידער זיך גענומען צוהערען צו די אנ־גענעמע אנאַרכיסטישע טעאָריעס. איין סעקציע נאָך דער צוויי־טער, איז ארויסגעטראָטען פון דער פּאַרטיי און זיך אנגעשלאָסען אָן די אינטערנאציאָנאַליסטען. אין 1883 איז פון דער גאַנצער מיטגלידערשאפט פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי געבליבען 15 הונדערט, און די פיהרער זיינען געצוואונגען געווען צו קאָנצענטרירען זייער גאַנצע ענערגיע אויפצוהאַלטען די הייל־פעלע, וואָס איז פארבליבען.

א היציגע פּאָלעמיק האָט זיך ענטוויקעלט צווישען דער „פריי־הייט" און דעם „בולעטין", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער סאָ־ציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי. דער „בולעטין" איז געווען זעהר ערנסט אין דער פּאָלעמיק, ווערענד די „פרייהייט" איז געווען וויציג און קלוג. אין אלגעמיין געערעדט קען מען זאָגען, דאָס אויב די „פרייהייט" האָט ניט אימער פארגעליינט די בעסטע ארגומענ־

טען, האָט זי אבער מעהר ערפאלג געהאט אין חוזק מאכען פון איהר געגנער. און דאס האָט איהר צד שטארקער געמאכט.

באזיעגט אין דעם קאמף און ענטמוטיגט פון דער אלגעמיינער לאגע אין דער פארטיי, האָט פיליפ וואן־פעטען, וועלכער איז זעקס יאָהר געווען ידער נאַציאָנאלער סעקרעטער, אין פארצווייפלונג זיך צוריקגעצויגען. דעם 22טען אפּריל 1883 איז ער פּלוצלונג פאר־שוואונדען, ערקלערענדיג אין א בריף, וואס ער האָט איבערגעלאזען, אז ער איז ענטשלאסען צו באגעהן זעלבסטמאָרד. שפּעטער האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דער בריף איז בלויז געווען א מיטעל אפּ־צואווענדען די אויפמערקזאמקייט פון זיינע פריהערדיגע גענאָסען זיי זאָלען איהם ניט זוכען. אין דער ווירקליכקייט האָט וואן־פּע־טען געפונען א מעהר פרידליכע און בעסער באצאָלטע באשעפטיגונג פאר דער רעגירונג. דער פארלוסט פון וואן־פּעטען גראד אין דער צייט איז געווען א שטארקער קלאפּ פאר דער ארגאניזירטער סאָ־ציאליסטישער באוועגונג. ער איז געווען אן עכטער אמעריקאנער פון א שעהנער פאמיליע, מיט אן אויסגעצייכענטע בילדונג, און איז געווען טעטיג און פּראָמינענט אין דער סאציאליסטישער באוועגונג צעהן יאָהר נאָכאנאנד. ער איז געווען א באגייסטערטער און אי־בערגעבענער מענש, אבער ניט קיין שטארקער און פּאָפּולערער פיהרער. ניט אזוי דער פארלוסט פון זיין פּערזאָן, נאָר דער מאָ־ראלער עפעקט פון דעם וואָס ער האָט זיך צוריקגעצויגען, האָט גע־ווירקט צו ענטמוטיגען די סאָציאליסטישע באוועגונג. וואן־פּע־טען'ס אמט האָט פארנומען איינער שניידער, וועלכער האָט רעזיג־נירט אין אָקטאָבער 1883. הוגאָ וואָגט איז ערוועהלט געווארען צייטווייליג ביז דעם נעכסטען צוזאמענפאָר, וועלכער האָט גע־דארפט אפּגעהאלטען ווערען אין דעצעמבער.

צום פיטסבורגער צוזאמענפאָהר פון די סאציאל־רעוואלוציאָ־נער'ען, וועלכער איז אפּגעהאלטען געווארען פריהער, איז די סאָ־ציאליסטישע ארבייטער פארטיי איינגעלאדען געווארען. אבער די נאַציאָנאלע עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט די איינלאדונג ניט אנגע־

נומען מיט דער ערקלערונג, אז עס קען קיין געמיינשאפטליכעס ניט זיין צווישען סאָציאל־דעמאָקראטען און אנארכיסטען.

די „פראקלאמאציע“ וואָס איז אנגענומען געווארען אין פיטס־בורג, איז אבער געווען א פיעל מילדערע, ווי מען האָט ערווארטעט, און עס האָט געשיינט, אז מען וועט זיך אויף איהר קענען אייניגען. דער אינטערנאציאָנאלער ארבייטער פארבאנד, וואָס דער פיטס־בורגער צוזאמענפאָר האָט באשאפען, איז נאָך ניט געווען קיין אנאר־כיסטישע קערפערשאפט, נאָר מעהר א פארבאנד פון ראדיקאלע סאָציאליסטען און רעוואָלוציאָנערע ארגאניזאציאנען פון אלערליי שאטירונגען. אזוי שנעל ווי די רעזולטאטען פון דעם צוזאמענפאָר זיינען פארעפענטליכט געווארען, האָבען זיך אין דער סאציאליס־טישער ארבייטער פארטיי גענומען הערען שטימען וועגען פאראיי־ניגונג. איצט, אז די פארטיי איז געווען אינגאנצען דיזארגאני־זירט, איז די פאָדערונג פאר אייניגונג פיעל פארשפרייט געווארען. אין דעצעמבער 1883 האָבען אייניגע פראמינענטע מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי אויף זיך געשטעלט און פאָרמעל פארגעשלאגען די פאראייניגונג פון זייער פארטיי מיט די אינטערנאציאָנאליסטען. זיי האָבען געשיקט א געשריבענעם פאר־שלאג צו די שיקאגאָ׳ר „דרוקען“, אונטערגעשריבען פון אלעקסאנ־דער יאָנעס, הענרי עמריך, דזשאָרדזש לעהר און ה. מאָלטענבור. זייער טענה איז געווען, אז די צוויי ארגאניזאציאנען האָבען עהנ־ליכע אנשויאונגען, און אז עס איז דארום פראקטיש זיך צו פאר־אייניגען. „לעזענדיג די פראקלאמאציע פון די אינטערנאציאָנא־ליסטען, וואס דער פיטסבורגער צוזאמענפאהר האָט אנגענומען, האָבען זיי געשריבען, „קענען מיר קוים דארט געפינען עטוואס, מיט וועלכעס די סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי האָט אימער ניט איינגעשטימט, מיט דער אויסנאמע פיללייכט פון אייניגע אומ־קלאָרע שטעלען, וועלכע טראגען א רעאקציאָנערען קאָליר.

דער ענטפער איז געקומען פון א. שפּיעז אין נאָמען פון די שיקאגאָ׳ר „דרוקען“. ער איז געווען ווייט ניט באגייסטערט ווע־גען דעם פארשלאג פון פאראייניגונג און האָט געראטען די סאציא־

ליסטישע ארבייטער פארטיי אויפצולייזען זיך אין זעלבסטשטענ־דיגע גרופען, וועלכע זאָלען זיך דאן אָנשליסען אן דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלען ארבייטער פארבאנד אויפ'ן זעלבען אופן, ווי אנדערע גרופען. אונטער דיזע אומשטענדען האָט זיך פארזאמעלט דער פערטער נאַציאָנאַלער צוזאמענפאָר פון דער סאציאליסטישער אר־בייטער פארטיי אין באַלטימאָר, דעצעמבער דעם 26טען 1883.

דאס איז געווען דער טרויעריגסטער צוזאמענפאָר, וואס די פארטיי האָט געהאט. בלויז זעכצעהן דעלעגאטען זיינען געקומען: פיער פון באַלטימאָר און צעהן פון ניו יארק און אומגעגענד. דער צוזאמענפאָר האָט געמאכט איינינע ענדערונגען אין דער פראָגראם און אין דער קאָנסטיטוציע פון דער פארטיי, ווארשיינליך אום צו־פרידענצושטעלען די מעהר ראדיקאלע עלעמענטען. דער אמט פון נאַציאָנאַלער סעקרעטער איז אָפגעשאפט געווארען, און די מאכט פון דעם נאַציאָנאַלען עקזעקוטיוו קאָמיטעט איז באגרענצט געווארען. די סעקציאָנען האָבען באקומען מעהר אווטאָנאָמיע אין דער פאר־וואלטונג פון זייערע אנגעלעגענהייטען. דער צוזאמענפאָר האָט נאָכגעטאָן דעם ביישפיל פון פיטסבורג און ארויסגעגעבען א „פּראָ־קלאמאציע“. דיזער דאָקומענט האָט געהאט א מעהר ראדיקאַ־לען טאָן ווי אלע פריהערדיגע ערקלערונגען: פאליטישע טעטיג־קייט איז רעקאָמענדירט געווארען בלויז אלס א מיטעל פאר פּראָ־פּאגאנדא, און עס איז אויסגעדריקט געווארען די איבערצייגונג, אז די פּריווילעגירטע קלאסען וועלען קיינמאָל ניט אויפגעבען זייער מאכט, סיידען מען וועט זיי צווינגען דאס צו טאָן דורך מאכט. דאס זיינען אלע געווען קאָנצעסיעס, אום צו באפרידיגען סאציאל־רעוואָ־לוציאָנערען. וועגען זיין שטעלונג צום אנארכיזם האָט זיך דער דאָקומענט אויסגעדריקט מיט די פאלגענדע קלאָרע ווערטער:

„מיר טיילען ניט די נארישקייט פון די לייט, וועלכע בא־טראכטען דינאמיט, מאָמבעס אלס דעם בעסטען מיטעל פאר אגי־טאציע“, האָבען די דעלעגאטען ערקלערט. „מיר ווייסען, דאס א רעוואָלוציע מוז שטאטפינדען אין די מוחות און אין דעם אינדוסט־

ריעלען לעבען פון פאָלק, איידער דער ארבייטער־קלאַס קען דורכ־פיהרען א באשטימטען ערפאָלג".

די הויפּט־באדייטונג פון דעם צוזאַמענפאַהר איז געלעגען אין דעם, וואס ער האט געצויגען א שארפע ליניע צווישען דעם סאָציאַ־ליזם און אנארכיזם. דער אומקלאָרער קלאַס פון „סאציאל־רעוואָ־לוציאָנערען" איז שנעל פארשוואונדען. די מעסיגע פיהרער פון דער באוועגונג, ווי פּאָול בראָטקאו, זיינען ווידער אריינגעטראָטען אין די רייען פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פּארטיי, און די עקסטרימיסטען זיינען אריבערגעגאַנגען צו די אנארכיסטען. פון דאן אָן זיינען אלע פארזוכען פאר איינינקייט און שלום אויפ־געגעבען געווארען, און צווישען די צוויי לאַגערען איז ערקלערט געווארען א קריעגס־צושטאנד.

די סאציאליסטישע, אזוי גוט ווי די אנארכיסטישע צייטונגען פון יענער פעריאדע זיינען פול מיט פּאָליטישע ארטיקלען וועגען די מעלות און חסרונות פון די טעאָריעס און פּראקטיקע פון די צוויי באוועגונגען. אויפגערעגטע דיסקוסיעס איבער דיזער פראגע פלעגען אָפט פארקומען. די וויכטיגסטע צווישען זיי איז געווען א דעבאטע צווישען פּאָול בראָטקאָו און יאָהאַן מאָסט, וועלכע איז אפּגעהאלטען געווארען אין שיקאגאָ דעם 24טען מאי, 1884. די אָפּאָנענטען זיינען ביידע געווען גוט געלערענט אין דער פראגע, ביידע גוטע רעדנער און גוטע דעבאטאנטען. די דיסקוסיאָן איז געווען א גרינדליכע און האט באהאנדעלט יעדער זייט פון דער פראגע. זי איז סטענאָגראפיש פארשריבען געוואָרען, און נאָכדעם ערשינען אין א בוך וועלכער איז ברייט פארשפרייט געווארען.

באדייטענדע נוצען פאר דער פּארטיי האָבען געבראכט די פארלעזונגען פון אלעקסאנדער יאָנאס, פ. זויבערט, ה. וואלטבער און א. ריימער. דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט פון דער פּארטיי האט זיי ארויסגעשיקט אויף רייזעס איבער'ן גאנצען לאנד. די ספּעציעלע אויפגאבע זייערע איז געווען צו באקעמפען דעם אנארכיזם. די רעדנער האָבען באזוכט די וויכטיגסטע צענטערן פון דער אנאר־כיסטישער באוועגונג, האָבען אדרעסירט מאסען־פארזאמלונגען און

מאַנכע פאַרזאַמלונגען פון סאָציאַל רעוואָלוציאָנערע קלובס, וואו זיי האָבען אָנגעוויזען אויף די שוואַכע פונקטען אין דעם אַנאַר־כיזם, און גערופען די פּאַרטיי מיטגלידער צו פרישע טעטיגקייט. צו דער זעלבער צייט האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווער קאָמיטעט געדרוקט און פאַרשפּרייט אין די טויזענטער בראָשורען איבער דיזער פראַגע.

אָבער די טעטיגקייט פון דער פּאַרטיי אין יענער צייט האָט זיך דורכאויס ניט באַגרעניצט אויף דעם קאַמף געגען אַנאַרכיזם. עס איז אויך אָנגעפיהרט געוואָרען א סיסטעמאַטישע בילדונגס ארבייט, איבערהויפּט דורך סאָציאַליסטישע שריפטען און פּאַמפּ־לעטען. אין די צוויי יאָהר, פון 1884 און 1885, זיינען פאַר־שפּרייט געוואָרען 160,000 עקזעמפּליארען.

דער רעזולטאַט פון דיזע באַנייטע טעטיגקייט איז געווען דאָס וואָס די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט גענומען וואַק־סען. אין מערץ 1884 האָט די פּאַרטיי געהאַט דרייסיג סעקציאָ־נען; אין די נעקסטע צוויי יאָהר האָט זיך די צאָהל פאַרדאָפּעלט. דריי פּאַרטיי צייטונגען אין דער ענגלישער שפּראַך — די „וואָיס אָוו דהי פּיפּעל" אין ניו יאָרק, די „איוונינג טעלעגראַם" אין ניו הייווען, און די „סאַן פראַנציסקאָ טרוטה" אין סאַן פראַנציסקאָ,— זיינען אין פאַרשידענע צייטען געגרינדעט געוואָרען, אָבער זיי האָבען אַלע מעהר ווי א קורצע צייט ניט געקענט עקזיסטירען. פון די דייטשע פּאַרטיי צייטונגען זיינען די ניו יאָרקער „פאָלקס־צייטונג" און דער „פילאַדעלפיא טאַגעבלאַט" געווען די איינ־ציגע וואָס זיינען געבליבען לעבען. „דער סאָציאַליסט", א וואָ־כענשריפט אויף דער דייטשער שפּראַך, איז געגרינדעט געוואָרען אַלס דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אונטער דער רע־דאַקציאָן פון דזשאָסעף דיעטסגען. דעם פינפטען אויגוסט 1885 האָט זיך אין סינסינעטי פאַרזאַמעלט דער פינפטער צוזאַמענפאָהר פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי. צוויי און פערציג סעקציאָנען זיינען דאָרטען פאַרטראָטען געווען דורך דריי און דרייסיג דעלעגאַטען. די הויפּט ארבייט פון דיזען צוזאַמענפאָהר

איז געווען צו רעגולירען די מעטאָדען פון די פּארטיי ארבייט און צו פארשטארקען די אָרגאניזאציאָן.

די סאָציאליסטישע פּארטיי האָט זיך איצט עטוואס ערהאלט פון די אָנגריפען פון דעם אנארכיזם, אָבער זי האָט איהר שונא נאָך ניט באזיעגט. פּארקערט, דער אינטערנאציאָנאלער ארבייטער פארבאנד האָט אין די נעקסטע צוויי יאָהר געוואונען פּראָפּאָרציאָנעל מעהר אָנהענגער ווי די סאָציאליסטישע ארבייטער פּארטיי. אין דעם יאָהר 1885 האָט דער אינטערנאציאָנאל גע־האָט ארום אכציג אָרגאניזירטע גרופּען מיט 7,000 מיטגלידער. צייטונגען האָט ער געהאט זיבען אויף דייטש, צוויי אויף ענגליש און צוויי אויף באָהעמיש.

3. די שיקאַגאָ'ר דראַמאַ.

די הויפּט שטאַרקייט פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג איז געווען אין שיקאַגאָ, וואו די „אינפאָרמאַציאָנס ביוראָ“ האָט געהאַט איהר הויפּט קוואַרטיר, און וואו עס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען די „אַרבייטער צייטונג“, דער „פאָרבאָטע“, דער „פאַקעל“ און דער ענגלישער אָרגאַן „אַלאַרם“, אונטער דער רעדאַקציאָן פון פּאַרסאָנס. ביים ענדע פון 1885 אז אין יענער שטאָט געווען ניט ווייניגער ווי צוואַנציג גרופּען מיט א מיטגלידערשאַפט פון 3,000.

די צייט איז געווען ספּעציעל גינסטיג פאַר דער פּראָפּאַגאַנדא פון אַנאַרכיזם צוליב דעם אינדוסטריעלען קריזיס וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1884, און האָט אָנגעהאַלטען ביז 1886. פּונקט ווי אין 1877, זיינען די אינדוסטריעלע שטעדט אין לאַנד ווידער געווען פול מיט מאַסען עלענדע און פאַרביטערטע אַרבייטסלאָזע און זיי האָבען געשאַפען נייגעריגע צוהערער צו די פּרעדיגער פון אַנאַרכיזם.

שיקאַגאָ איז ווידער געשטאַנען אויף דער שפּיצע. די אינטערנאַציאָנאַליסטען אין דער שטאָדט האָבען אָפּגעהאַלטען א גרויסע צאָהל מאַסען־פאַרזאַמלונגען. א גרויסע גאַסען־דעמאָנסטראַציע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אויף דעם „טהענגסגיווינג דעי“ אין 1884, און די „פרייהייט“ און די „אַלאַרם“ און אַנדערע אַנאַרכיסטשע צייטונגען האָבען געראַטען זייערע אָנהענגער זיך צו באַוואָפענען, און האָבען זאָגאַר געדרוקט אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו פאַבריצירען און געברויכען דינאַמיט. עהנליכע אינסטרוקציעס זיינען געדרוקט געווען אין א פּאַמפלעט וואָס מאָסט האָט אָנגעשריבען אונטער דעם טיטעל „רעוואָלוציאָנערע קריעגס־וויסענ־שאַפט“, וועלכער איז איבערגעדרוקט געוואָרען אין פיעלע

אנאַרכיסטישע צייטונגען, און איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרען. דער העכסטער פּונקט פון דער אגיטאַציע איז דערגרייכט געוואָרען אין 1886.

אין 1884 האָט דער יעהרליכער צוזאַמענפאָהר פון דער „פעדערײשאָן פון יוניאָנס" אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען באַשלאָסען אָנצופאַנגען די באַוועגונג פאַר אַן אכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג, און שפּעטער איז דער ערשטער מאַי פון 1886 באַשטימט געוואָרען אַלס דער טאָג, ווען די נייע סיסטעם זאָל אַריינגעהן אין קראַפט. וואָס נעהענטער מען איז צוגעקומען צו דיזען טאָג איז די באַוועגונג געוואָרען גרעסער און ענטשלאָסענער. די יוניאָנס אין לאַנד האָבען פאַרדאָפּעלט און פאַרדרייפאַכט זייער מיטגלידערשאַפט. עס זיינען געגרינדעט געוואָרען „אַכט־שטונדיגע ליגעס", און די פראַגע אין היים אַגיטירט געוואָרען אויף עפענטליכע פאַרזאַמלונגען און אין דער אַרבייטער פּרעסע.

אין שיקאַגאָ איז די אויפרעגונג געווען אַם העכסטען. אין 1885 איז דורך דזשאָרדזש אַ. שילינג און אַנדערע אָרגאַניזירט געוואָרען דער „אַכט־שטונדיגער פאַרבאַנד". די „טרייד און לייבאָר אַסעמבלי", די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אָרגאַניזירטע אַרבייט אין שיקאַגאָ, האָט זיך אָנגעשלאָסען. די „צענטראַלע אַרבייטער יוניאָן", אַ קלענערע קערפּערשאַפט, וועלכע איז געשטאַנען אונטער'ן אַנאַרכיסטישען איינפלוס, האָט נאָכגעפאָלגט, און די באַוועגונג איז געוואָרען אַן אַלגעמיינע. די אינטערנאַציאָנאַליסטען פון שיקאַגאָ זיינען פון אָנפאַנג געווען גלייכגילטיג צו דער באַוועגונג און זיינען זאָגאַר געווען פיינדליך געשטימט, ווייל זיי האָבען עס באַטראַכט אַלס אַ קאָמפּראָמיס מיט קאַפּיטאַל און אַלס אַ האָפנונגסלאָזער און נוצלאָזער קאַמף. אָבער ווען די אַכט־שטונדען באַוועגונג האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסען און איז געוואָרען די הויפּט פראַגע פון טאָג אין די אַרבייטער רייען, האָבען די אַנאַרכיסטען בּיסלאַכווייז זייער שטעלונג געענדערט, און ענדליך האָבען זיי איהר געשטיצט. פּאַרסאָנס, שפּיעז, פיעלדין, שוואַב, און אַנדערע אַנאַרכיסטישע רעדנער זיינען געווען די פּאָפּולערסטע רעדנער אויף די

אכט־שטונדען פאַרזאַמלונגען. און אויף דיזע פאַרזאַמלונגען, אַזוי גוט ווי אין דער פּרעסע, האָבען די אַנאַרכיסטען געראַטען די אַרבייטער זיך צו באַזאָרגען מיט וואַפען פאַר דעם ערשטען מאַי.

דער ערשטער ערנסטער צוזאַמענשטוים איז פאָרגעקומען צווישען די סטרייקענדער ארבייטער פון דעם „מעק־קאָרמיק ריפּער וואָרקס". אויף זיי איז געמאַכט געוואָרען אַ „לאָק־אוט" אין פעברואַר. דער קאַמף צווישען די אַרבייטער און די בעלי־בתים איז אָנגעגאַנגען מיט אַן אויסערגעוועהנליכער ביטערקייט, וועלכע איז פאַרשאַרפט געוואָרען דורך דעם, וואָס די מעק־קאָרמיקס האָבען געדונגען ניט ווייניגער ווי דריי הונדערט „פּינקערטאָן" אַגענטען צו באַשיצען די סטרייק־ברעכער. דעם דריטען מאַי האָט די „לאַמבער שאָווערס יוניאָן", פון וועלכע די מאַיאָריטעט מיטגלידער זיינען געווען אויסגעשלאָסענע ארבייטער פון מעק־קאָרמיק'ס פאַבריק, אָפּגעהאַלטען אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג לעבען דעם פאַבריק צו באַשפּרעכען די פרידענס־פּונקטען פאָרצולייגען פאַר די בעלי־בתים. שפּיעז האָט גערעדט אויף דער פאַרזאַמלונג מיט „אויסערגעוועהנליכער רוהיגקייט און מילדקייט", ווי ער דערצעהלט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. פּלוצלונג האָט דער גלאָק אין דער מעק־קאָרמיק'ס פאַבריק אויסגעקלונגען און מען האָט געזעהן ווי די סטרייק־ברעכער געהען פון דאָרטען ארוים. אַן אויפגערעגטע מאַסע פון ארום הונדערט און פופציג האָבען זיך פון דעם מאַס־מיטינג אַ לאָז געטאָן צו זיי. אַ גאַסען־קאַמף האָט געפאָלגט. ביידע צדדים האָבען געוואָרפען שטיינער איינע אויף די אַנדערע. מען האָט טעלעפאָנירט נאָך פּאָליציי, און עס איז גלייך אָנגעקומען אַ פּאַטרול־וואָגען פול מיט פּאָליציאַנטען. עטליכע מינוט שפּעטער זיינען געקומען צופוס צוליפען נאָך פינף און זיבעציג פּאָליציאַנטען. שפּעטער אביסעל זיינען אָנגעפאָהרען נאָך דריי אָדער פיר פּאַטרול־וועגען. די מאַסע האָט אויף זיי געוואָרפען מיט שטיינער, און זיי האָבען געענטפערט מיט קוילען. זיי האָבען געשאָסען אויף מענער, פרויען און קינדער, פון וועלכע זעקס זיינען געטויטעט געוואָרען און פילע זיינען געפאַלען פאַר־

וואונדעט. ווילד פון אויפרעגונג, איז שפיעז שנעל אוועק אין דער רעדאַקציע פון דער ארבייטער צייטונג און דאָרטען אויפגעשריבען די פּראָקלאַמאַציע צו די ארבייטער פון שיקאַגאָ, וועלכע איז שפּע־טער באַריהמט געוואָרען אַלס דער „ראַכע־צירקולאַר".

די קעפּעל אויף דעם צירקולאַר איז געווען „ראַכע". ער האָט גערופען צו די ארבייטער זיך צו באַוואָפּענען און נקמה נעמען פאַר דעם „ברוטאַלען מאָרד פון זייערע ברידער". פינף טויזענט קאָ־פּיעס פון דעם צירקולאַר, געדרוקט אין ענגליש און דייטש, זיינען צוטיילט געוואָרען אין די גאַסען. דעם נעקסטען אווענט איז אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג פאַררופען געוואָרען אין העימאַרקעט מיט דעם צוועק צו „ברענדמאַרקען דעם מאָרד פון אונזערע ברי־דער ארבייטער". אַרום צוויי טויזענט ארבייטער האָבען זיך אָפּ־גערופען. שפּיעז, פאַרסאָנס און פיעלדין האָבען גערעדט. דער מעיאָר פון שיקאַגאָ, קאַרטאָן ה. העררינסאָן, ערוואַרטענדיג טראָ־בעל, איז אַנוועזענד געווען ביי דער מאַסען־פאַרזאַמלונג און ער האָט ביי אַ שפּעטערע געלעגענהייט געגעבען די פאָלגענדע באַ־שרייבונג פון דאָס וואָס ער האָט בייגעוואוינט:

„מיט דער אויסנאַהמע פון אַ טייל פון דעם ערשטען טייל פון מר. שפּיעז'עס רעדע, וועלכע האָט איין מינוט אויסגעזעהן אַזוי היצענד, דאָס איך האָב געקלערט וועגען אָפּשטעלען די מאַ־סען־פאַרזאַמלונג, איז די רעדע געווען אַזאָ, אַז איך האָב זיך אויסגעדריקט צו קאַפּיטאַן בראָנפיעלד אַז זי איז געלאַסען. אין מר. פאַרסאָנס' רעדע האָט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט גע־צויגען יענער טייל, וואו ער האָט ציטירט סטאַטיסטיקעס וועגען קאַפּיטאַל און ארבייט, און האָט באַוויזען, ווי ווייט איך געדענק, דאָס קאַפּיטאַל קריגט 85 פּראָצענט און ארבייט 15 פּראָצענט. דיזע רעדע וואָלט איך באַצייכענט אַלס אַ שטאַרקע פּאָליטישע אַגיטאַציע געגען קאַפּיטאַל. איך בין אוועק אין סטאַנציע און גע־זאָגט באָנפיעלד'ן, דאָס די רעדעס זיינען כמעט צו ענדע און קיין זאַך האָט פּאַסירט אָדער וועט וואַרשיינליך פּאַסירען, וועלכעס זאָל נויטיג מאַכען די אריינמישונג פון דער פּאָליציי, און איך

האב איהם געראטען ער זאל ארויסגעבען א באפעהל אז די רע־זערוו־פאליציי אין די איבעריגע סטאנציעס זאלען געהן אהיים".

מעיאר הערריסאן האט פארלאזען די מאסען־פארזאמלונג ארום צעהן אזייגער, און די פארזאמלונג איז דאן געווען פאקטיש צו ענדע. צוויי דריטעל פון די פארזאמעלטע זיינען שוין געווען אוועקגעגאנגען, ווייל דער הימעל איז געווען שטארק פארוואל־קענט און מען האט ערווארטעט א שטורעם. פיעלדין האט גע־רעדט צו די פארבליבענע, אייניגע הונדערט אין צאהל. ער האט אפגערעדט א צעהן מינוט, ווען 176 פאליציאנטען האבען פלוצלונג שנעל ארייננעמארשירט אין זאאל. קאפיטאן ווארד, וועלכער האט געפיהרט דעם עסקאדראן, האט באפוילען די פארזאמלונג זיך אויפצולייזען. פיעלדין האט געענטפערט, אז די פארזאמלונג איז א פריעדליכע. דאן איז א דינאמיט באמבע אריינגעשליידערט געווארען פון א דערבייאיגער געסעל. זי איז געפאלען צווישען די ערשטע און די צווייטע קאמפאניע פאליציאנטען און געפלאצט מיט א שרעקליכען קראך. איין פאליציאנט איז געטויטעט געווא־רען און אייניגע זיינען פארוואונדעט געווארען. מאמענטאל האט זיך אנגעפאנגען א שיסעריי פון ביידע צדדים, וועלכע האט אנ־געהאלטען צוויי מינוטען נאכאנאנד, ווען אלעס איז געווען פאראיבער, האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיבען פאליציאנטען זיי־נען געטויט געווארען און זעכציג זיינען פארוואודנעט געווארען. פון די ארבייטער זיינען געפאלען פיער טויט און פופציג פאר־וואונדעטע.

ווער האט געווארפען די באמבע, וועלכע האט פאראורזאכט די שיסעריי? דיזע פראגע איז קיינמאל ניט פארענטפערט גע־ווארען צופרידענשטעלענד. אייגער א רודאלף שנאובעלט, א שוואגער פון מיכאיל שוואב, ווערט געוועהנליך באטראכט אלס דער פאראנטווארטליכער פון דיזען טהאט, אבער שנאובעלט איז אנטלאפען גלייך נאך דער טראגעדיע און האט פילע מאל ערקלערט אין דער אנארכיסטישער פרעסע פון אייראפא, דאס ער האט מיט דער געשיכטע קיין פארבינדונג ניט געהאט. די מיינונג איז אויך

אַפּט אויסגעדריקט געוואָרען, אז די באָמבע האָט געוואָרפען א פּערזאָן וועלכער האָט געוואָלט ראכע נעמען פאר א קרוב אָדער פריינד, וועלכער איז געפאַלען א קרבן פון דער פּאָליציי־טעקער ברוטאליטעט מיט א טאָג פריהער. עס האָבען אויך ניט געפעלט אזוינע וואָס האָבען געגלויבט, אז דער טהאט איז באגאנגען געוואָרען פון א פּראָוואָקאַטאָר אָנגעשטעלט פון די בעל־הבתים, וועלכע האָבען געזוכט צו צוברעכען די אכט־שטונדען אגיטאציע וואס האט זיך אזוי שטארק צוואוּאָקסען.

יעדענפאלס, האָט מען די העימאַרקעט טראגעדיע צוגעשריבען צו די אנאַרכיסטען. די אלגעמיינע אויפרעגונג געגען זיי און געגען זייער אגיטאציע איז געווען אומבאגרעניצט. די טעגליכע פּרעסע האָט געגוואלדעוועט און געפאָדערט די קעפּ פון די אנאַרכיסטישע פיהרער. אלע ארבייטער פאַרזאמלונגען זיינען צוטריבען געוואָרען, און די ארבייטער צייטונג איז געשטעלט געוואָרען אונטער דער צענזור פון דעם פּאָליציי־שעף. די רעדנער ביי דער העימארקעט פארזאמלונג און דער גאנצער רעדאקציאָנס־שטאב און די שריפטזעצער פון דער ארבייטער צייטונג זיינען גלייך ארעסטירט געוואָרען. פּארסאנס, וועמען די פּאָליציי האָט ניט געקאָנט געפינען, האָט זיך פרייוויליג איבערגעגעבען צום געריכט. דעם 17טען מאי האָט די „גרענד דזשורי" ארויסגעגעבען באשולדיגונגס אקטען געגען אויגוסט שפּיז, מיכאיל שוואב, סעמיועל פיעלדין, אלבערט ר. פּארסאָנס, אדאָלף פישער, דזשאָרדזש ענגעל, לואיס לינג, אָסקאר וו. ניבע, רודאָלף שנאובעלט און וויליאם סעלינגער. זיי זיינען פאַרהאלטען געוואָרען פאר'ן מאָרד פון מ. דזש. דעגאַן, דער פּאָליסמאַן, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרען פון דער באָמבע. שנאובעלט איז אנטלאָפען. סעליגער האָט זיך אָנגעגעבען אלס עדות פון שטאט און איז דערפאר ריינגעוואשען געוואָרען. די אנדערע אכט זיינען געשטעלט געוואָרען צום משפט.

די ארעסטירטע זיינען געווען ניט בלויז דער רוקען־ביין פון דער לאָקאלער אנארכיסטישער באוועגונג, נאָר אויך צווישען די פּראָמינענטסטע און איינפלוסרייכסטע פיהרער אין דער אגיטאציע

פאר אַן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, און אין אַלגעמיין פּאָ־פּולער אין דער ארבייטער באוועגונג פון שיקאַגאָ.

אויגוסט שפּיעז איז דאמאַלסט אַלט געווען 31 יאָהר. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דייטשלאנד און געקומען קיין אמע־ריקא אין 1872. אין 1877 האָט ער זיך אַנגעשלאָסען אַן דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי. ער איז געווען דער פאר־וואַלטער, און שפּעטער דער הויפּט רעדאַקטאָר פון דער שי־קאַגאָ'ער ארבייטער צייטונג. דעם לעצטען אמט האָט ער פאר־טראָטען ביז זיין פארהאַפטונג. ווען עס זיינען ענטשאַנען סאָ־ציאַל רעוואָלוציאָנערע קלובען, האָט ער זיך אַנגעשלאָסען אַן דער באוועגונג, און איז שפּעטער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אנאר־כיסט. זיין אנארכיזם איז אָבער געווען פון א מילדען און פילאָ־זאָפישען סאָרט. ער איז געווען א געלערטער אין מארקסיזם, האָט גערעדט ענגליש און דייטש מיט דערזעלבער פליסיגקייט, און איז אין אלגעמיין געווען דער קולטורעלסטער און אינטעליגענטסטער פון די ארעסטירטע.

אַלבערט ר. פּארסאָנס איז געבאָרען געוואָרען אין מאָנטגאָ־מערי, אַלאבאמא, אין 1844. צו פופצעהן יאָהר האָט ער זיך אויס־געלערנט שריפטשטעלעריי. ער האָט זיך באַטייליגט אין דעם בירגער־קריג, אין דער ארמיי פון די סאוט, אָבער אין 1868 האָט ער ארויסגעגעבען א צייטונג צו פארטיידיגען די רעכטע פון די נעגערס, און דערמיט האָט ער זיינע קרובים געמאכט פאר שונאים. אין 1875 האָט ער זיך אַנגעשלאָסען אַן די סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבייטער פארטיי, און א יאָהר שפּעטער האָט ער אָרגאניזירט דעם שיקאגאָר „טרייד אסעמבלי פון די נייטס אָוו לייבאָר". ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך פארבונדען מיט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פון 1880. נאָך 1884 האָט ער רע־דאַקטירט דעם אנארכיסטישען „אַלארם". ער איז געווען א שטאר־קער און אָנציהענדער רעדנער און א באַגאַבטער אָרגאַניזאַטאָר. צווישען די יאָהרען 1875 און 1886 האָט ער גערעדט אויף ניט ווייניגער ווי טויזענט מאסען־פארזאמלונגען און דורכגערייזט אי־

בער זעכצעהן שטאַטען אַלס אָרגאַנייזער פאַר דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי, און שפּעטער פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד.

מיכאַיל שוואַב איז געווען ניט אַזא גרויסע פּערזאָן ווי שפּיעז אָדער פּאַרסאָנס. ער איז געווען אַ דייטש, גוט געבילדעט, 33 יאָהר אַלט, און אַ יאָהר אַכט אין אַמעריקאַ. ער איז געווען צוזאַמען מיט שפּיעז'ן אין דער רעדאַקציאָנס־שטאַב פון דער ארבייטער צייטונג, האָט געשריבען קלאָר, כאָטש ניט אָריגינעל, און גערעדט פליסיג. זיין איינפלוס אין דער ארבייטער באַוועגונג איז געקומען הויפּטזעכליך דורך זיין טיפע ערנסטקייט און אומבאַגרענעצטע איי־בערגעבענהייט צו דער זאַך פון דעם ארבייטער קלאַס.

דזשאָרדזש ענגעל איז געווען דער עלטסטער צווישען די אַרעסטירטע. ער איז געבאָרען געוואָרען אין 1836 אין קאַסעל, דייטשלאַנד. דער שווערער, אָרימער לעבען האָט נאָך אין די יונגע יאָהרען פאַרביטערט זיין נשמה. זיין האַס צו דער עק־זיסטירענדער געזעלשאַפט איז געווען מעהר אַ פּערזענליכער גע־פיהל, ווי דער רעזולטאַט פון אַ סאָציאַלער אַנשויאונג. ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג גלייך ווי זי האָט זיך באַוויזען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, און איז פאַר־בליבען איינער פון די ערנסטסטע און איבערגעבענסטע נאָכפאָלגער.

לואיס לינג איז געווען בלויז 22 יאָהר אַלט. ער איז געווען אַ ליידענשאַפטליכער און ענטוזיאַסטישער פאַנאַטיקער און אַן אומערמידליכער ארבייטער פאַר דעם אַנאַרכיזם.

סעמיועל פיעלדין איז געבאָרען געוואָרען אין ענגלאַנד אין 1847. ער איז געווען פריהער אַ וועבער, דערנאָך אַ גלח, דערנאָך אַ פוהרמאַן. זיין וויסען וועגען סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם האָט ער געשעפּט מייסטענס פון צייטונגס ארטיקלען און פון עפענט־ליכע פאַרזאַמלונגען. ער אַליין האָט גערעדט אָפען, ליידענשאַפט־ליך און אָראַטאָריש, און איז געווען אַ ליבלינג ביי די מאַסען.

אַדאָלף פישער איז געווען בלויז צוויי יאָהר עלטער פון לינג. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דייטשלאַנד, און צו פופצעהן יאָהר

געקומען קיין אַמעריקא. זיין בילדונג וועגען סאָציאַליזם האָט ער באַקומען פון זיינע עלטערן. ער איז געוואָרען אַן אַנאַרכיסט איי־ניגע יאָהר פאַר זיין ארעסט, און איז געוועזן איינער פון די אָומער־מידליכע ארבייטער פאַר דער באַוועגונג.

אָסקאַר גיבע איז געבאָרען געוואָרען אין ניו יאָרק אין 1849. ער האָט זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ אין 1866, און זייט דאַן דאָט ער מיטגעווירקט אין יעדען צווייג פון דער ארבייטער באַוועגונג. ער איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער „נאַציאָנאַלער לייבאָר יוניאָן“. שפּעטער האָט ער זיך אַנגעשלאָסען אַן דער סאָציאַליסטישער אַר־בייטער פּאַרטיי און דערנאָך אַן דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארביי־טער פאַרבאַנד. ער איז קיינמאָל ניט געווען פּראָמינענט אין דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ. ער איז אָבער אימער געווען טעטיג אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַכט־שטונדען אַגיטאַציע פון 1868 .

דער פּראָצעס פון די אַכט האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 21טען יוני. דער ריכטער איז געווען דזשאָזעף ע. גערי, און דער פּראָצעס האָט געדויערט 49 טעג. די אָנגעקלאָגטע זיינען ניט באַשולדיגט געוואָרען אַז זיי האָבען זיך פּערזענליך באַטייליגט אין דעם מאָרד פון דעגאַנ׳ען! דער פּראָקוראָר האָט גע׳טענה׳ט, אַז די באַשול־דיגטע האָבען מינדליך און שריפטליך געראַטען גאַנצע קלאַסען מענשען צו באַגעהן מאָרד, און אַז דאָס האָט געפיהרט דערצו, וואָס אַן אומבאַוואוסטער מענש האָט געוואָרפען די באָמבע וועלכע האָט פאַראורזאַכט דעגאַנ׳ס טויט. דער פּראָצעס פון די אַנאַר־כיסטען איז פון פילע אומפּארטייאישע בעאָבאַכטער באַצייכענט געוואָרען אַלס אַ פאַרס, און לעזענדיג די פּראָטאָקאָלען פון דעם פּראָצעס מוז מען קומען צו דעם באַשלוס אַז דאָס איז געווען די גרעסטע פאַרלעצונג פון גערעכטיגקייט וואָס איז ווען באַגאַנגען געוואָרען אין אַמעריקאַנער געריכט. די געשוואָרענע זיינען ניט אויסגעקליבען געוואָרען אויפ׳ן געוועגליכן אופן. גערי האָט באַ־שטימט איינעם אַ העגרי ל. רייס ער זאָל געהן און רופען יענע מענשען וועלכע ער וועט אויסקלייבען. צווישען די גערופענע טוי־

זענטער זיינען געווען פינף אַרבייטער, און זיי זיינען גלייך פון דער אַנקלאַגע אַנטלאַסען געוואָרען. די מעהרסטע פון די גערופענע האָבען צוגעגעבען אַז זיי האָבען פּאַראווירטיילע געגען אַנאַרכיסטען, און אַז זיי זיינען מיט דער מיינונג דאָס די אָנגעקלאָגטע זיינען שולדיג. אָבער ווען זיי האָבען ערקלערט דאָס זיי גלויבען אַז זייערע פּאַראורטיילע קאָנען באַזייטיגט ווערען דורך שטאַרקע באַווייזע פון אומשולד, האָט דער ריכטער גע׳פּסק׳ענט אַז זיי מעגען דינען אלס געשוואָרענע. דער וויכטיגסטער עדות פאר דער אַנקלאַגע איז געווען סעליגער, וועלכער האָט פאַרראַטען זיינע קאַמעראַדען דערפאר וואָס מען האָט איהם פארשפּראָכען פרייהייט. עס זיינען אויך אויפגעטראָטען אלס עדות אַ צאָהל געהיים פּאָליציאַנטען און צייטונגס־לייט, און פילע פון זיי האָבען זיך אַזוי פיל ווידערשפּראָכען אויפ׳ן עדות־שטוהל, דאָס זייערע אויסזאָגונגען האָבען קיין ווערט ניט געהאַט. און דאָך איז דער אַנקלאַגע ניט געלונגען צו באַווייזען דעם וויכטיגסטען פּונקט אין איהר טעאָריע, נעמליך — אַז די פּערזאָן וואָס האָט געוואָרפען די באָמבע, האָט דאָס געטאָן דירעקט אָדער אינדירעקט דורך דעם איינפלוס פון די אָנגעקלאָגטע. וויבאַלד אַז מען האָט ניט געוואוסט ווער דער באָמבען־וואַרפער איז געווען איז אוממעגליך געווען צו פאַרבינדען זיין טהאַט מיט די אָנגעקלאָגטע.

די פּאַרטייאישע האַלטונג פון דעם ריכטער איז געווען דאָס אָפּשטויסענדסטע ביים פּראָצעס. ניט נאָר האָט ער אין יעדען ספק גערעכט געגעבען די אַנקלאַגע, נאָר ער האָט אריינגעוואָרפען ווערטער, וועלכע האָבען געמוזט ווירקען אויף די געשוואָרענע געגען די אינטערעסען פון די גע׳משפּט׳ע. אומזיסט האָבען שפּיעז און פיעלדין גע׳טענה׳עט, אַז זיי האָבען קיין פאַרבינדונג ניט מיט דער טראַגעדיע; אומזיסט האָט פּאַרסאָנס באַוויזען דאָס ער האָט ניט ערוואַרטעט קיין שום געוואַלד־טהאַט ביי דער פאַרזאַמלונג, און אלס באַווייז אָנגעצייגט דאָס ער האָט אַליין ערלויבט אַז זיין פרוי און קינדער זאָלען אַהין קומען; אומזיסט האָבען פישער און ענגעל באַוויזען דאָס זיי זיינען אין דער צייט פון דער טראַגעדיע רוהיג

געזעסען ביי זיך אין דער היים און געשפּיעלט אין קאָרטען; אומ־זיסט האָבען שוואַב, לינג און ניבע באַוויזען דאָס זיי זיינען גאָרניט געווען ביי דער מאַסען־פאַרזאַמלונג און האָבען זאָגאר ניט גע־וואוסט וועגען די פּאַרבאַרייטונגען צו דער פאַרזאַמלונג, און אומ־זיסט האָט זייער אַדוואָקאַט, קעפּטען בלעק, איבערצייגט דאָס די אַנקלאַגע איז געשטיצט אויף פאַלשע באַווייזע. דער העימאַרקעט אומגליק איז געווען בלויז אַ פּרעטענזיע. די אָנגעקלאָגטע זיינען גע'משפּט געוואָרען ניט פאַר דעם מאָרד פון דעגאַנ'ען, נאָר פאַר זייערע אַנאַרכיסטישע אנשויאונגען. מען האָט זיי געמוזט פאַר־משפּט'ען, און זיי זיינען פאַר'משפּט געוואָרען.

דעם 20טען אויגוסט האָבען די איינגעשוואָרענע אריינגע־בראַכט דעם פאָלגענדען משפּט:

„מיר, די איינגעשוואָרענע, געפינען דאָס די גע'משפּט'ע, אויגוסט שפּיעז, סעמיועל פיעלדין, מיכאַיל שוואַב, אַלבערט ר. פּאַר־סאָנס, אַדאָלף פישער, דזשאָרדזש ענגעל און לואיס לינג, זיינען שולדיג אין מאָרד, ווי דאָס ווערט אָנגעגעבען אין דעם באַשול־דיגונגס־אַקט, און מיר באַשטימען פאַר זיי אַ טויט־אורטייל. מיר געפינען דאָס דער אָנגעקלאָגטער, אָסקאַר וו. ניבע, איז שולדיג אין מאָרד אַזוי ווי עס ווערט אָנגעגעבען אין דעם באַשולדיגונגסאַקט, און זיין שטראָף זאָל זיין אַ געפענגניס טערמין פון 15 יאָהר".

אַן אַפּעלאַציע איז געמאַכט געוואָרען אינ'ם העכסטען געריכט פון דער שטאַט, און דער משפּט איז גוטגעהייסען געוואָרען. אַ צוויי־טע אַפּעלאַציע איז געבראַכט געוואָרען אין העכסטען געריכט פון די פאַראייניגטע שטאַטען און איז צוריקגעוויזען געוואָרען אויפ'ן גרונד אַז יענער געריכט האָט מיט אַזוינע פּראָצעסען ניט צו טאָן. דער איינציגער אויסוועג איז געבליבען צו ווענדען זיך צום גאָ־ווערנאָר פאַר באַגנאַדיגונג. מאַנכע פון די פאַראורטיילטע האָבען דאָס געטאָן, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער טויט־שטראָף פון שוואַב און פיעלדין איז פאַרביטען געוואָרען אויף לעבענס־לענגליכע געפענגניס. לינג האָט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין זיין קאַמער, איינבייסענדיג אַ קויל מיט זיינע צייהן. שפּיעז, פּאַרסאָנס,

פישער און ענגעל זיינען אויפגעהאנגען געוואָרען דעם 11טען נאָוועמבער, 1887. זיי זיינען געשטאָרבען מוטיג. „די צייט וועט קומען ווען אונזער שטילקייט אין קבר וועט אָפּקלינגען העכער ווי אונזערע רעדעס", האָט ערקלערט שפּיעז, ווען מען האָט ארויפגע־לייגט די שטריק אויף זיין האַלז. פּאַרסאָנ'ס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „זאָל די שטימע פון פאָלק דערהערט ווערען", און פישער'ס שטאַרבענדע ערקלערונג, ווען ער איז אַרויף אויף דער תליה מיט אַ שטאַרקען טראָט און אַ שיינענדען געזיכט, איז גע־ווען: „דאָס איז דער גליקליכסטער מאָמענט פון מיין לעבען". זעקס יאָהר שפּעטער האָט דזשאָהן פּ. אַלטגאַלד, וועלכער איז דאַן נאָר וואָס ערוועהלט געוואָרען אַלס גובערנאַטאָר פון אילינאָיס, באַ־גנאַדיגט סעמיועל פיעלדין, אָסקאַר ניבע און מיכאַיל שוואַב. דער־ביי האָט ער פאַרעפענטליכט אַ גרינדליכען אַנאַליז פון דעם פּראָ־צעס און אַ שאַרפע אַטאַקע אויף די אומעהרליכע און פּאַרטייאישע מעטאָדען פון דעם ריכטער ביים פּראָצעס.

4. די פעריאָדע פון ווידער־אויפבויאונג.

די שיקאגאָר פאסירונג איז פאקטיש געווען דער לעצטער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון אַנאַרכיזם אַלס א ווירקענדער עלעמענט אין דער ארבייטער באוועגונג פון דיזער לאַנד. די אנאַרכיסטען האָבען טאקע אָפּגעלייקענט אירגענד וועלכע פאראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער געוואָרפענער באָמבע. מען קען אָבער ניט לייקענען, דאָס דיזער טאַט איז געווען אין אנקלאַנג מיט די געוואַלד־מעטאָדען וואָס זיי האָבען געדולדעט. די העימארקעט טראַגעדיע און די טרויעריגע רעזולטאַטען זיינען געווען אַ קאָנקרעטערביישפּיעל פון אַנאַרכיזם אין דער פראַקטיק, און זיי האָבען אויסגעניכטערט די אָנהענגער און סימפּאַטייזער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

די שטיצע, וואָס אָרגאַניזירטע ארבייט האָט ביז דאַן געגעבען צו דער אַנאַרכיסטישער באוועגונג איז איצט שנעל צוריקגעצויגען געוואָרען. פון דאַן אָן איז די אַנאַרכיסטישע באוועגונג באַשטאַנען פון אייניגע אומבאַדייטענדע גרופּען פון די מזרח־שטאַאַטען, וועלכע האָבען געהאַט ווייניג מאַכט און ווייניג איינפלוס.

די פעלד איז איצטער ווידער אָפּגערייניגט געוואָרען פאַר דער פּראָפּאַגאנדא פון סאָציאַליזם, און די סאָציאַליסטען האָבען זיך שנעל באַנוצט מיט דער גינסטיגער סיטואַציע. זיי האָבען זיך ערנסט אַ נעהם געטאָן אויפצולעבען די באוועגונג, און די אינדוסטריעלע און פּאָליטישע קעמפע וואָס ארבייט האָט דאַן אָנגעפיהרט, זיינען אין דעם באַהילפיג געווען.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי האָט געוואונען מיטגלידער און כחות. נייע צייטונגען זיינען געגרינדעט געוואָרען, נייע סעקציאָנען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען, און גרויסע „לעקטשור־טורס” זיינען אַראַנזשירט געוואָרען. די וויכטיגסטע פון דיזע

טורם האָט געמאכט ווילהעלם ליבקנעכט, דער באַרימטער פיהרער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, צוזאַמען מיט עלענאָר מאַרקס עוועלינגס, די פעהיגע טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, און איהר מאַן, דר. עדוואַרד עוועלינגס. דיזער טור איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי אין די לעצטע מאָנאַטען פון 1886. די רעדנער זיינען אויפגעטראָטען אויף פּופּציג פאַרזאַמלונגען אין אַלע וויכטיגע שטעדט פון לאַנד. ליעבקנעכט האָט גערעדט אויף דייטש און די עוועלינגס אויף ענגליש. זייער ארבייט האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטען פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין סעפּטעמבער, 1887, איז אין באָפאַלאָ אָפּגעהאַלטען גע־וואָרען דער זעקסטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָהר פון דער סאָצי־אַליסטישער ארבייטער פאַרטיי. צו איהם זיינען געקומען זיבען און דרייסיג דעלעגאַטען פון צוויי און דרייסיג סעקציאָנען. אינ־גאַנצען האָט די פּאַרטיי דאַמאָלסט געהאַט אַרום זיבעציג סעק־ציאָנען. דער אינטערעסאַנטסטער פּונקט ביי דעם צוזאַמענפאָהר איז געווען אַ דעבאַטע איבער דער פראַגע וועגען אַ פאַראייניגונג צווישען דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי און דעם אינ־טערנאַציאָנאַלען ארבייטער פּאַרבאַנד.

דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער פּאַרבאַנד איז אָרגאַני־זירט געוואָרען אין 1881. ער איז געווען ציזאַמענגעשטעלט הויפּט־זעכליך פון אַמעריקאַנער ארבייטער און פּויערים, און זיין הויפּט־שטאַרקייט איז געווען אויפ'ן פּאַסיפישען ברעג. די אנשויאונ־גען און פּרינציפּען פון דיזער אָרגאַניזאַציאָן זיינען געווען אַ מאָדנער צונויפמישעכטס פון אַנאַרכיזם מיט סאָציאַליזם.

פּונקט ווי די אַנאַרכיסטען, האָבען דיזע אינטערנאַציאָנאַ־ליסטען זיך אָפּגעזאָגט פון באַטייליגען זיך אין פּאָליטישע וואַה־לען. „מיר גלויבען", האָבען זיי ערקלערט, „דאָס אויב אַלגעמיינע שטימרעכט וואָלט געקענט באַפרייען דעם ארבייטער קלאַס פון דער הערשאַפט פון דעם לעדיג־געהער קלאַס, וואָלט מען דאָס שוין לאַנג אָפּגעשאַפט. מיר גלויבען ניט אין וואַהלען אַלס אַ מיטעל אָפּצושאַפען די איבלען פון וועלכע די גרויסע מאַסען ליידען. זיי

האָבען זיך אָבער אונטערשיידעט פון די רעוואָלוציאָנערע אַנאַר־כיסטען דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך ענטזאגט פון געוואלד־מע־טאָדען, און זיי האָבען געלייגט גרויס געוויכט אויף בילדונג און פראָפּאַגאנדא.

אָט ווי זיי האָבען אויסגעדריקט די צילען פון זייער אָר־גאַניזאציאָן: „צו דרוקען און פארשפּרייטען ארבייטער ליטע־ראַטור; אָפּצוהאַלטען מאַסען־פארזאמלונגען; צו סיסטעמאַטי־זירען אַגיטאציאָן; צו גרינדען אַרבייטער ביבליאָטעקען, אַרביי־טער פארזאַמלונגס־פּלעצער, שולען, וואו צו דיסקוטירען סאָציאַלע וויסענשאַפט; אויפצוהאַלטען אַן אַרבייטער פּרעסע; צו באַ־שיצען מיטגלידער און אַלע אַרבייטער פון בייזעס; צו העלפען אַלע ארבייטער אָרגאַניזאציאָנען, א. אז. וו.” דיזער פּאַרבאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרען אויף א גרויסען מאַסשטאַב. זיין הויפּט־אָר־גאַן איז געווען „אמת“, ארויסגעגעבען אין סאַן פראַנציסקאָ אונ־טער דער רעדאַקציאָן פון בוירנעט ג. האַסקעל. ער איז געגרינ־דעט געוואָרען אַלס א וואָכענשריפט אין 1882, אָבער אין 1884 איז ער פארוואַנדעלט געוואָרען אין א מאָנאַט־זשורנאַל. ביים ענדע פון זעלבען יאָהר האָט ער אויפגעהערט צו ערשיינען, ווייל ער האָט ניט געהאַט גענוג אַבאָנענטען. שפּעטער האָט די אָרגאַ־ניזאציאָן אָנגעהויבען ארויסגעבען דעם „לייבאָר אינקווייערער“ אין דענווער.

אין 1887 האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער פּאַרבאַנד געהאַט זעקס טויזענט מיטגלידער אין די פאָלגענדע פּלעצער: אין דער טעריטאָריע פון וואַשינגטאָן און אין אָרעגאָן — אַרום 2000; אין קאָלאָראַדאָ, יוטאַה, מאָנטאַנאַ, דעקאָטאַ, ווייאָמינג — אַרום 2000; 200 מיטגלידער זיינען געווען צוזאָמען אין די סאוטה און אין די איסט.

מר. האַסקעל, וועלכער האָט אָנגעפיהרט די פּאַרהאַנדלונגען אין נאָמען פון דעם פּאַרבאַנד, האָט געשטעלט איינינע באַדינ־גונגען צו דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי וועגען פּאַר־איינינונג. די וויכטיגסטע פון דיזע באַדינגונגען זיינען געווען, אַז די פּאַרטיי זאָל ענדערן איהר נאָמען אויף „סאָציאַליסטישע

ליג", אָדער „סאָצאַליסטישער פאַרבאַנד"; דאָס די פּאַרטיי זאָל זיך ערקלערען געגען פּאָליטישע אקציאָן; דאָס זי זאָל אָנווענדען ווייניגער מיטלען צו שטיצען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד און מעהר מיטלען פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ אין אַמעריקאַ; דאָס זי זאָל אַריינגעהמען די שיקאַגאָר אַנאַרכיסטען אַלס מיט־גלידער, און זאָל פּאַרטזעצען ארויסגעבען דעם „לייבאָר אינקווייערער". נאָך אַ לענגליכע דיסקוסיאָן האָט דער צוזאַמענפאָהר אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„נעמענדיג אין אנבאַטראַכט, דאָס אונזער פּאַרטיי האָט באַקומען אַ פריינדליכען אָנבאָט פאַר פאַראייניגונג פון דער דענווער סאָציאַליסטישער ליג,

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס מיר ווילקאָמען מיט אויסגעשטרעקטע הענט דיזען אָנבאָט אין אַ געגנאָסענשאַפטליכען גייסט, און

„נעמענדיג אין אנבאַטראַכט דאָס די פּלאַטפאָרמע און די פרינציפּען פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי זיינען פאָלשטענדיג צופרידענשטעלענד צו אונזערע ברידער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד און די סאָציאַליסטישע ליגעס וואָס זיינען מיט איהם פאַרבונדען,

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס דיזע פּלאַטפאָרמע זאָל בלייבען דער באַזיס פאַר דער פאַראייניגונג.

„נעמענדיג אין אנבאַטראַכט, דאָס פילע אנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען אין שיקאַגאָ און אַנדערע פּלעצער אין די מיטעלע און וועסטליכע שטאַאַטען, וועלכע גלויבען אין אונזער פּלאַטפאָרמע און פרינציפּען, שטעהען אָפּגעזונדערט פון אונז,

„זיי עס באַשלאָסען דאָס מיר עמפּפאַנגען זיי אין אונזער פּאַרטיי ווען זיי ווילען פאָרמעל אָננעמען אונזער פּלאַטפאָרמע, ווי די קאָנסטיטוציע פאָדערט עס, און אַז די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ זאָל זיין מעהר ווירקענד, כדי אונזער געמיינשאַפטליכע זאַך זאָל ענדליך טריאומפירען.

אזוי ווי די פאָרמעלע פאַראייניגונג איז ניט פאָרגעקומען, האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער פאַרבאַנד באַלד אויפגעלייזט. נעקסט צו דער פראַגע פון פאַראייניגונג האָט זיך דער

צוזאמענפאָהר אָפּגעגעבען מייסטענס מיט דער פראגע פון פאָליטישע טעטיגקייט. די מיינונגען פון די דעלעגאטען זיינען געווען צוטיילט איבער דער פראגע צי מען זאָל זיך פארבינדען מיט די פארשידענע פאָליטישע ארבייטער פארטייען וואָס האָבען דאָמאָלסט עקזיסטירט, צי מען זאָל פאָליטיש שטעהן אבסאָלוט אליין, אָדער צי מען זאָל אינגאנצען זיך צוריקהאלטען פון פאָליטיק. א צייטווייליגע פשרה איז ענדליך אָנגענומען געוואָרען אין א רעזאָלוציע, וועלכע האָט רעקאָמענדירט צו די מיטגלידער דאָס „וואו נאָר עס געפינט זיך איינע אָדער מעהר ארבייטער פארטייען אין פעלד, זאָלען זיי שטיצען יענע פארטיי, וועלכע איז די פראָגרעסיווסטע".

דיזע רעזאָלוציע האָט אָבער דעם אינערליכען קאמף נים אָפּגעשטעלט. די ענטוישונג וואָס די סאָציאַליסטען האָבען געהאט אין די נעקסטע עטליכע וואהלען, אין וועלכע זיי האָבען געשטיצט „פּראָגריסיווע" און „ראדיקאלע" ארבייטער פארטייען, האָבען נאָך דיזע מיינונגס־פארשידענהייטען פארשארפט. די ניו יאָרקער „פאָלקסצייטונג" און איהרע אָנהענגער האָבען געהאלטען, אז עס איז נאָך נים צייט פאר סאָציאַליסטישע פאָליטיק, און האָבען געראטען די פארטיי צו קאָנצענטרירען איהר אויפמערקזאמקייט אויף דער טרייד־יוניאָן באוועגונג. די אָפּיציעלע פארטייצייטונגען, אָבער, „דהי וואָרקמענס עדוואָקייט" און „דהי סאָשעליסט", זיינען געווען באַגייסטערטע אגיטאטאָרס פאר אומאָפּהענגיגע סאָציאַליסטישע פאָליטיק, און זיי האָבען אונטערשעצט די וויכטיגקייט פון דער סאָציאַליסטישער טעטיגקייט אין די יוניאָנס.

אין די נעקסטע צוויי יאָהר זיינען זיך די צוויי פראקציעס ווייטער און ווייטער פאנאנדערגעגאנגען, און עס האָט זיך ענדליך צווישען זיי ענטוויקעלט אַן אָפענע געגנערשאפט. די „פאָלקסצייטונג" איז פון די פארטיי באאמטע באשולדיגט געוואָרען אין אונלאָיאַליטעט. אויף דעם האָט זי געענטפערט דאָס די נאציאָנאל עקזעקוטיוו קאָמיטע איז אַן אומפעהיגע קליקע. אין דיזען סכסוך האָבען די גרעסטע טייל פון די מיטגלידער פון דער ניו יאָרקער

סעקציאָן, וועלכע האָבען ערוועהלט די מיטגלידער פון דער נאַ־ציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע, און האָבען אַ רעכט געהאַט זיי צוריקצורופען, געהאַלטען מיט דער „פאָלקס־צייטונג". אין מאָ־נאַט סעפּטעמבער, 1889, האָט דיזע סעקציאָן געבראַכט קלאַנגען פון אומפעהיגקייט געגען דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי און פאררופען אַ פאַרזאַמלונג צו אונטערזוכען די קלאָ־גען. די פאַרזאַמלונג האָט אַראָפּגעזעצט דעם נאַציאָנאַלען סעק־רעטער, וו. ל. ראָזענבערג, און די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַ־לער עקזעקוטיווע — היגזע, סאוטער און געריקע — און ער־וועהלט אויף זייערע פּלעצער ס. ע. שעוויטש, אָטאָ ריינער, ס. איבסען און ר. פּראַסט. דיזע האַנדלונג האָט געבראַכט צו אַ קריזיס אין דער פּאַרטיי אָרגאַניזאַציאָן. די אַראָפּגעזעצטע באַ־אַמטע האָבען זיך ענטזאַגט צו אַנערקענען די געזעצליכקייט פון דער מעטאָדע דורך וועלכער מען האָט געגען זיי געהאַנדעלט. זיי האָבען באַהויפּטעט דאָס זיי זיינען די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָ־מיטע פון דער פּאַרטיי, און פאררופען אַ צוזאַמענפאָהר פאַר'ן ענדע פון דעם זעלבען מאָנאַט אין שיקאַגאָ. דערוויילע האָט די נייע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אָנגעפאַנגען דורכצופיהרען איהרע פליכ־טען.

די סעקציאָנען זיינען געוועזען כמעט גלייך צוטיילט אין דער אַנגעלעגענהייט. די קאָנטראָל קאָמיטע פון דער פּאַרטיי, וועלכע איז געזעסען אין פילאַדעלפיא, האָט זיך אַריינגעמישט. זי האָט אַראָפּגעזעצט ביידע קאָמיטעס און האָט איבערגענומען צייטוויי־ליג די פאַרוואַלטונג פון די פּאַרטיי אַנגעלעגענהייטען.

די קאָנטראָל קאָמיטע האָט אָפּגעלייגט דעם דאַטום פון דעם צוזאַמענפאָהר ביז אָקטאָבער דעם 12טען. די „פאָלקסצייטונג" פליגעל פון דער פּאַרטיי איז איינגעגאַנגען אויף דיזער ענדערונג. די ראָזענבערג פראַקציע האָט זיך אָבער געהאַלטען ביי דעם פרי־הערדיגען דאַטום. עס זיינען דארום אָפּגעהאַלטען געוואָרען צוויי באַזונדערע צוזאַמענפאָהרען פון די פּאַרטיי סעקציאָנען. יעדערע האָט זיך געהאַלטען פאַר די אמת'ע פּאַרטיי אָרגאַניזאַציאָן און פאַרדאַמט די אַנדערע.

דער צוזאַמענפאָהר פון דער ראָזענבערג פראַקציע איז גע־וועזן זעהר אַן ארימער. די מעהרסטע דעלעגאַטען זיינען געוועזן „שטעל־פאַרטרעטער". די אָרגאַניזאַציאָן האָט זיך געמוטשעט עטליכע יאָהר. עטליכע פאַרזוכען זיינען געמאכט געוואָרען צו פאַראייניגען די צוויי פראַקציעס, אָבער די פאַראייניגונג איז ניט פאָרגעקומען, און ראָזענבערג'ס פראַקציע, אָדער ווי זי האָט זיך שפּעטער גערופען, „סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרבאַנד", איז שפּעטער אריינגעטראָטען אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

דערווייל האָט די „פּאָלקסצייטונג" פראַקציע אָפּגעהאַלטען איהר צוזאַמענפאָהר אין שיקאַגאָ, אין אָקטאָבער, 1889. דריי און דרייסיג סעקציאָנען זיינען געוועזן פאַרטראָטען דורך זיבען און צוואַנציג דעלעגאַטען. טראָץ די שפּאַלטונג האָט אויף דעם צוזאַמענפאָהר געהערשט אַ גייסט פון צוטרוי און האָפנונג. די וויכטיגסטע ארבייט פון דעם צוזאַמענפאָהר איז געוועזן די נייע קאָנסטיטוציע וועלכע לוסיאַן סעמיועל האָט פאַרפאַסט, און וועל־כע איז אָנגענומען געוואָרען. די פריהערדיגע פּרינציפּען־ערקלע־רונגען פון דער פּאַרטיי זיינען באַשטאַנען פון אַן אויסדרוק פון אַב־סטראַקטע פרינציפּען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם. די פרינציפּען־ערקלערונג פון 1889 האָט געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ וואַהלען־דאָקומענט און האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלען קאָליר דורך דעם, וואָס די ארגומענטען זיינען געשטיצט געוועזן אויף דער „דעקלאַריישאָן אָוו אינדעפּענדענס" (אומאָפּהענגיגקייט דעקלאַראציאָן). דיזער דאָקומענט איז ביי אַלע שפּעטערדיגע צוזאַמענפאָהרען פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי אָנגענומען געוואָרען מיט אומ־באַדייטענדע ענדערונגען.

דער נעקסטער צוזאַמענפאָהר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שיקאַגאָ אין יולי, 1893. אנוועזענד זיינען געוועזן 42 דעלעגאַטען. אויף דיזען צוזאַמענפאָהר איז פון דער פּרינציפּען־ערקלערונג אויס־געמעקט געוואָרען די פאָדערונג, אַז דער אַמט פון פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען זאָל אָפּגעשאַפט ווערען.

דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי האָט אָנגעהאַלטען יאָהרען

נאָכאנאנד. אין 1889 איז די צאָהל סעקציאָנען געווען זיבעציג. אין די נעקסטע פיער יאָהר זיינען אָרגאניזירט געוואָרען 113 נייע סעקציאָנען: 43 דייטשע, 39 אמעריקאנער, 14 אידישע, און די איבעריגע זיינען באשטאנען פון פּאָליאקען, באָהעמער, פראנצויזען, איטאַליענער און אנדערע נאציאָנאַליטעטען. די סעקציאָנען זיינען געווען פארשפּרייט אין 21 שטאאטען. פיעלע פון די נייאָרגאניזירטע סעקציאָנען זיינען אויפגעלייזט געוואָרען, אָבער אנדערע זיינען גלייך ארגאניזירט געווארען אויף זייער פּלאַץ, און די צאָהל איז געוואקסען. אין 1896 האָט דער נאציאָנאַלער סעקרעטער באריכטעט וועגען 200 סעקציאָנען אין 25 שטאאטען. דעם זעלבען יאָהר איז אין ניו יאָרק אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער נייַנטער נאציאָנאַלער צוזאמענפאָהר פון דער פּארטיי. ער איז געעפענט געוואָרען דעם 4טען יולי, און האָט אָנגעהאַלטען גאנצע זיבען טעג. פיער און נייַנציג דעלעגאטען האָבען איהם בייגעוואוינט און זיי האָבען פארטראָטען פינף און זיבעציג סעקציאָנען אין צוועלף שטאאטען.

די פארהאנדלונגען ביי דיזען צוזאמענפאָהר זיינען געווען אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנט. דאָס באדייטענדסטע, איז געווען די שטעלונג וואָס די דעלעגאטען האָבען גענומען צו דער טרייד־יוניאָן באוועגונג. די פראגע איז אויפגעשוואומען דורך א רעזאָלוציע צו אינדאָרסירען די סאָציאַליסטישע טרייד און לייבאָר עלייענס, וועלכע איז דאן געגרינדעט געוואָרען פון עטליכע פּראָמינענטע פארטיי־פיהרער אין אָפּאָזיציע צו דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר און דעם אָרדער פון „דהי נייטס אָוו לייבאָר”. עטליכע זיצונגען זיינען פארנומען געוואָרען מיט דיזער פראגע. די דעבאטען זיינען געווען היציגע. ענדליך איז מיט 71 שטימען געגען 6 אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע, וועלכע האָט פארדאמט די עקזיסטירענדע יוניאָנס אַלס קאָרופּט, און וועלכע האָט רעקאָמענדירט דעם עלייענס.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי האָט, אַלזאָ, צום ערשטען מאָל אין איהר געשיכטע ערקלערט קריעג געגען די נאציאָנאַלע קערפּערשאַפטען פון אָרגאניזירטע ארבייט. דאָס איז גע־

ווען א נייע ווענדונג אין דער טאַקטיק פון דער פארטיי אין באצוג צו דער יוניאָן־באוועגונג. וואָס פאַר א רעזולטאַט דיזע טאַקטיק האָט געבראַכט דער אָרגאַניזאַציאָן, וועלען מיר זעהן אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען.

אין די נעקסטע דריי יאָהר איז די צאָהל פון די סעקציאָנען געשטיגען ביז איבער 350. די טעטיגקייט פון דער פארטיי האָט זיך פארשפרייט אויף דרייסיג שטאַטען. די פארטיי־פרעסע האָט צוגעקראָגען וויכטיגע קרעפטען און געוואַקסען אין צירקולאַציאָן. אין 1899 האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי דערגרייכט דעם העכסטען פונקט פון איהר מאַכט.

דריטער קאַפּיטעל.

די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי אין דער פּאָליטיק.

1. אומאָפּהענגיגע פּאָליטיק.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי, אָדער די ארבייטער פּארטיי פון די פאראייניגטע שטאטען, ווי די אָרגאַניזאַציאָן האָט זיך גערופען אין די ערשטע יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ, איז לכתחילה אָרגאַניזירט געוואָרען הויפּטזעכליך פאר פּראָפּאַגאַנדאַ צוועקען. איבער דער פראגע פון דער פּארטיי'ס שטעלונג צו באַטייליגען זיך אין פּאָליטיק, האָט דער פילאדעלפיער פאראייניגונגס־צוזאַמענפאָהר אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאָס די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאַס איז דער גרויסער ציל, צו וועלכען יעדע פּאָליטישע באוועגונג מוז שטרעבען;

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאָס די ארבייטער פּארטיי פיהרט איהר קאַמף הויפּטזעכליך אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט;

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאָס די סאָלדאטען פון דער ארבייטער פּארטיי קענען קריגען זייער איבונג בלויז אין דעם עקאָנאָמישען קאַמף;

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאָס דער שטימקאסטען האָט אין דיזער לאַנד שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין דער אויסדרוק פון דעם פאָלק'ס ווילען און איז געוואָרען אַן אונטערדריקונגס אינסטרומענט אין די הענט פון די פּראפעסיאָנעלע פּאָליטישענס;

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאָס די אָרגאַניזירטע ארבייטער זיינען נאָך ניט שטארק גענוג אויסצואוואָרצלען דיזע קאָרופּציאָן;

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאָס דיזע בורזשואזע רעפּובליק האָט פּראָדוצירט אַ גרויסע צאָהל מיטעל־קלאַס רעפאָרמאטאָרס און פעלשער, און דאָס ווען די באוועגונג וועט ווערען אַ פּאָליטישע וועט לייכטער זיין פאר דיזע עלעמענטען אין איהר אריינצודרינגען;

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאָס די קאָרופּציאָן פון דער שטימקאסטען און די פאלשקייט פון רעפאָרם האָבען דערגרייכט

דעם העכסטען פונקט אין די יאָהרען ווען עס קומען פאַר פּרעזי־דענט וואהלען, און דאָס אין יענע יאָהרען איז דער געפאהר פאַר דער ארבייטער פארטיי דערפאר די העכסטע;

„צוליב די אורזאכען, האָט דער פאראייניגונגס צוזאמענפאָהר פון דער ארבייטער פארטיי אויף זיין זיצונג אין פילאדעלפיא, דעם 22טען יולי, 1876, באשלאָסען:

„די סעקציאָנען פון דער פארטיי און די ארבייטער אין אל־געמיין זיינען אויפגעפאָדערט פאַרלויפיג זיך צוריקצוהאלטען פון אלע פּאָליטישע באוועגונגען, און זיך אָפּצוקערען פון שטימקאסטען.

„די ארבייטער וועלען זיך דערמיט איינשפאָרען פילע ענטוי־שונגען און זיי וועלען קענען אָפּגעבען זייער צייט און זייער ענער־גיע פאר בעסערע נוצען צו דער ארגאניזאציאָן פון די ארבייטער, וועלכע ווערען אָפט געשעדיגט און פארניכטעט דורך פריהצייטיגע האנדלונג.

„לאָמיר וואַרטען אויף דער גינסטיגער צייט! די צייט וועט קומען!"

עס איז לייכט צו זעהן פון די אויסדריקע אין דער רעזאָ־לוציאָן, דאָס די פארטיי האָט זיך צוריקגעהאלטען פון באטייליגען זיך אין דער פּאָליטיק, ווייל זי האָט אזוי געמוזט, ניט ווייל זי האָט אזוי געוואָלט. די אורזאכען פון דיזער שטעלונג קען מען באגרייפען באטראכטענדיג די לאגע פון דער פארטיי און די אל־געמיינע פּאָליטישע לאגע אין יענער צייט. אין 1876 איז די אר־בייטער פארטיי באשטאנען פון א 2500 ביז 3000 מיטגלידער. די גרעסטע מאַיאָריטעט פון זיי איז געווען דייטשען. די פארטיי איז ערשט באשאפען געוואָרען דורך דער פאראייניגונג פון עט־ליכע עלעמענטען, וועלכע זיינען ניט געווען איינהייטליך. די אָר־גאניזאציע איז געווען א לייזע, מיט מאגערע מיטלען, און אן אומ־באדייטענדען איינפלוס. אונטער אזוינע אומשטענדען האָט מען ניט געקענט טראכטען פון אן אומאָפּהענגיגען פּאָליטישען קאמף. די אויסזיכטען פון פאראייניגען זיך מיט עקזיסטירענדע רעפאָרם פארטייען זיינען אויך ניט געווען גלענצענד. די איינציגע פארטיי וועלכע האָט געקענט צוקומען נאָהענט צו דער ארבייטער פארטיי

אין די וואהלען פון 1876 איז גווען די „גרינבעק פארטיי", און זי איז אויך געווען אומבאַדייטענד, און די פרינציפּען וואָס זי האָט פארטיידיגט זיינען געווען ניט פון דעם סאָרט וועלכע האָבען געקענט אפעלירען צו די ארבייטער אינטערעסען. די איינציגע ברירה איז געווען זיך צוריקצוהאַלטען אינגאַנצען פון פּאָליטישע טעטיגקייט.

אין דעם נעכסטען יאָהר זיינען פארגעקומען פילע באַדייטענדע ענדערונגען אין דער לאַגע פון דער פארטיי. די גרויסע אייזענבאהן סטרייקס און דער אַלגעמיינער שלעכטער אינדוסטריעלער צושטאַנד אין לאַנד, וועלכען מיר האָבען געשילדערט אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל, האָבען געבראַכט די סאָציאַלע פּראָבלעמען צום פאָדער־גרונד. די רייען פון דער פארטיי זיינען פארגרעסערט געוואָרען און פיעלע פון די רעקרוטען זיינען געווען אמעריקאַנער ארבייטער. די אַלגעמיינע שטימונג איז געווען גינסטיג פאר ראַדיקאַלע און רעפאָרם פּאָליטיק, און די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי האָט זיך, נאַטירליך, באַנוצט מיט דער געלעגענהייט.

פון 1877 ביז 1879, ווען דאָס לאַנד איז געווען פול מיט ארבייטער אומרוהען, האָט די פארטיי אָנגעפיהרט טעטיגע קאמפּיינס אין די שטאַט־וואהלען און אין די לאָקאַלע וואהלען, און אין מאַנכע פּלעצער האָט זי געהאַט אַ באַדייטענדען ערפאָלג. אין שיקאַגאָ איז אין 1877 אָפּגעגעבען געוואָרען 7,000 שטימען פאר דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי, און אין דעם פריהלינג פון דעם נעקסטען יאָהר איז איינער פון איהרע מיטגלידער, פ. שטראַובערט, ערוועהלט געוואָרען צום „קאממאָן קאָונסיל". אין נאָוועמבער פון 1878 האָבען די שיקאַגאָר סאָציאַליסטען ערוועהלט דריי שטאָדט־פאָרשטעהער: ס. ר. הארט, ס. מייער און לעאָ מיילבעק, און איין שטאַט סענאַטאָר — סילוועסטער ארטלי. דיזע סאָציאַליסטישע פארטרעטער האָבען אריינגעטראָגען די פאָלגענדע פאָרשלעגע אין סטייט פּאַרלאַמענט: אַז ווייִדזשעס זאָל געצאָהלט ווערען מיט באַרעם געלט; אַז די ארבייטס־שטונדען פון פרויען און קינדער זאָלען באַגרעניצט ווערען; באַלוינונג פאר געשעדיגטע

ארבייטער און נאָך איינינגע. עס פארשטעהט זיך, אז די אלע פאָר־שלעגע זיינען גלייך נידערגעשטימט געוואָרען. זיי האָט זיך אָבער איינגעגעבען צו ווירקען, אז דער פארלאמענט זאָל גרינדען אַ ביוראָ פאר ארבייטער סטאטיסטיקס. אין פריהלינג פון 1878 זיינען פיער סאָציאליסטען ערוועהלט געוואָרען אלס שטאָדט־ראטמענער: אלטפיטער, לאָרענץ, מייער און שטראובערט. אויף דער שפיצע פון דער שטים־צעטעל פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פאר־טיי איז אין יענע וואהלען געשטאנען דר. ערנסט שמידט, וועלכער איז געווען באשטימט פאר מעיאָר. דר. שמידט איז געווען אַ פאָפולערער און איינפלוסרייכער דייטשער דאָקטאָר, אַ באוואוס־טער געלעהרטער אין מארקסיזם, און אַן איבערגעבענער פריינד פון ארבייט. ער האָט באקומען איבער 12,000 שטימען.

אין סינסיננעטי האָט ד פארטיי געצויגען 9,000 שטימען אין דעם זעלבען יאָהר, און אין קליוולענד 3,000 שטימען. אין דער זעלבער צייט האָט די פארטיי באקומען 7,000 שטימען אין סט. לואיס און האָט דאָרטען ערוועהלט פינף מיטגלידער פון דער שול־קאָמיטע (סקול־באָארד) און צוויי ראטמענער.

אין ניו יאָרק האָט די פארטיי ארויסגעשטעלט אַ פולען צע־טעל פון קאנדידאטען אין 1879. קיילעב פינק איז געווען דער קאנדידאט פאר גובערנאטאָר און אָסבאָרן וואָרד פאר וויצע־גו־בערנאטאָר. דער צעטעל איז געשטיצט געוואָרען פון סעקציעס פון דער פארטיי אין ניו יאָרק, ברוקלין, אָלבאני, טראָי, יוטיקא, סיראקיוז און באָפאלאָ. אָבער די שטאָט אָרגאניזאציע איז געווען זעהר שאוואך. די סאָציאליסטען האָבען געצויגען ווייניגער ווי 10,000 שטימען.

קאנדידאטען זיינען נאָמינירט געוואָרען אין דעטראָיט, באָס־טאָן, ניו אָרלעאַן און דענווער. די פארטיי ארגאניזאציעס אין ניו דזשוירזי, פענסילווייניא, וויסקאָנסין, אייאָווא, אנדיאנא, קענזעס און קענטאָקי האָבען זיך ניט באטייליגט אין דעם פאָליטישען קאמף אין יענער צייט. אין לואיסוויל האָט אַן ארבייטער פארטיי, וועלכע איז באשטאנען הויפטזעכליך פון יוניאָן־לייט, אָבער וועל־כע איז געווען שטארק באאיינפלוסט פון די מיטגלידער פון דער

סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי, געצויגען איבער 9,000 שטי־מען. אינגאַנצען זיינען דאָרטען אָפּגעגעבען געוואָרען 14,000 שטימען. דאָס איז געווען אין דעם יאָהר 1877. אין אייניגע אַנדערע פּלעצער האָבען די סאָציאַליסטען זיך פאַראייניגט מיט די „גרינבעקערס".

אין קאַליפאָרניא האָבען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם אויסגעצייכענטען רעדנער דעננים קוירני, זיך אָרגאַניזירט פאַר פּאָליטישע טעטיגקייט אונטער דעם נאָמען „די אַרבייטער פּאַרטיי פון קאַליפאָרניא". די סאָציאַליס־טישע אַרבייטער פּאַרטיי האָט זיך צוריקגעהאַלטען פון אַרויסשטע־לען אייגענע קאַנדידאַטען, ווייל זי האָט געגלויבט אַז עס איז ניט קלוג צו צושפּליטערן די כחות פון דער אַרבייטער באַוועגונג *).

---

*) די קוירנע אַגיטאַציע איז אַן אינטערעסאַנטער בלעטער אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג. די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע אין קאַליפאָרניא איז אין דעם יאָהר 1877 גע־ווען זעהר אַ קריטישע. די כוואַליע פון די אינדוסטריעלע אומרוהען, וועלכע האָט פאַרפּלייצט די איסט אין 1873, האָט דערגרייכט דעם פּאַ־סיפישען ברעג פיעל שפּעטער, און די רעזולטאַטען האָבען זיך אַם שטאַרקסטען געפיהלט דאָרטען אין 1877. די ווילדע ספּעקולאַציעס אין וועלכע כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון קאַליפאָרניא האָט זיך באַ־טייליגט, האָבען פאַרשאַרפט דעם קריזיס. דער האַנדעל איז כמעט אינגאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען. עס האָבען זיך צוגעשלאָסען די מינען, די פאַבריקען און די ווערקשטאַטען, און ביי די ביסעל אַרבייט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען, זיינען געווען באַשעפטיגט הויפּטזעכליך כינעזער, וועלכע זיינען גרייט געווען צו אַרבייטען פאַר אַ העלפט לוין ווי די ווייסע אַרבייטער.

די באַפעלקערונג האָט שרעקליך געליטען, און די קאָרופּטע און אומפעהיגע רעגירונגס באַאַמטע זיינען געווען ניט פעהיג און ניט וויליג צו געפינען הילפס־מיטלען. די צאָהל פון אַרבייטסלאָזע אין קאַליפאָרניא, און ספּעציעל אין סאַן־פראַנציסקאָ, איז געווען אומגע־הייער גרויס. זייער אומצופרידענהייט מיט די עקזיסטירענדע אומ־שטענדען האָט זיך געלאָזט הערען שטאַרקער און שטאַרקער, און האָט ענדליך געפונען אַ אויסדרוק אין דער גרינדונג פון דער „אַרבייטער פּאַרטיי פון קאַליפאָרניא". דער לייטענדער גייסט פון דיזער פּאַרטיי איז

די פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצע האָט זיך ניט באַטייליגט אין די נאַציאָנאַלע וואַהלען, און דאַרום איז שווער ריכטיג אָפּצושאַצען איהר מאַכט אין יענער צייט. די צאָהל שטימען וואָס זי האָט געצויגען ארום און ווערט אָפּגעשאַצט פון מאַנכע אַלס 50,000 און פון מאַנכע אַלס 100,000.

די אויסזיכטען זיינען געווען פאַרשפּרעכענדע, ספּעציעל ווען

געווען דעניס קירני, אַ מענש מיט ווייניג בילדונג און ווייניג לאָגיק. ער האָט אָבער געהאַט אומבאַגרענצטע ענערגיע און רעדנער־קראַפט. אונטער פיהרערשאַפט פון קירני איז די פּאַרטיי באַלד געוואָרען אַ מאַכט אין די לאָקאַלע פּאָליטיק. טויזענטער באַגייסטערטע צוהערער האָבען בייגעוואוינט די פאַרזאַמלונגען אויף „סענד לאָטס" אין סאַן פראַנציסקאָ. די פּרעסע איז געווען פול מיט דער אַגיטאַציע וואָס די פּאַרטיי האָט אָנגעפיהרט, און ביי די שטאָדט־וואַהלען אין סאַן פּראַנציסקאָ האָט די פּאַרטיי ערוועהלט אַ מאַיאָריטעט פון די באַאַמטע. אַ דאַנק די אַרבייטער פּאַרטיי פון קאַליפאָרניא איז די קאָנסטיטוציע פון דער שטאַט רעווידירט געוואָרען. ביי דער קאָנסטיטוציאָנס־פּאַרזאַמלונג אין 1879 האָט די פּאַרטיי געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס.

די נייע שטאַט קאָנסטיטוציע פון קאַליפאָרניא האָט ענטהאַלטען אַ צאָהל ראַדיקאַלע רעפאָרמעס וועלכע האָט באַגרעניצט די מאַכט פון קאַפּיטאַל, און וועלכע האָט פאַרבאָטען כינעזישע אַרבייט. דיזע נייע קאָנסטיטוציע האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף די רייכע קלאַסען. שפּעטער האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אַז זייער שרעק איז געווען אַן אומזיסטער.

די קירני באַוועגונג איז געווען בלויז דער אויסדרוק פון אַן אומקלאָהרע און אומאויפגעקלערטע אומבופרידענהייט. זי האָט זיך ניט געשטיצט אויף קיין באַשטימטע סאָציאַלע טעאָריע. זי האָט ניט פאָרגעשלאָגען קיין קאָנסטרוקטיווע מיטלען. איהר קריעגס־געשריי איז געווען: „אַרונטער מיט די רייכע!" און איהר הויפּט פּרינציפּ איז געווען: „די כינעזער מוזען געהן". די באַוועגונג האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג, ווי דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט אָנגעהאַלטען. אַזוי שנעל ווי עס האָבען זיך באַוויזען די ערשטע צייכענס פון בעסערע צייטען, איז די באַוועגונג צוזאַמענגעבראָכען און האָט ניט איבערגעלאָזען קיינע שפּורען הינטער זיך. די אַרבייטער פּאַרטיי פון קאַליפאָרניא האָט זיך אויפגעלייזט, און די נייע קאָנסטיטוציע, וועלכע איז געווען איהר הויפּט אויפטו, איז שפּעטער אַזוי פאַרטייטשט געוואָרען פון די פּאַרלאַמענטען און פון דעם געריכט, אַז זי האָט קיין ממשות ניט געהאַט.

מען נעמט אין אנבאטראכט די אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייטען וועלכע זיינען געשטאַנען אין וועג די יונגע ארגאניזאציע. די באגייסטערונג צווישען די אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטען אין די פאראייניגטע שטאַטען איז געווען זעהר גרויס.

די שפּעטערדיגע ענטוויקלונגען, אָבער, האָבען ענטוישט די באגייסטערטע ערוואַרטונגען. די בעסערע צייטען האָבען אונטערגעגראָבען די ווירקונג פון דער סאָציאַליסטישער אגיטאציע, וועלכע האָט ערשט אָנגעהויבען צו געווינען אָנהענגער צווישען אמעריקאנער ארבייטער. די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי האָט שנעל פארלאָרען סיי אין מיטגלידער און סיי אין איינפלוס און ווען די פּרעזידענט-וואַהלען פון 1880 זיינען אָנגעקומען, איז די פּארטיי ניט געווען אין קיין בעסערן צושטאַנד ווי אין די וואַהלען פון 1876. „עס איז צום באַדויערן", האָט געזאָגט וועןפעטען אין זיין אָפיציעלען באריכט צו דעם אללעגהעני צוזאמענפאָהר (דעצעמבער דעם 26טען, 1879, ביז יאנואר דעם 1טען, 1880), „דאָס אונזער פּארטיי האָט פארלאָרען די ווערטפולע געלעגענהייטען וועלכע די לעצטע צוויי יאָהר האָבען איהר געגעבען. אונזער אָרגאַניזאציע האָט ניט געהאַט די ערפאַהרונגען און דען גלויבען אין זיך, וועלכע זיינען נויטיג צו ווירקען אויף א גרויסע צאָהל פון אומצופרידענע ארבייטער, וועלכע זיינען גרייט אָרגאַניזירט צו ווערען. ספּעציעל מוז מען באַדויערן וואָס אונז איז ניט געלונגען צו ערוועהלען צום וועניגסטענס א צעהנדליג פאָרשטעהער אין די געזעץ-מאַכענדע קערפּערשאַפטען פון יעדער שטאַט אין די נאָרטה. א פּארטיי וועלכע ערוועהלט א צאָהל פאָרשטעהער ווערט באַטראַכט אלס פּערמאַנענט, אָבער א פּארטיי וועלכע ערוועהלט ניט קיין פאָרשטעהער, ווערט פון עולם באַטראַכט אלס צייטווייליג און צווייפעלהאַפט".

דער זעלבער באריכט שלאָגט פאָר, אז די פּארטיי זאָל זיך באַטייליגען אין די אָנקומענדע פּרעזידענט-וואַהלען. דיזער פאָרשלאג איז היים דיסקוטירט געוואָרען ביי דעם צוזאמענפאָהר.

מיט זעהר וועניג אויסנאַמען, זיינען די דעלעגאַטען געווען איינִיג אין דעם, אז מען דאַרף זיך באַטייליגען אין די וואַהלען.

די דעבאַטען האָבען זיך געדרעהט אַרום דער פראַגע, צי די פּאַרטיי זאָל געהן אַליין אין דעם פּאָליטישען קאַמף, אָדער זי זאָל זיך פאַראייניגען מיט אַנדערע רעפאָרם פּאַרטייען.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט פאָרגעלייגט דאָס די פּאַרטיי זאָל זיך פאַראייניגען מיט דער אַרבייטער פּאַרטיי פון קאַליפאָרניא, מיט דער גרינבעק פּאַרטיי, און די ליבעראַלע פּאַרטיי. דיזע לעצט דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם „ליבעראַל ליעג" און האָט אָפּגעהאַלטען אַ צוזאַמענפאָהר אין סינסיננעטי, אין סעפּטעמבער, 1879, וואו זי האָט אָנגענומען אַ האַלב סאָציאַליסטישע פּרינציפּען ערקלערונג. אַ צאָהל דעלעגאַטען האָבען דיזען פאָרשלאַג געשטיצט. צווישען זיי — פּאַרסאָנס און מעק-געווייער. די איבעריגע דעלעגאַטען האָבען איהם שטאַרק באַקעמפּט. דער פאָרשלאַג צו פאַראייניגען זיך מיט די אַנדערע רעפאָרם פּאַרטייען איז נידערגעשטימט געוואָרען מיט אַ קליינער מאַיאָריטעט, און דער צוזאַמענפאָהר האָט באַשלאָסען אַז די פּאַרטיי זאָל מאַכען אייגענע נאָמינאַציעס פאַר פּרעזידענט און וויים-פּרעזידענט.

קייליב פּינק, פון ניו יאָרק, אָ. אַ. בישאָפּ, פון איללינאָיס, און אָסבאָרן וואָרד, פון ניו יאָרק, זיינען נאָמינירט געוואָרען. פון די 24 אַנוועזענדע דעלעגאַטען האָבען 9 זיך צוריקגעהאַלטען פון שטימען; 10 האָבען געשטימט פאַר פּינק'ן; 4 פאַר בישאָפּ'ן און איינער פאַר וואָרד'ן. קייליב פּינק איז, אַלזאָ, ערקלערט געוואָרען אַלס דער קאַנדידאַט פון דעם צוזאַמענפאָהר.

ביי אַ שפּעטערע זיצונג איז די פראַגע ווידער פאַרהאַנדעלט געוואָרען און עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, אַז די נעמען פון אַלע דריי זאָל איבערגעגעבען ווערען פאַר אַן אַלגעמיינע אָפּשטימונג צו די פּאַרטיי מיטגלידער, און אַז דער וואָס וועט באַקומען די העכסטע צאָהל שטימען, וועט זיין דער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, און דער וואָס וועט קריגען די נעקסטע העכסטע צאָהל זאָל זיין דער קאַנדידאַט פאַר וויים-פּרעזידענט. דיזע רעזאָלוציע האָט געענדערט די גאַנצע סיטואַציע. דער פאָרשלאַג צו נאָמינירען אייגענע קאַנדידאַטען פאַר פּרעזידענט און וויים-

פרעזידענט איז אינגאַנצען צוריקגעוויזען געוואָרען פון די פּאַרטיי מיטגלידער, און די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט אין ד וואהלען פון 1880 געשטיצט די קאַנדידאַטען פון דער „גרינבעק פּאַרטיי".

2. די גרינבעק פארטיי.

די גרינבעק באוועגונג איז ארויסגעוואקסען אלס רעזולטאט פון דעם פינאנציעלען קריזיס אין 1873. זי איז געווען דער ער־שטער אויסדרוק פון א פאלקס־פראטעסט געגען קאפיטאל, און האט אנגענומען די פארמע פון א באוועגונג פאר געלט רעפארם. זי האט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט, דאס די באנקירען הא־בען געמאכט א פארשווערונג אונטערצושלאגען די ווערדע פון די מלחמה אסיגנאציעס, כדי זיי זאלען קענען אפקויפען מיט דיזע ביליגע אסיגנאציעס די באנדס פון דער אמעריקאנער רעגירונג און דערנאך ווירקען אז די רעגירונג זאל די באנדס אויסקויפען מיט גאלד. עס האט זיך פארשפרייט אן אלגעמיינע אגיטאציע געגען דיזער זאגענאנטער פארשווערונג, און פון דעם איז ארויסגעוואקסען די גרינבעק פארטיי. איהר ערשטער צוזאמענפאהר איז אפגעהאל־טען געווארען אין אינדיאנאפאליס, אין 1874, וואו זי האט אנ־גענומען א פלאטפארמע וועלכע האט געפאדערט אייניגע געלט רעפארמעס, צווישען וועלכע עס זיינען געווען די פאלגענדע דריי:

1. די נאציאנאלע באנק צעטלען זאלען צוריקגעצויגען ווע־רען.

2. אז בלויז פאפיר־געלט זאל געברויכט ווערען אין ציר־קולאציע, און אז דיזע געלט זאל מען קענען אויסבייטען פאר רע־גירונגס באנדס.

3. אז מטבעות זאלען געברויכט ווערען בלויז צו באצאה־לען פאר אזוינע באנדס, פאר וועלכע עס איז פארשפראכען אויס־דריקליך צו באצאהלען מיט מטבעות.

דיזע פאדערונגען האבען אפעלירט הויפטזעכליך צו פאר־מערס און צו קליינע געשעפטס־לייט, וועלכע האבען געהאט חובות

צו באַצאָהלען. די באַוועגונג איז דערפאַר אַ לאַנגע צייט אָנגע־גאַנגען בלויז צווישען דייטשע קלאַסען. אַרבייטער אין אינדוסטריען האָבען אַרויסגעצייגט וועניג אינטערעס אין דער באַוועגונג.

אין 1876 האָט די פּאַרטיי נאָמינירט דעם באַוואוסטען ניו יאָרקער פילאַנטראָפּיסט פּיטער קופּער פאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, און סעמיועל פ. קעררי, פון אָהייאָ, פאַר וויים־פּרעזידענט. זיי האָבען געצויגען איבער 80,000 שטימען.

די באַוועגונג איז כמעט אינגאַנצען אָפּגעשטאָרבען, ווען עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די גרויסע סטרייקס און די אַרבייטער אומרוהען אין 1877, און דורך זיי איז זי ווידער אויפגעלעבט גע־וואָרען. די געלט פאָדערונגען זיינען אָפּגעלייגט געוואָרען אָן אַ זייט, און זייער פּלאַץ האָבען פאַרנומען די אַרבייטער פאָדערונגען. אין 1878 האָט די פּאַרטיי אָפּגעהאַלטען אַ צוזאַמענפאָהר אין טאָלידאָ, אָהייאָ, ביי וועלכען עס זיינען אַנוועזענד געווען אַ צאָהל אַרבייטער פיהרער. די פּאַרטיי האָט געענדערט איהר נאָמען אויף „גרינבעק אַרבייטער פּאַרטיי". די באַוועגונג האָט געוואונען פּאָ־פּולאַריטעט צווישען די אינדוסטריעלע אַרבייטער אין דער איסט, און ביי די נעקסטע וואַהלען פון קאָנגרעס האָט זי געצויגען אַן ערך פון אַ מיליאָן שטימען און ערוועהלט פערצעהן קאָנגרעס־לייט. אין די פּרעזידענט וואַהלען פון 1880 האָט די גרינבעק אַרבייטער פּאַרטיי נאָמינירט דזשיימס ב. וויווער, פון אייאָווא, און ב. דזש. טשיימבערס, פון טעקסעס, אַלס קאַנדידאַטען פאַר פּרעזידענט און וויים־פּרעזידענט. אָבער די מאַסען אומרוהען זיינען שוין געווען דאַן איינגעשטילט, און די גרינבעק פּאַרטיי האָט געצויגען בלויז 300,000 שטימען. פון דאַן אָן איז די פּאַרטיי געגאַנגען אויף צוריק. דעם לעצטען מאָל וואָס זי האָט אַרויסגעשטעלט נאַ־ציאָנאַלע קאַנדידאַטען איז געווען אין 1884, ווען זי האָט נאָמי־נירט פאַר פּרעזידענט גענעראַל ב. פ. באַטלער, אַ געוועזענער קאָנגרעס־מאַן און אַ געוועזענער גובערנאַטאָר פון מאַססאַטשו־סעטס, וועלכער איז געווען אַ דעמאָקראַט, רעפּובליקאַנער און אַן אַרבייטער פּאָליטישען. באַטלער האָט געקראָגען די אונטערשטי־צונג פון די אַנטי־מאָנאָפּאָליסטען און האָט געצויגען אַרום 175,000

שטימען. נאָך דיזע וואַהלען זיינען די גרינבעקערס ביסלאַכווייז אַריין צוריק אין די אַלטע פּאַרטייען, און די פּאַרטיי איז אונטער־געגאַנגען.

אַזוי לאַנג ווי די גרינבעק פּאַרטיי האָט באַגרעניצט איהר אַגיטאַציע אויף געלט־רעפאָרם, האָט די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי פעסט באַקעמפּט יעדען פאַרזוך מיט איהר זיך צו פאַר־איינינגען. אָבער זייט 1878, ווען זי איז געקומען אין נעהענטערע באַריהרונג מיט דער אַרבייטער באַוועגונג, איז די שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו איהר געוועזן פריינדליכער. ווי מיר האָבען באַוויזען אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל, האָבען מאַנ־כע סעקציעס פון דער פּאַרטיי געשטיצט די גרינבעקערס אין די וואַהלען פון 1878 און 1879. די שטיצע איז אָבער געווען ניט קיין אָפיציעלע. די פּאַרטיי פאַרוואַלטונג האָט איהר געדולדעט, אָבער ניט ערמוטיגט. ערשט אין 1880 האָט די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי, אַלס אַזעלכע, אָפיציעל באַשלאָסען צו שטיצען די גרינבעק פּאַרטיי. אַזוי שנעל ווי דאָס איז באַשלאָסען געוואָרען צו טאָן, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער פּאַרטיי געמאַכט אַן אויפרוף צו אַלע סעקציעס און צו אַלע יוניאָנס, וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט צו איהר, צו שיקען דעלעגאַטען צו דער קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ, אויגוסט דעם 8טען, 1880. דער נאַ־ציאָנאַלער צוזאַמענפאָהר פון דער גרינבעק אַרבייטער פּאַרטיי האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטען ווערען דעם 9טען אויגוסט אין דער זעלבער שטאָדט, און עס איז פאַרשטאַנען געווען, דאָס די קאָנפערענץ פון דעם 8טען אויגוסט וועט זיין פאַקטיש אַ פאַרזאַמלונג פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטען, וועלכע האָבען ערוואַרטעט בייצוואַ־וואוינען דעם גרינבעק צוזאַמענפאָהר. אַרום 90 דעלעגאַטען האָ־בען זיך אָפּגערופען. אַ העלפט פון זיי זיינען געווען שיקאַגאָער איינוואוינער, וועלכע האָבען באַקומען מאַנדאַטען פון פאַרשידענע קליינע סעקציעס. 38 זיינען געווען דירעקטע פאָרשטעהער פון זייערע סעקציעס. צווישען די לעצטע זיינען געווען: פיליפּ וואַן־פּעטען, דער סעקרעטער פון דער פּאַרטיי; דר. דראַווין, דזש. פּ. מעק־גווייער, אַלבערט ר. פּאַרסאָנס, מרס. ל. פּאַרסאָנס, ט. דזש.

מאָרגאַן, און אַנדערע באַוואוסטע מיטגלידער פון דער סאָציאַליס־טישער ארבייטער פּאַרטיי.

ביי דער סאָציאַליסטישער פאַר־פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסען געוואָרען זיך צו ווענדען צום גרינבעק צוזאַמענפאַהר מען זאָל זיי צולאָזען אַלס אַ קערפּערשאַפט און מען זאָל זיי לאָזען שטימען פאַראייניגט אויף אַלע פראַגען. עס איז אויך באַשלאָסען געוואָרען דאָס די פּאַרטיי פאָדערט, אַז עס זאָלען צוגעלאָזען ווערען פון 20 ביז 50 פון איהרע דעלעגאַטען, און אַז זיבען סאָציאַליס־טען זאָלען באַשטימט ווערען אין דער קאָמיטע וואָס האָט גע־דאַרפט אויסאַרבייטען די פּרינציפּען־ערקלערונג.

דר. דואוויי, אַלס פאָרשטעהער פון דער פאַר־פאַרזאַמלונג, האָט פאָרגעלייגט דיזע פאָדערונגען צום צוזאַמענפאָהר „אין נאָמען פון 100,000 שטימען וואָס די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי שטעלט מיט זיך פאָר".

די פאָדערונגען זיינען ענדליך באַוויליגט געוואָרען. די סאָ־ציאַליסטען האָבען באַקומען די געפאָדערטע פארטרעטערשאַפט אין דער פּלאַטפאָרמע קאָמיטע, און 44 שטונדען אויפ'ן צוזאַ־מענפאָהר. שפּעטער, אָבער, איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַ באַ־שלוס אַז די דעלעגאַטען מוזען שטימען נאָך די שטאַטען נאָך. די סאָציאַליסטען האָבען זיך ענטזאַגט צו פאָלגען דיזען באַ־שלוס און האָבען זיך ביי די וויטערע זיצונגען צוריקגעהאַלטען פון שטימען.

די הויפּט־ארבייט פון די סאָציאַליסטען ביי דיזען צוזאַמענ־פאָהר איז געווען אין פאַרבינדונג מיט אויסאַרבייטען די פּרינצי־פּען־ערקלערונג. זיי האָבען געזוכט, אַז דיזער דאָקומענט זאָל אויסדריקען זייערע מיינונגען אַזוי נאָהענט ווי מעגליך. די אויפ־גאַבע איז אָבער געווען צונויפגעשטעלט פון פיעל פאַרשידענע רעפאָרם עלעמענטען מיט פאַרשידענע סאָציאַלע מיינונגען. עס זיינען דאָרטען געווען געלט רעפאָרמער, אַגראַר רעפאָרמער, אַנטי־מאָנאָפּאָליסטען, געגנער פון כינעזישע ארבייט, און איינפאַכע טרייד־יוניאָניסטען. יעדע גרופּע האָט געפאָדערט אַנערקענונג פאַר איהרע ספּעציעלע פּרינציפּען. אין די מעהרסטע פעלע זיי־

נען דיזע פאָדערונגען באוויליגט געוואָרען, און עס פארשטעהט זיך אַז דער אויסגעאַרבייטער דאָקומענט איז געווען פול מיט ווידער־שפּרעכונגען. דער איינפלוס פון די סאָציאַליסטען איז געווען קלאָר אין די ערשטע שטעלען פון דעם דאָקומענט, וועלכע האָבען זיך געלעזען ווי פאָלגט:

„די רעגירונג מוז גאַראַנטירען די הייליגע רעכט פון יעדען אַרבייטער אויף די פּרוכט פון זיין אַרבייט, כדי די באשאפער פון גוטס זאָלען באַזאָרגט זיין מיט די מיטלען פאַר קערפּערליכען קאָמ־פאָרט און פאַר גייסטיגע געזעלשאַפטליכע און מאָראַלע ענטוויק־לונג. מיר פאַרדאַמען אַלס אומווירדיג פאַר אונזער' ציוויליזאַציע דעם באַרבאַריזם, וועלכער פאַר'משפט די באשאפער פון אַלעם גוטס צו אייביגע שקלאַפעריי, אום צו האָבען די מעגליכקייט צו עקזיסטירען.

„טראָץ דעם, וואָס די פּראָדוצירענדע כחות האָבען זיך פיעל פאַרמעהרט דורך דעם, וואָס עס זיינען ערפונדען געוואָרען אַר־בייט־שפּאָרענדע מאַשינען, איז די לאַגע פון דעם אַרבייטער כמעט ווי גאָרניט פאַרלייכטערט געוואָרען; די שטונדען פון אַרבייט זעהר ווייניג פאַרקירצט געוואָרען, און בלויז אַ צאָהל אַרבייטער זיינען אַרויסגעהויבען געוואָרען פון אָרעמקייט אין אַ צושטאַנד פון קאָמפאָרט און אומאָפּהענגיגקייט".

נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע האָט דער צוזאַמענפאָהר אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דעם סאָציאַליסט מאָרגאַן, אַז די ערד זאָל נאַ־ציאָנאַליזירט ווערען.

אָרום און אָרום, אָבער, זיינען די סאָציאַליסטען ניט געווען צופרידען מיט דער פּרינציפּען־ערקלערונג און מיט דער פאַרוואַל־טונג פון דער גרינבעק פּאַרטיי. זיי האָבען זיך באַטייליגט אין די פּרעזידענט־וואַהלען מיט אַ האַלבע האַרץ. גלייך נאָך די וואַהלען איז די פאַראייניגונג מיט די גרינבעקס אויפגעלייזט געוואָרען. זי איז קיינמאָל נאָכדעם ניט באַנייט געוואָרען, מיט דער אויס־נאַמע פון איינציגע אָפּגעזונדערטע פעלע.

אין די וואַהלען פון 1811 האָבען זיך די סאָציאַליסטען ניט באַטייליגט. „אַ סאָציאַליסטישער קאַמף אין דיזען לאַנד איז

נוצלאָז", האָט געשריבען די ניו יאָרקער „פאָלקסצייטונג", „סיידען מען קאָן צוקומען צו די אַמעריקאַנער שטימער. ווי די פּאַרטיי איז איצטער, קאָן זי בלויז קריגען דעם דייטשען אַרבייטער". די „פאָלקסצייטונג" האָט דאַרום געראַטען די מיטגלידער צו קאָנ־צענטרירען אַלע זייערע כחות אויף צו גרינדען אַן אמת'ע סאָ־ציאַליסטישע טעגליכע צייטונג.

דער דיזאָרגאַניזירטער צושטאַנד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די נעקסטע יאָהרען, און די קעמפּפע מיט'ן אַנאַרכיזם, האָבען אוממעגליך געמאַכט אָנצופיהרען אַ סאָציאַליסטישען פּאָ־ליטישען קאַמף. בלויז לאָקאַלע קאַנדידאַטען זיינען פון צייט צו צייט אַרויסגעשטעלט געוואָרען. אָט, צום ביישפּיל, האָט די פּאַר־טיי יעדען יאָהר אַרויסגעשטעלט אַ קאַנדידאַט פאַר דער אַסעמבלי אין דעם 10טען דיסטריקט פון ניו יאָרק, וועלכער האָט דאַמאָלסט געוואָרפען פון 700 ביז 1,000 סאָציאַליסטישע שטימען.

אין די פּרעזידענט וואַהלען פון 1884 האָט די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי ניט אַרויסגעשטעלט קיין קאַנדידאַטען. זי האָט אויך ניט געשטיצט קיינע פון די קאַנדידאַטען פון די אַנדערע פּאַרטייען. דאָס וואָס די פּאַרטיי האָט זיך צוריקגעהאַלטען פון באַטייליגען זיך אין שטימען, האָט געווירקט, אַז זי זאָל קוקען סקעפּטיש אויף דעם שטימקאַסטען אין אַלגעמיין. די פאָלגענדע ערקלערונג, וואָס איז געדרוקט געוועןאין דעם צוריבער „סאָציאַל דעמאָקראַט", נאָוועמבער דעם 14טען, 1884, גיט דעם ריכטיגען אויסדרוק פון די שטעלונג וואָס די דאַמאָלסדיגע סאָציאַליסטען האָבען געהאַט צו דער פראַגע:

„אונזערע גענאָסען אין אַמעריקאַ האָבען זיך ערקלערט, אַז זיי האַלטען זיך צוריק פון שטימען. ביידע גרויסע פּאָליטישע פּאַר־טייען, די רעפּובליקאַנישע און די דעמאָקראַטישע, זיינען קאַפּי־טאַליסטיש. אין דעם קאַמף געגען קאָרופּציאָן וואָלטען זיך די סאָציאַליסטען געווים אַנגעשלאָסען, אָבער די לייטע וועלכע האָבען דעם קאַמף אויפגעהויבען, זיינען געווען פון אַזאַ סאָרט, דאָס די סאָציאַליסטען האָבען געצווייפעלט אין זייער פעהיגקייט און אין

זייער וואונש די קאָרופּציאָן אָפּצושאַפען. „די דריטע פּארטיי, וועל־כע איז באשטאַנען פון געוועזענע גרינבעקערס און אנדערע, מיט גענעראל באַטלער אויף דער שפּיצע, האָט ניט געקענט קריגען די שטיצע פון אונזער פּארטיי, ווייל זי איז ניט געווען איינהייטליך, און ווייל גענעראל באַטלער איז א ביטרער דעמאַגאָג, אויף וועמען מען קאָן זיך ווייניג פארלאָזען. אויף אָנצופיהרען א פּאָליטישען קאמף זעלבסטשטענדיג איז אונזער פּארטיי געווען צו שוואך, און דערצו איז איהר מיינונג דאָס די פּרעזידענט וואהלען זיינען איצטער א מיטעל אָפּצונארען דאָס פאָלק און מעהר ניט“.

ערשט אין 1886 האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי אָנגעפאַנגען צו ערוואכען פון איהר פּאָליטישען שלאָף. די אויפ־רעגונג אין די ארבייטער רייען פון יענעם יאָהר, וועלכע איז גע־קומען אלס רעזולטאט פון די שלעכטע צייט און די קעמפּע פאר אַן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, האָבען געפונען אַן אויסדרוק אין א פּאָליטישער באוועגונג אין פילע וויכטיגע פּלעצער.

זעהר שטארק איז געווען די אגיטאַציע פאר דעם אכט־שטונ־דיגען ארבייטס־טאָג אין מילוואָקי, וואו די „נייטס אָוו לייבאָר“ האָבען אָרגאַניזירט די ארבייטער כמעט אין אלע וויכטיגע אינ־דוסטריען. פילע פון די ארבייטער אָרגאַניזאציעס, ספּעציעל די אין וועלכע עס זיינען געווען א סך דייטשען, זיינען שטארק בע־איינפלוסט געוואָרען פון די סאָציאַליסטען אונטער דער פיהרער־שאפט פון פּאָול גראָדקאו, וועלכער האָט דאמאָלסט רעדאקטירט אין מילוואָקי די „ארבייטער צייטונג“. ארום דעם ערשטען מאי איז די באוועגונג פון די ארבייטער געווען אזוי גרויס, און די אָפּאָ־זיציע פון די באַלעבאַטים אזוי ענטשלאָסען, אז אַן אָפענער צוזאַ־מענשטויס איז געווען אומפארמיידליך.

פּטרייקס און לאָק־אוטס זיינען פאָרגעקומען איינע נאָך די אַנדערע, און דעם 5טען מאי זיינען ארום 15,000 ארבייטער, א העלפט פון די גאַנצע צאָהל בירגער אין דער שטאָט, ארומגעגאַנגען לעדיג. די אויפרעגונג איז געווען זעהר גרויס און ווייט פאר־שפּרייט. אייניגע סאָציאַליסטען און ארבייטער פיהרער, צווישען

זיי פּאָול גראָדקאָ, זיינען ארעסטירט געוואָרען. גאָווערנאָר ראָסק האָט ארויסגערופען די שטאַט מיליץ און ערנסטע צוזאַמענשטויסען זיינען פּאָרגעקומען צווישען סאָלדאַטען און סטרייקער. אין איינעם פון דיזע צוזאַמענשטויסען האָט די מיליץ געשאָסען אויף אַן אומבאוואפענטע מענגע מענשען, און האָבען געטויטעט צוויי מענער און דריי יונגע בחורים, און פאַרוואונדעט אייניגע.

די סטרייק באַוועגונג איז ענדליך אונטערדריקט געוואָרען, אָבער דער צאָרן פון די ארבייטער איז געבליבען און האָט געפונען אַן אויסדרוק ביי די וואַהלען אין 1886. יענעם יאָהר איז א „יוניאָן ארבייטער פּארטיי“ אָרגאַניזירט געוואָרען אין וויסקאָנסין שטאַט דורך די „נייטס אָוו לייבאָר“, צוזאַמען מיט די גרינבעק פּארטיי, און די באַוועגונג איז געשטיצט געוואָרען פון די סאָציאַליסטען. איהר הויפּט שטאַרקייט איז געווען אין מילוואָקי, וואו זי האָט געצויגען צוועלף טויזענט שטימען און ערוועהלט איהרע קאַנדי־דאַטען צום קאָנגרעס און צום שטאַט פּאַרלאַמענט, ווי אויך צו אלע עמטער אין דער קאָונטי.

אין שיקאַגאָ האָט די צענטראַלע לייבאָר יוניאָן אָרגאַניזירט א „פּאַראייניגטע ארבייטער פּארטיי“. די פּארטיי איז געווען צו־נויפגעשטעלט פון מיטגלידער פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, „נייטס אָוו לייבאָר“ און ראַדיקאַלע עלעמענטען פון אַלערליי סאָרטען: סאָציאַליסטען און זאָגאַר אַנאַרכיסטען. אין נאָוועמבער 1886 האָט די פּארטיי געצויגען 20,000 שטימען פאַר׳ן קאָונטי צעטעל, און אין דעם פאָלגענדען פריהלינג האָט זי גע־קראָגען 28,000 שטימען פאַר איהר קאַנדידאַט פאַר מעיאָר.

אין מעין, ניו העמפּשיר, קאָננעקטיקוט, ניו דזשוירזי, ניו יאָרק, מערילענד, אָהייאָ, מיננעסאָטאַ, מישיגען, אייאָוואַ, מיזורי און קאָ־לאָראַדאָ זיינען עהנליכע פּארטייען אָרגאַניזירט געוואָרען. זיי זיי־נען הויפּטזעכליך געווען צוזאַמענגעשטעלט פון טרייד־יוניאָניסטען, „נייטס אָוו לייבאָר און גרינבעקערס. אין ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, מיזורי און אָהייאָ האָבען אויך די סאָציאַליסטען געשטיצט די באַוועגונג. אין פאַרשיידענע פּלעצער האָבען די פּארטייען גע־

טראָגען פאַרשיידענע נעמען : „פאַראייניגטע ארבייטער פּאַרטיי", „ארבייטער רעפאָרם פּאַרטיי", אָדער איינפאַך „ארבייטער פּאַר־טיי". זייער העכסטען ערפאָלג האָבען זיי געהאַט אין די וואַהלען פון 1886, ווען זיי האָבען ערוועהלט עטליכע לאָקאַלע צעטלען. דעם נעקסטען יאָהר האָט די באַוועגונג אָנגעפאַנגען צו אראָפּפּאַלען, און אין 1888 איז פון זיי ווייניג וואָס געבליבען.

דער וויכטיגסטער פּאָליטישער קאַמף פון יענער צייט, וואָס אָרגאַניזירטע ארבייט האָט אָנגעפיהרט, איז פאָרגעקומען אין ניו יאָרק. דאָרטען האָט די צענטראַלע לייבאָר יוניאָן אָנגעפיהרט אַ באַוועגונג פאַר אומאָפּהענגיגע ארבייטער פּאָליטיק אין די זומער מאָנאַטען פון 1886. דעם 5טען יולי פון יענעם יאָהר איז אָפּ־געהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטעהער פון ארבייטער אָרגאַניזאַציעס אין קלאַרענדאָן האָל. איבער 300 דעלעגאַטען זיי־נען געווען אנוועזענד, און ביים אָפּשטימונג האָבען 286 פון זיי זיך ערקלערט דאַפיר, אז עס זאָל אַרויסגעשטעלט ווערען אן ארביי־טער צעטעל ביים קומענדען קאַמפּיין פאַר מעיאָר. בלויז 40 זיינען געווען דאַגעגען. אייניגע קאָנפערענצען זיינען אָפּגעהאַלטען גע־וואָרען דערנאָך, און די באַוועגונג איז געוואַקסען אין שטאַרקייט און באַגייסטערונג פון וואָך צו וואָך. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ פּרינציפּען ערקלערונג, און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ באַ־שטענדיגע פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע מיט'ן נאָמען, די פאַראייניגטע ארבייטער פּאַרטיי פון ניו יאָרק". דעם 2טען סעפּטעמבער, 1886, איז אין קלאַרענדאָן האָל אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ צוזאַמענפאָהר פון דער פּאַרטיי, און מיט גרויס באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם האָט דער צוזאַמענפאָהר נאָמינירט פאַר מעיאָר און אלס דעם פאָהן־טרעגער פון דער יונגער באַוועגונג — הענרי דזשאָרדזש.

3. די הענרי דזשאָרדזש באַוועגונג.

הענרי דזשאָרדזש איז געבאָרען געוואָרען אין פילאַדעלפיא אין 1839. צו דרייצעהן יאָהר האָט ער געענדיגט סקול, דאַן האָט ער געאַרבייט אַ קורצע צייט אין אַן אָפיס, און שפּעטער איז ער אַוועק אַרבייטען אויף אַ שיף און האָט באַזוכט פילע טיילען פון דער וועלט. צו זעבצעהן יאָהר איז ער צוריקגעקומען קיין פילאַדעלפיא און האָט זיך אויסגעלערנט שריפטזעצעריי. זיין ליבע צו רייזען האָט איהם געטריבען ווידער אָנצונעמען אַ שטעלע אויף אַ שיף. ער איז געפאָהרען קיין קעלקאַטאַ, אינדיען, און פון דאָרטען קיין סאַן פראַנציסקאָ, וואו ער האָט זיך ענדליך באַזעצט.

אין סאַן פראַנציסקאָ האָט ער געאַרבייט אַלס שריפטזעצער און אַלס צייטונגס־מאַן. אין 1871 האָט ער געהאָלפען גרינדען דעם „איווונינג פּאָסט" אין סאַן פראַנציסקאָ. דאַמאָלסט האָט ער אָנגעפאַנגען נעמען אַן אינטערעס אין סאָציאַלע פראַגען. אין 1871 האָט ער אָפּגעדרוקט זיין ערשטע ווערק „אונזער לאַנד און אונזער אגראַר פראַגע", וועלכע האָט געצויגען ווייניג אויפמערקזאַמקייט. אַ גאַנץ אַנדער אויפנאַמע, אָבער, האָט באַקומען זיין צווייטע ווערק, וועלכע ער האָט געדרוקט מיט אַכט יאָהר שפּעטער, אונטער דעם נאָמען „פּראָגרעס און אַרבייט".

ווי דער נאָמען פון דאָס ווערק באַצייכענט, איז עס אַן אויספאָרשונג פון די אורזאַכען וואָרום אָרעמקייט עקזיסטירט, וועהרענד די רייכטימער פון דער וועלט פאַרמערען זיך. אונזער צייט, האָט דזשאָרדזש אָנגעוויזען, צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס די מעגליכקייט פון פּראָדוקציע האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט. מען האָט געדאַרפט ערוואַרטען, דאָס די מענשהייט אין אַלגעמיין זאָל געניסען דערפון וואָס די רייכטימער און פּראָדוקטען האָבען זיך פאַרמערט, דאָס אָרעמקייט זאָל פאַרשווינדען, דאָס אַלע זינד און פאַר־

ברעכענס, וואָס קומען פון אָרעמקייט, זאָלען פארשווינדען, און דאָס אין דער גרעסערער געזעלשאפט זאָל הערשען אַלגעמיינע גליק און צו־פרידענהייט. אנשטאָט דעם, אָבער, זעהען מיר דאָס בלויז א קליינע צאָהל מענשען געניסען פון די ברכות פון ציוויליזאציע, וועהרענד די גרעסערע טייל פון דער באפעלקערונג איז נאָך אלץ אָרעם, און דאָס גויט פיהלט זיך אם שטארקסטען דאָרטען וואו לוקסוס דערגרייכט דעם העכסטען פונקט. עס מוז דארום עפּעס זיין אַן אורזאכע אין דער מעטאָדע פון פּראָדוקציע און פארטיילונג, וועלכע פאראייניגט אָרעמקייט מיט פּראָגרעס אין אונזער ציווי־ליזאציע. וואָס איז דיזע אורזאכע? הענרי דזשאָרדזש געפינט איהר אין דעם פּריוואט אייגענטום פון לאנד, דאָס הייסט, פון אלע „נאַטירליכע מעגליכקייטען", ווי, צום ביישפּיל, די ערד, די מינען, דער פארקער, א. א. וו. „קיינער טאָר ניט האָבען קיין רעכט צו פּריוואט אייגענטום פון לאנד", האָט ער ערקלערט. „דער מענש האָט א רעכט צו נעמען פאר זיך די פּראָדוקטען פון זיין ארבייט. א מענש וועלכער מאכט א ראָק, בויט א הויז, מאכט א מאשין, האָט אַן אויסשליסליכע רעכט דאָס צו באזיצען. אָבער ווער האָט געמאכט די ערד? און וועלכער מענש קאָן נעמען דאָס רעכט אוועקצוגעבען אָדער פארקויפען ערד? די ווערדע פון א שטיק ערד האָט ניט קיין שייכות מיט דעם קאָסט פון פּראָדוקציע אָדער מיט ארבייט וואָס איז געטאָן געוואָרען אויף איהר. די ווערדע פון די ארבייט וואָס ווערט אריינגעטאָן אין א שטיק ערד איז די ווערדע פון די פארבעסערונג, אָבער די ווערדע פון דער ערד גופא — די ערד אלס ערד — הענגט אָפּ אָן נאַטירליכע אורזאכען, ווי, צום ביישפּיל, איהר פרוכטבארקייט, אָדער פון געזעלשאפטליכע אור־זאכען, ווי צום ביישפּיל, דאָס וואָס א גרויסע צאָהל מענשען באַ־זעצען זיך אין דעם געגענד. די גערעכטיגקייט פאָדערט, אלזאָ, אַז די ערד און די וואַקסענדע ווערדע פון דער ערד זאָל געהערען צום גאַנצען פאָלק. אָבער אנשטאָט דעם ווערט זי מאָנאָפּאָליזירט פון א קליינע צאָהל ערד־באזיצער, וועלכע ציהען פאר זיך די פרוכט דערפון און פאָדערען מען זאָל זיי באצאָהלען פאר בעארבייטען

איהר אדער באזעצען זיך אויף איהר. דיזע סיסטעם מאכט דאס מעגליך פאר א צאהל מענשען צו פארנעמען גרויסע שטרעקעס ערד און דערמיט ספעקולירען, און ניט דערלאזען אז מען זאל די ערד באנוצען. און אזוי ווי די ערד איז דער קוואל פון אלע רייכטימער, קומט אויס אז די, וואס לאזען ניט באארבייטען א געוויסע טייל פון איהר, באגרענצען די פראדוקציע פון דאס פאלק.

„נאך מעהר: ווען די ערד וואלט געווען פריי פאר אלעמען, וואלט יעדער זיך געקאנט ערנערען פון ערד־ארבייט, אדער פון אינדוסטריעלע ארבייט אויף א קליינעם מאסשטאב. אזוי שנעל, אבער, ווי די ערד ווערט פריוואט אייגענטום, קאן בלויז דער קאפיטאליסט, דער מענש וועלכער האט די מעגליכקייט צו צאהלען הויכע רענט, זיך פארנעמען מיט אינדוסטריע. דער ארימער מענש איז געצוואונגען צו פארקויפען זיין ארבייטס־קראפט פאר וואס פאר א פרייז ער קאן דאפיר קריגען.

„און נאך א פונקט: רענט איז א שטייער אויף די פראפיטען פון קאפיטאל און אויף די לוין פון ארבייט, און דערפאר פארערעמט זי ביידען, אי קאפיטאל און אי ארבייט, און פיהרט צו אינדוסטריעלע קריזיסען און פאראורזאכט אן אומגערעכטע איינטיילונג פון דאס פאלק'ס אייגענטום. א קליינע הייפעלע מענשען ווערט זעהר רייך, און די גרויסע מאסען ווערען ארימער און ארימער.

„אום צו באפרייען דאס פאלק פון ארמוט מוז מען מאכען די ערד דאס פאלק'ס אייגענטום. דאס איז דער שלום, צו וועלכען דזשארדזש קומט.

„דער ציעל דארף ערדייכט ווערען ביסלאכוויז", זאגט ווייטער הענרי דזשארדזש. ער שלאגט פאר, אז עס זאל ארויפגעלייגט ווערען אן אפצאהלונג אויף ערד, אן אפצאהלונג וועלכע זאל ביסלאכוויז פארגרעסערט ווערען, ביז וואנען די אפצאהלונג זאל דערגרייכען צו אזא פונקט, אז זי זאל פארשלינגען די גאנצע ווערדע פון די ערד. דער רעזולטאט דערפון וועט זיין, אז די פריוואט אייגענטימער וועלען באזיצען די ערד בלויז אויף פאפיר. די איינקונפט וועט געהערען צו דעם שטאט. דזשארדזש האט פאר־

געשלאָגען, אַז אַלע טעקסטס (שטייער, אָפּצאָהלונגען) זאָלען אָפּגע־שאַפט ווערען, אויסער דער טעקס אויף ערד. און דערפאַר טראָגט זיין פּלאַן דעם נאָמען „סינגעל טעקס" (איין איינציגע שטייער אָפּצאָהלונג).

צו פאַרשטעהן דעם גרויסען איינפלוס וואָס זיין בוך האָט געהאַט, מוז מען געדענקען, דאָס ער איז ערשינען אין אַ צייט ווען דער עולם איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין סאָציאַלע פראַגען און אין טעאָריעס וועגען לאַנד רעפאָרמעס. אַ גרויסער טייל פון דעם ערפאָלג האָט דער בוך אויך צו פאַרדאַנקען דעם אָנציהענדען סטיל אין וועלכען ער איז געשריבען, און דער טאָן פון אויפריכטיגקייט מיט וועלכען דער שרייבער דריקט אויס זיינע איבערצייגונגען. דער בוך איז געוואָרען שטאַרק פּאָפּולער. אַזוי־נע ביכער, פּונקט ווי פּאָפּולערע פיהרער, ערשיינען פון צייט צו צייט אַלס די פאַרקערפּערונג פון אַן אומקלאָהרען פאָלקס־געפיהל, און זיי באַצייכענען די ריכטונג צו אָט דיזען געפיהל.

דער בוך האָט ערוועקט גרויס ענטוזיאַזם. ער איז געדרוקט געוואָרען אין פיעלע אויסגאַבען, איבערזעצט געוואָרען אין פיעלע שפּראַכען, און איז דיסקוטירט געוואָרען אין אַרבייטער קרייזען און אין וויסענשאַפטליכע זשורנאַלען. דער אומבאַוואוסטער זשור־נאַליסט פון דער ווייטער וועסט איז פּלוצלונג געוואָרען איינער פון די באַרימטסטע מענשען פון זיין צייט. מיט זיין נאָמען האָט געקלונגען גאַנץ אַמעריקאַ. ער האָט געקראָגען טויזענטער אי־בערגעבענע תּלמידים דאָ און אין אייראָפּאַ. איבעראַל האָבען זיך געגרינדעט „לאַנד און אַרבייטער קלובען" צו פּראָפּאַגאַנדירען דיזע טעאָריעס. דזשאָרדזש אַליין איז געווען אַן אויסגעצייכענטער רעדנער, און עס זיינען פאַר איהם אָרגאַניזירט געוואָרען לעקטשור־טורס אין די וויכטיגסטע שטעדט פון אַמעריקאַ, פון אירלאַנד, און פון ענגלאַנד. דאָס האָט איהם נאָך מעהר פּאָפּולער געמאַכט.

אָט דיזען מאַן האָבען דאָס די אַרבייטער פון ניו יאָרק אויס־געקליבען אַלס זייער פיהרער אין די שטאַט וואַהלען פון 1886.

דזשאָרדזש האָט געשטעלט אַן אומגעוועהנליכע באַדינגונג אין פאַרבינדונג מיט זיין קאַנדידאַטור. ער האָט געפאָדערט, אַז עס

זאָלען געזאַמעלט ווערען צום ווייניגסטענס 30,000 אונטערשריפטען פון די איינוואוינער פון שטאָדט ניו יאָרק אויף אַן ערקלערונג, אַז זיי פאַרלאַנגען ער זאָל נאָמינירט ווערען, און אַז זיי פאַרשפּרעכען פאַר איהם צו שטימען. דאָס, האָט ער ערקלערט, וויל ער צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, וועט דאָס באַווייזען אַז עס עקזיסטירט אַן אַלגעמיינער פאַרלאַנג פאַר זיין קאַנדידאַטור, און צווייטענס, וועט עס איבערצייגען די גלייכגילטיגע, אַז ער האָט אַ גוטע געלעגענהייט ערוועהלט צו ווערען, און דאָס אויב זיי וועלען שטימען פאַר איהם, וועט דאָס ניט זיין ארויסגעוואָרפען. דיזע מאָדנע באַדינגונג האָט ניט פאַרקלענערט דעם ענטוזיאַזם פון דער באַוועגונג. פאַרקערט דאָס האָט נאָך ארויסגערופען מעהר טעטיגקייט צווישען זיינע אָנהענגער. אין אַ קורצע צייט זיינען געזאַמעלט געוואָרען מעהר ווי די פאַרלאַנגטע צאָהל אונטערשריפטען, און די וואהל־קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעפאַנגען. פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין די צעהנדליגע. ליטעראַטור איז פאַרשפּרייט געוואָרען איבעראַל. אין אַ גאַסען־דעמאָנסטראַציע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַם ענדע סעפּטעמבער, האָבען מאַרשירט ניט ווייניגער ווי 35,000 מענשען, וועלכע האָבען מיט באַגייסטערונג געפאָדערט די ערוועהלונג פון הענרי דזשאָרדזש, אין אָקטאָבער האָט די פאַראייניגטע ארבייטער פּאַרטיי אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבען „דהי לידער", אַ טעגליכע צייטונג, געווידמעט צו דעם וואהל־קאַמף פאַר הענרי דזשאָרדזש. זי איז פאַרשפּרייט געוואָרען אין 100,000 עקזעמפּלאַרען.

די באַוועגונג איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז די אַלטע פּאַרטייען האָבען זיך דערשראָקען און האָבען ארויסגעשטעלט די שטאַרקסטע קאַנדידאַטען געגען איהם. די דעמאָקראַטען האָבען נאָמינירט דעם באַוואוסטען פילאַנטראָפּ אייבערהעם ס. היוויט, אַן איידים פון פּיטער קופּער. די רעפּובליקאַנער האָבען נאָמינירט טעאָדאָר רוזוועלט, וועלכער איז נאָך דאַמאַלסט געווען יונג און אַ פיעלפאַרשפּרעכענדער פּאָליטיקער.

אין דעם וואהל־טאָג איז ניו יאָרק געווען אין אַ צושטאַנד פון גרויס אויפרעגונג. ווען מען האָט איבערגעצעהלט די שטימען,

האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דזשאָרדזש האָט געצויגען איבער 68,000, היזוויט ארום90,000 און רוזוועלט 60,000. דאָס איז געווען דער רעזולטאט פון דעם אינטערעסאנטסטען פּאָליטישען קאמף וואָס איז ווען עס איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון די אר־בייטער אין ניו יאָרק*).

די סאָציאַליסטען זיינען קיינמאָל ניט געווען אין סימפּאטי מיט הענרי דזשאָרדזש און מיט זיין נייע סאָציאַלע לעהרע. זיי האָבען איינגעשטימט מיט זיין קריטיק פון דער עקזיסטירענדער סיסטעם פון פּראָדוקציע און איינטיילונג. זיי האָבען אָבער ניט איינגעשטימט מיט זיין אנאַליז פון די אורזאכען פון די איבלען, און מיט זיין פאָרגעשלאָגענע רופאה די איבלען צו היילען.

דער „סינגעל טעקסער" באטראַכט ערד־אייגענטום אַלס דער גרונד פאקטאָר פון אונזער אינדוסטריעלען לעבען; דער סאָ־ציאַליסט באטראַכט די מאָדערנע פאבריק פּראָדוקציע אַלס דער וויכטיגסטער פאקטאָר אין דער איצטיגער ציוויליזאציע. דעם „סינגעל טעקסער" אנערקענט בלויז איין פאָרמע פון עקאָנאָ־מישע אויסבייטונג — רענט, ד. ה. די אָפּצאָלונג פון דעם גע־ברויך פון לאַנד; דער סאָציאַליסט באהויפּטעט דאָס „מעהר־ווערט", ד. ה. יענע טייל פון דעם ארבייטער'ס פּראצע פאר וועל־כע ער קריגט ניט באצאָלט, איז דער קוואל פון אַלע אויסבייטונג, און דאָס אי לאַנד, און אי פּראָצענט, און אי פּראָפיט, ווערען גע־דעקט פון דעם „מעהר־ווערט". דער „סינגעל טעקסער" געפינט, אז דער וואָרצעל פון אַלע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע איבלען אין אונזער ציוויליזאציע איז דאָס פּריוואט־אייגענטום פון לאַנד. (אין דאָס וואָרט „לאַנד" שליסט ער איין אַלע ספּעציעלע פּריווי־

---

*) די נאָכפאָלגער פון הענרי דזשאָרדזש האָבען דאן ערקלערט, אַז ער איז ווירקליך ערוועהלט געוואָרען, נאָר מען האָט איהם באַשווינ־דעלט ביים צעהלען. דאָס האָט מיטגעבראַכט, אז דזשאָרדזש און זיינע נאָכפאָלגער זאָלען אָנפאַנגען אַן אגיטאַציע, אַז עס זאָל איינגעפיהרט ווע־רען דער אויסטראַלישער געהיימער וואהל־סיסטעם אין שטאַט ניו יאָרק. דיזע רעפאָרם איז מיט דער צייט פארווירקליכט געוואָרען ניט בלויז אין ניו יאָרק, נאָר אין גאַנצען לאַנד.

לעגיעס פאַר באַנוצען זיך מיט לאַנד). דער סאָציאַליסט איז געגען דאָס פּריוואַט אייגענטום פון אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען: מאַשינעריי, א. א. וו., פּונקט אַזוי ווי לאַנד.

דער „סינגעל טעקסער" וויל אָפּשאַפן דעם לאַנד באַזיצער און דעם מאָנאָפּאָל באַזיצער איבער „לאַנד־ווערטען", — ער וויל אָבער לאָזען דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבייטער; דער סאָציאַליסט שטרעבט אָפּצושאַפן אַלע קלאַסען־פאַרשידענהייטען, און איינצופיהרען פאָלשטענדיגע עקאָנאָמישע פרייהייט. די „סינגעל טעקס" לעהרע האַלט זיך פאַר אַן אַבסאָלוטען און וויסענשאַפטליכען אמת, וועלכער קען אָנגעווענדעט ווערען אין אַלע צייטען און אונטער אַלע אומשטענדען. דער סאָציאַליסט האַלט, אַז זיין לעהרע וואַקסט אַרויס פון מאָדערנע עקאָנאָמישע אומשטענדען, און איהר פאַרווירקליכונג ווענדעט זיך אָן דער קאָנצענטרירונג און דער סאָציאַליזירונג פון אינדוסטריע. דער „סינגעל טעקסער" שטיצט די קאָנקורענץ־סיסטעם אין דער אינדוסטריע; דער סאָציאַליסט גלויבט אין אַ קאָלעקטיווע סיסטעם.

די צוויי סאָציאַלע טעאָריעס אונטערשיידען זיך אין זייערע בּליקען, צילען און מעטאָדען.

די סאָציאַליסטען פון ניו יאָרק האָבען קיינמאָל ניט געזוכט צו פאַרקלענערען די וויכטיגקייט פון דיזע אונטערשיידען. זיי האָבען געשטיצט די ה. דזשאָרדזש באַוועגונג בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבען אין איהר געזעהן אַ באַוועגונג פון אַרבייט געגען קאַפּיטאַל, און זיי האָבען אינדאָרסירט די קאַנדידאַטור פון הענרי דזשאָרדזש „ניט צוליב זיין סינגעל טעקס טעאָריע, נאָר טראָץ דיזע טעאָריע, ווי די „פּאָלקסצייטונג" האָט זיך אויסגעדריקט.

הענרי דזשאָרדזש און זיינע פּראָמינענטע אונטערשטיצער האָבען ניט געפיהלט פריינדליכער צו די סאָציאַליסטען. די פּלאַטפאָרמע פון דער פאַראייניגטער אַרבייטער פּאַרטיי, אין איהר אָריגינעלער פאָרם, איז צונויפגעשטעלט הויפּטזעכליך פון די זאָגענאַנטע „באַלדיגע פאָדערונגען" פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי, און זי שליסט זיך מיט די קלאַסישע ערקלערונג פון דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט, דאָס „די באַפרייאונג פון

דעם אַרבייטער קלאַס איז די זאַך פון דעם אַרבייטער קלאַס אַליין״. אַזוי שנעל ווי דזשאָרדזש האָט אָנגענומען די נאָמינאַציע, איז דיזע פּלאַטפאָרמע געענדערט געוואָרען. אין דעם נייעם דאָקור־מענט ווערט די הויפּט געוויכט געלייגט אויף דער לאַנד טעאָריע פון הענרי דזשאָרדזש, און אין איהם ווערען אַרויסגעשטעלט פאָ־דערונגען וועגען לאַנד, געלט, און טעקס רעפאָרמס, צוזאַמען מיט איינגע רעפאָרמס פאַר אַרבייט.

כל זמן די וואהל קאַמפּאַניע האָט אָנגעהאַלטען, האָבעןביידע צדדים געזוכט צו באַהאַלטען די מיינונגס פאַרשידענהייטען. אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך געענדיגט, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אָפענער קאַמף צווישען זיי.

פון אָנפאַנג איז דער קאַמף געפיהרט געוואָרען אויף אַ ריין טעאָרעטישען באָדען. די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט געשריבען געגען דער „סינגעל טעקס״ טעאָריע, און דזשאָרדזש האָט געענט־פערט מיט קריטיק אויף דער סאָציאַליסטישער טעאָריע.

ווען עס איז אָבער אָנגעקומען די וואהל קאַמפּאַניע פון 1887, האָט דער סכסוך צווישען די צוויי לאַגערן אָנגענומען אַ מעהר פּראַקטישען פאָרם, און דאָס האָט געפיהרט ענדליך צו אַן אָפענע שפּאַלטונג. אָנגעפאַנגען האָט זיך דער סכסוך איבער אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע פון דער פאַראייניגטער אַרבייטער פּאַרטיי, וועלכע האָט געפאָדערט פון די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציאָן אַז זיי זאָלען ניט האָבען קיין פאַרבינדונג מיט אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען. ביי אַ פריהערדיגע געלעגענהייט האָט די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון ניו יאָרק קאָונטי ענטשיידען, דאָס דיזער פּונקט קען ניט אָנגעווענדעט ווערען אויף דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי, ווייל זי איז ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי אין דעם אָנגענו־מענעם זין פון דעם וואָרט. ווען די אַלגעמיינע קאָונטי קאָמיטע האָט אָפּגעהאַלטען איהר זיצונג אויגוסט דעם 4טען, 1887, איז דיזער פּונקט ווידער דיסקוטירט געוואָרען, און די ענטשיידונג איז געוואָרען אַ פאַרקערטע. דערמ׳ט האָט דיזע קאָמיטע אויסגעשלאָסען אַלע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. די ענטשיידונג האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען טומעל אין דער אָרגאַניזאַ־

ציע. איינינע דיסטריקטען האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם און געפאָדערט זי זאָל צוריקגעצויגען ווערען; אַנדערע האָבען איהר גוט געהייסען. אין איינינע פעלע האָט זי פאראורזאכט א שפּאַלטונג אין די דיסטריקט אָרגאַניזאַציאָנען.

אונטער אָט דיזע אומשטענדען האָט די פאראייניגטע ארבייטער פּאַרטיי אָפּגעהאלטען איהר שטאַט צוזאמענפאָהר אין סיראַקיוז דעם 17טען אויגוסט. מען האָט ערוואַרטעט אז דיזער צוזאמענפאָהר וועט פּאַרהאַנדלען די פראַגע וועגען די סאָציאַליסטען אין דער פּאַרטיי, און ביידע צדדים זיינען געקומען גרייט צום קאַמף. פון די 160 דעלעגאטען זיינען 26 געווען אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטען, און פילע אַנדערע זיינען געווען אין סימפּאַטי מיט זיי. דער 8טער, 10טער און 14טער דיסטריקטען פון ניו יאָרק זיינען געווען פּארטראָטען יעדערער פון צוויי דעלעגאַציעס — איינע ערוועהלט פון דעם סאָציאַליסטישען עלעמענט אין דער אָרגאַניזאַציע, און די אַנדערע פון די אַנטי־סאָציאַליסטישע, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א דעבאַטע וועלכע פון די דעלעגאַציעס זאָל צוגעלאָזט ווערען צום צוזאמענפאָהר. אין דער דעבאַטע איז אריינגעצויגען געוואָרען די פראַגע פון סאָציאַליזם אין אַלגעמיין.

דער סאָציאַליסטישער שטאַנדפּונקט איז פּאַרטיידיגט געוואָרען פון ס. ע. שעוויטש, וואָלטער ווראָמאַן, לאָרענס גראָנלונד, יונגא וואָגט, קאָאָלנעל ר. דזש. הינטאָן, און אַנדערע און דער קאַמף געגען סאָציאַליזם איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון הענרי דזשאָרדזש אליין, און איז געשטיצט געוואָרען פון מעק־גלין, מעק־מעקין, און אַנדערע. די דעבאַטע האָט אָנגעהאַלטען איבער אכצעהן שטונדען, און ווען די פראַגע איז ענדליך גענומען געוואָרען צום אָפּשטימונג, זיינען די סאָציאַליסטען אויסגעשלאָסען געוואָרען מיט א גרויסע מאַיאָריטעט.

דער צוזאמענפאָהר האָט דאַן נאָמינירט שטאַט קאַנדידאַטען, מיט הענרי דזשאָרדזש אַלס קאַנדידאַט פאַר „סעקרעטערי אָוו סטייט" אויף דער שפּיצע. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען א פּלאַטפאָרמע, און דער צוזאמענפאָהר האָט זיך געשלאָסען.

די שפּאַלטונג צווישען די סאָציאַליסטען און די פּאַראייניגטע אַרבייטער פּאַרטיי האָט זעהר פיל אָפּגעשוואַכט די אָרגאַניזאַציע. די סאָציאַליסטען זיינען געווען ענערגישע און איבערגעבענע טוער אין דער באַוועגונג, און אַ גרויסער טייל פון דעם ערפאָלג אין 1886 איז געווען זיי צו פאַרדאַנקען. אויסער דעם איז די אַרבייטער אויפרעגונג פון 1886 דאַן שוין געווען פיל איינגעשטילט. די אַגיטאַציע פאַר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג איז אויך געווען אָפּגעשוואַכט. די אַרבייטער האָבען ביסלאַכווייז פאַרלאָרען אינטערעס אין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן. די פּאַראייניגטע אַרבייטער פּאַרטיי האָט אָנגעהויבען אונטערגעהן, און דיענדע איז שנעל געקומען דורך קריגעריי צווישען די פיהרער. אין דעם קאַמף צווישען דזשאָרדזש און מעק־גלין איבער דער פיהרערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע איז מעק־גלין אַרויס דער זיגער. דזשאָרדזש האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער פּאַראייניגטער אַרבייטער פּאַרטיי און איז אַוועק צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

אונטער דער פיהרערשאַפט פון מעק־גלין האָט די פּאַראייניגטע אַרבייטער פּאַרטיי אָנגעפיהרט נאָך איין פּאָליטישען וואַהלקאַמפּאַניע אין דעם יאָהר 1888. די רעזולטאַטען זיינען געווען אַזוינע אומבאַדייטענדע, אַז די גאַנצע באַוועגונג איז אויפגעגעבען געוואָרען, און ביי די נעקסטע וואַהלען איז שוין מעהר קיין פּאַרזוך ניט געמאַכט געוואָרען די פּאַרטיי אויפצולעבען.

4. ווידער אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע טעטיגקייט.

דער שיקזאַל פון די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטען אויף דעם סיראַקיוזער צוזאַמענפאָהר פון דער פּאַראייניגטער אַרבייטער פּאַרטיי האָט פּאָפּולער געמאַכט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. פילע אָנהענגער פון הענרי דזשאָרדזש זיינען אויפגעבראַכט געוואָרען געגען דעם וואָס מען האָט אויסגעשלאָסען די סאָציאַליסטען צוליב אַ טעכנישע אורזאַכע, און ביי זיי האָט זיך ערוועקט אַ נייגונג צו די סאָציאַליסטען.

ווען די אויסגעשלאָסענע דעלעגאַטען זיינען צוריקגעקומען אין

ניו יאָרק, זיינען זיי באַגעגענט געוואָרען מיט אַן אָוואַציע. עטליכע טויזענט אַרבייטער זיינען געקומען אויף אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג אין דעם גרויסען קופּער יוניאָן אינסטיטוט צו הערען דעם באַריכט פון דיזע דעלעגאַטען, און דאָרטען איז באַשלאָסען געוואָרען צו פאַררופען אַ קאָנפערענץ פון אַלע ראַדיקאַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען צו באַטראַכטען די פראַגע וועגען אָרגאַניזירען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי אין אָפּאָזיציע צו דער פאַראייניגטער אַרבייטער פּאַרטיי.

די ערשטע זיצונג פון דער קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם 4טען סעפּטעמבער, 1887, אין וועבסטער האָל אין ניו יאָרק. זיבען און אַכציג אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרטראָטען: 56 טרייד־יוניאָנס און 31 פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. די מערסטע פון זיי סעקציעס פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. די קאָנפערענץ האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ פּאָליטישע פּאַרטיי אונטער'ן נאָמען „די פּראָגרעסיווע אַרבייטער פּאַרטיי". זי האָט אָנגענומען אַ פּלאַטפאָרמע, וועלכע איז געווען פאַקטיש דיזעלבע ווי די אָריגינעלע פּלאַטפאָרמע פון דער פאַראייניגטער פּאַרטיי, און זי האָט פאַררופען אַ שטאַט צוזאַמענפאָהר צו נאָמינירען קאַנדידאַטען.

דער צוזאַמענפאָהר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ניו יאָרק דעם 28טען סעפּטעמבער. דזשאָהן סווינטאָן איז נאָמינירט געוואָרען פאַר „סעקרעטערי אָוו סטייט" געגען הענרי דזשאָרדזש. ער האָט זיך אָבער אַנטזאַגט צוליב זיין געזונטס־צושטאַנד, און דזש. עדוואָרד האָלל*) האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ.

די וואַהל־קאַמפּאַניע פון דער פּראָגרעסיווער אַרבייטער פּאַרטיי האָט זיך באַגרעניצט אויף דער שטאָדט ניו יאָרק. זי איז געווען אַ קורצע און אַ שוואַכע. די פּאַרטיי האָט געצויגען אַן ערך פון

*) ער איז געבאָרען געוואָרען אין גלען־קאָוו, לאָנג איילאַנד, אין 1851. ער האָט געאַרבייט אַלס מאַשיניסט און איז געווען גוט באַקאַנט אין די לאָקאַלע סאָציאַליסטישע און טרייד יוניאָניסטישע באַוועגונגען. ער איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט אין 1889.

5000 שטימען. דאָס איז געווען דער לעצטער מאָל וואָס די סאָ־ציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי האָט געפיהרט אַ פּאָליטישען קאַמף אין פאַרבינדונג מיט אַנאַנדער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע.

דער ענטוזיאַזם פון דער באַוועגונג אין 1886 האָט אויפגע־וועקט די סאָציאַליסטען פון זייער פּאָליטישען שלאָף, און די ענ־טוישונג פון 1887 האָט זיי איבערציינגט די פאַלשקייט פון פאַר־אייניגען זיך מיט אַנדערע פּאַרטייען. פון דאַן אָן האָבען די סאָ־ציאַליסטען זיך געהאַלטען ביי דעם פּרינציפּ פון שטעהן אַליין אין פּאָליטישען קאַמף. די סאָציאַליסטען פון ניו יאָרק האָבען אָנגע־פאַנגען אַ באַוועגונג ארויסצושטעלען אַן אייגענעם וואהל־צעטעל אין 1888. אין דער שטאָדט ניו יאָרק איז אין יענעם יאָהר גע־ווען וואַהלען פאַר גובערנאַטאָר, שטאָדט מעיאָר, קאָנגרעס־לייט און פּרעזידענט — אַלע צוזאַמען. דזש. עדוואַרד האַלל איז נאָ־מינירט געוואָרען פאַר גובערנאַטאָר, אַלעקסאַנדער יאָנעס פאַר מעיאָר, און אַ פולער צעטעל פון שטאַט, לאָקאַלע און קאָנגרעס קאַנדידאַטען זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרען. די פראַגע פון נאָמינירען אַ פּרעזידענט איז געווען אַביסעל פאַרפּלאָנטערט. פאַר אַ פּרעזידענט דאַרף אָנגעפיהרט ווערען אַ קאַמפּאַניע איבער'ן גאַנ־צען לאַנד. די פּאָליטישע טעטיגקייט פון דער פּאַרטיי האָט זיך אָבער באַגרענעצט אויף דער שטאָדט ניו יאָרק. אויסער דעם, האָט די פּלאַטפאָרמע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי דאַ־מאָלסט ענטהאַלטען אַ פאָדערונג, אַז דער אַמט פון פּרעזידענט זאָל אָפּגעשאַפט ווערען. ווי אַזוי, אַלזאָ, האָט די פּאַרטיי געקאָנט ארויסשטעלען אַ קאַנדידאַט, ווען זי האָט געגלויבט אַז דער גאַנ־צער אַמט טאָר ניט עקזיסטירען? ענדליך האָט מען געפונען אַ קלוגען איינפאַל ווי אַזוי די פראַגע צו לייזען: די פּאַרטיי האָט נאָמינירט פּרעזידענט „עלעקטאָרס" (וואַהל־מענער) מיט אינ־סטרוקציעס, אַז יי זאָלען שטימען אַז מען דאַרף ניט קיין פּרע־זידענט.

ביי די וואַהלען זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען ווענינער ווי 3000 שטימען פאַר די סאָציאַליסטען אין דער גאַנצער שטאַט ניו יאָרק. 2500 פון זיי זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען אין דער

שטאַדט ניו יאָרק; 232 אין אַלבאַני; 49 אין סיראַקיוז, און 32 אין יוטיקא. אויסערהאַלב די שטאַדט ניו יאָרק האָבען די סאָציאַליסטען ארויסגעשטעלט קאַנדידאַטען בלויז אין צוויי פּלעצער: אין מילוואָקי און ניו הייווען. אין מילוואָקי האָבען זיי געקראָגען 586 שטימען און אין ניו הייווען 82.

די רעזולטאַטען זיינען געווען אַזוי ענטמוטיגענד, דאָס די ניו יאָרקער „פאָלקסצייטונג", און אויך מאַנכע פון די וויכטיגסטע פּארטיי פיהרער, האָבען ווידער געראַטען מען זאָל זיך צוריקהאַלטען פון פּאָליטישע טעטיגקייט.

אָבער די וואָס האָבען געגלויבט אין אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע טעטיגקייט, האָבען ניט פארלאָרען דעם מוט, און זיי האָבען אַגיטירט דערפאַר אַז מען זאָל אין די ווייטערדיגע וואַהלען אויך זיך באַטייליגען און ניט קוקען אויף רעזולטאַטען.

דער נעקסטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָהר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שיקאַגא אין 1889, וואו עס איז באַשלאָסען געוואָרען ווייטער זיך צו באַטייליגען אין פּאָליטיק. אין 1890 פיהרען די ניו יאָרקער סאָציליסטען ווייטער אָן אַ פּאָליטישע קאַמפּאַניע. איינינגע ראַדיקאַלע רעפאָרם עלעמענטען האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַ „קאָממאָנוועלטה" פּאַרטיי, וועלכע האָט געזוכט זיך צו פאַראייניגען מיט די סאָציאַליסטען. ביי דער ערשטער קאָנפערענץ, אָבער, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען, האָט זיך ארויסגעצייגט אַז זייערע צילען און אַנשויאונגען זיינען צו ווייט פארשיידען פון די סאָציאַליסטישע, און די פאַראייניגונג איז ניט פאָרגעקומען. די „קאָממאָנוועלטה" פּאַרטיי האָט ניט געקאָנט קריגען די נויטיגע צאָהל אונטערשריפטען פאַר איהרע קאַנדידאַטען פאַר די שטאָדט עמטער, און זי האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט לאָקאַלע נאָמינאַציעס אין דער שטאָדט ניו יאָרק, וועלכע האָבען געצויגען ווייניגער ווי 700 שטימען. די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט ארויסגעשטעלט אַ גאַנצען שטאַט טיקעט מיט פראַנץ געראַו, אַ פּאָפּולערער דאָקטאָר אין ברוקלין, אויף דער שפּיצע, אַלס קאַנדידאַט פאַר ריכטער פון סופּרים קאָורט. ער האָט געצויגען 13,704 שטימען אין דער שטאַט.

דער פאַרהעלטניסמעסיגער ערפאָלג ביי דיזע וואַהלען איז טיילווייז געקומען דערפון, וואָס דאָן איז איינגעפיהרט געוואָרען די אווסטראַלישע סיסטעם פון שטימען אין געהיים. דיזער סיסטעם האָט געפאָדערט, אַז די נעמען פון די קאַנדידאַטען פון יעדער פּאַר־טיי זאָלען ערשיינען אויף די שטים־צעטלאך איבעראַל, און צו אַלעמענס איבעראַשונג האָבען די סאָציאַליסטען געקראָגען שטימען אין יעדער קאָונטי אין דער גאַנצער שטאַאַט.

דער נעקסטער יאָהר האָט זיך די צאָהל סאָציאַליסטישע שטי־מען אין ניו יאָרק פאַרגרעסערט אויף 14,651 · דיזע צאָהל שטימען איז אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר דעם גובערנאַטאָר קאַנדידאַט דעניעל דע ליאָן. אין דער זעלבער צייט האָבען די סאָציאַליסטען פון מאַסאַטשוזעטס און ניו דזשוירזי אָנגעפאַנגען פּאָליטישע טעטיג־קייט. אין מאַסאַטשוזעטס האָבען זיי געקראָגען 1429 שטימען, און אין ניו דזשוירזי 472.

אין 1892 האָבען די סאָציאַליסטען צום ערשטען מאָל נאָמי־נירט א פּרעזידענט קאַנדידאַט. דיזער שריט איז באַשלאָסען גע־וואָרען ביי א „נאַציאָנאַלער" פּאַרטיי קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין סעפּטעמבער אין דער פּאַרטיי'ס הויפּט קוואַרטיר אין ניו יאָרק. אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען אַכט פאָרשטעהער פון ניו יאָרק, מאַסאַטשוזעטס, קאָננעקטיקוט און פּענסילווייניא. סיימאָן ווינג, פון באָסטאָן, א פאַבריקאַנט פון פאָטאָגראַפישע אינסטרומענטען, איז נאָמינירט געוואָרען פאַר פּרע־זידענט, און טשאַרלס ה. מעטשעט, פון ברוקלין, אַן אַרבייטער ביי עלעקטריציטעט, פאַר וויס־פּרעזידענט. אין די אַלע זעקס שטאַאַטען האָבען דיזע קאַנדידאַטען געצויגען 21,512 שטימען. פון דאַ־מאָלסט אָן זיינען נייע שטאַאַטען אריינגעצויגען געוואָרען אין די רייען פון סאָציאַליסטישע פּאָליטישע טעטיגקייט יעדען יאָהר, און די סאָציאַליסטישע שטימען האָבען זיך פאַרגרעסערט לאַנגזאַם, אָבער זיכער, ווי עס צייגען די פאָלגענדע ציפערן:

1893 — — 25,666;
1894 — — 30,120;
1895 — — 34,869.

ביי די פּרעזידענט וואַהלען פון 1896 האָבען די סאָציאַליס־טען נאָמינירט טשאַרלס ה. מעטשעט פאַר פּרעזידענט און מעטהיו מעק־גווייער פאַר וויס־פּרעזידענט. אין יענעם יאָהר האָבען זיי אין צוואַנציג שטאַטען געצויגען 26,275 שטימען.

אין דעם נעקסטען יאָהר האָט שוין די סאָציאַליסטישע ארביי־טער פּאַרטיי געצויגען 55,550 שטימען, און אין 1898 האָט שוין איהר צאָהל שטימען דערגרייכט 682,204. דאָס איז געוועזן די העכסטע צאָהל שטימען וואָס די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט געצויגען.

פערטער קאַפּיטעל

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי און די טרייד־יוניאָנס

1. לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס

מיר האָבען שוין אין אַ פֿאָריגען קאַפּיטעל געשריבען וועגען די פּאַרזוכען וואָס די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי האָט געמאכט איבערצוגעווינען די טרייד יוניאָנס. דיזע פּאַרזוכען זיינען אין אַלגעמיין ניט געווען ערפֿאָלגרייך, אָבער רעזולטאַטען האָבען זיי דאָך געבראַכט.

אַ געוויסע צאָהל פֿון לאָקאַלע טרייד־יוניאָנס זיינען געווען אויסגעשפּראָכען אין סימפּאַטיע מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און דער איינפֿלוס פֿון דער פּארטיי האָט זיך ספּעציעל געפֿיהלט אין איינִיגע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון דיזע לאָקאַלע יוניאָנס. צווישען אַלע די סאָציאַליסטיש־געזינטע צענטראַלע קערפּערשאַפֿטען איז די וויכטיגסטע געווען די צענטראַלע לייבאָר יוניאָן פֿון ניו יאָרק. אָט איז אין קורצען די געשיכטע פֿון דיזער אָרגאַניזאַציע:

אָנפֿאַנג 1882, ווען די איירישע (אירלאַנדער) אַגראַר פֿראַגע איז שטאַרק דעבאַטירט געוואָרען דאָ אין לאַנד, האָבען איינִיגע אָרגאַניזאַציעס אָרגאַניזירט אַ מאַסען־פֿאַרזאַמלונג אין דעם גרויסען קופּער אינסטיטוט, אויסצודריקען זייער סימפּאַטיע צו די איירישע פּויערים. צו דער פֿאַרזאַמלונג זיינען געקומען באַוואוסטע טרייד־יוניאָניסטען, און דאָרטען איז פֿאָרגעשלאָגען געוואָרען די גרינדונג פֿון אַ שטענדיגע צענטראַלע קאָמיטע פֿון אַלע טרייד־יוניאָנס אין ניו יאָרק. דער פֿאָרשלאַג איז געפֿעלען געוואָרען, און דעם 30טען יאַנואַר, 1882, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען די ערשטע פֿאַרזאַמלונג געגען דעם. פֿערצעהן אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פֿאַרטראָטען, די מעהרסטע דייטשע. די צענטראַלע ארבייטער יוניאָן האָט אָנגענומען אַ פּרינציפּען ערקלערונג, וועלכע האָט ענטהאַלטען די וויכטיגסטע סאָציאַליסטישע פֿאָדערונגען.

פֿיליפּ ווען־פּעטען, דער נאַציאָנאַלער סעקרעטער פֿון דער

סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי, האָט דאָרטען געריעדט, און מעטהיו מעק־גוויער, אויך אַ סאָציאַליסט, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטער. אין זעקס מאָנאַטען צייט איז די צאָהל אָרגאַניזאציעס אין דער קערפּערשאַפט געשטיגען אויף 45, און זי איז געוואָרען דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין דער אַרבייטער באַוועגונג פון ניו יאָרק. די פריינדליכע באַציהונגען צווישען דער צענטראַלער אַרבייטער יוניאָן און די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי האָבען אָנגעהאַלטען איינינע יאָהר.

אין 1882 און אין 1883 האָט זיך די צענטראַלע אַרבייטער יוניאָן באַטייליגט אין דעם קאַמפּיין פון די שטאָט־וואַהלען אַלס אַן אומאָפּהענגיגע אָרגאַניזאַציע, און זי האָט דעם מאָל געצויגען איבער 1000 שטימען. אין 1886 האָט זי געגעבען די איניציאַטיווע פאַר דעם בארימטען הענרי דזשאָרדזש קאַמפּיין.

די מאַכט פון אָרגאַניזירטע אַרבייט אין די ווייטערע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס האָט זיך ענטוויקעלט אַזוי, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישענס זיינען געוואָרען אויפמערקזאַם, און זיי האָבען געזוכט איבערצוגעווינען די דעלעגאַטען פון דער צענטראַלער אַרבייטער יוניאָן. אַזוי לאַנג ווי די באַגייסטערונג פון דער דזשאָרדזש באַוועגונג האָט אָנגעהאַלטען זיינען די פּאָליטישענס ניט געווען ערפאָלגרייך, אָבער ווען די באַוועגונג איז צובראָכען געוואָרען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פּעריאָדע פון פּאָליטישע דעמאָראַליזאַציע, און פילע אַרבייטער פיהרער האָבען זיך גענומען צוהערען צו די פאַרשפּרעכענס פון די פיהרער פון די אַלטע פּאַרטייען. עס האָבען זיך גענומען אַרומטראָגען קלאַנגען וועגען כאַבאַר און קאָררופּציע. פראַקציעס זיינען באַשאַפען געוואָרען. און ענדליך איז פאָרגעקומען אַן אָפענע שפּאַלטונג. אין פעברואַר, 1889, נאָך אַ שטורמישע פאַרזאַמלונג, ביי וועלכער עס זיינען געמאַכט געוואָרען באַשולדיגונגען וועגען כאַבאַר אין פאַרבינדונג מיט אַ געוויסען „באָיקאָט", האָבען 60 דעלעגאַטען פאַרלאָזען די פאַרזאַמלונג און אָרגאַניזירט אַ נייע קערפּערשאַפט אונטער דעם נאָמען „צענטראַלע אַרבייטער פעדעראַציע". אין עטליכע מאָנאַטען אַרום האָבען די צוויי קער־

פערשאפטען גענומען פארהאנדלען וועגען פאראייניגונג. אייניגע קאָנפערענצען זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען, א צאָהל רעלעגאטען פון דער צענטראַלער ארבייטער יוניאָן זיינען געצוואונגען געווען זיך צוריקצוציהן ואויפן פארלאנג פון ד'ער פעדעראציע, און אין דעצעמבער, 1889, האָבען זיך די צוויי קערפערשאפטען ענדליך פאראייניגט.

די פאראייניגונג האָט אָבער ניט אָנגעהאַלטען. די קריגעריי צווישען די צוויי עלעמענטען האָט זיך ווידער אָנגעפאנגען. ביי די פארזאמלונגען זיינען פאָרגעקומען פארביטערטע דיסקוסיעס, און דעלעגאטען האָבען געמאכט איינע געגען די אַנדערע באשולדיגונגען. אין יוני, 1890, איז ווידער פאָרגעקומען א שפּאלטונג, און די צענטראַלע ארבייטער פעדעראציע איז ווידער אָרגאניזירט געוואָרען.

די צענטראַלע ארבייטער פעדעראציע איז פון אָנפאנג באַשטאַנען פון דרייסיג יוניאָנס. די צאָהל האָט זיך אָבער באלד פארמעהרט ביז 72. צווישען זיי זיינען געווען מאנכע פון די שטארקסטע און פראָגרעסיווסטע אָרגאניזאציעס. די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי איז אין איהר געווען פארטראָטען פאָרמעל, און א לאנגע צייט האָט זי אויסגעאיבט א קאָנטראָלענדען איינפלוס אין אלע איהרע פארהאנדלונגען. אין 1900 האָבען זיך די צוויי אָרגאניזאציעס ווידער פאראייניגט אונטער דעם נאָמען „צענטראַל פעדעראטיווע יוניאָן" (סענטראל פעדערייטעד יוניאָן). די צענטראַלע ארבייטער יוניאָן און די צענטראַלע ארבייטער פעדעראציע זיינען ניט געווען די איינציגע אָרגאניזאציעס פון דיזען סאָרט אין די פאראייניגטע שטאַטען. עהנליכע אָרגאניזאציעס, מיט דעם זעלבען אָדער אַנדערע נעמען, זיינען געגרינדעט געוואָרען אין די מעהרסטע אינדוסטריעלע שטעדט, און מאנכע פון זיי זיינען געווען אויסגעשפּראָכען אין סימפּאַטיע מיט דער סאָציאַליסטישער באוועגונג — ספּעציעל די פאָלגענדע: די צענטראַלע ארבייטער פעדעראציעס פון ברוקלין און האָדסאָן קאָונטי; די צענטראַלע ארבייטער יוניאָנס פון ראָטשעסטער, באָפאלאָ, סינסי־

נעטי און קליוולאנד; די טרייד קאָונסיל פון ניו הייווען, און דער „טרייד און לייבאָר אַסעמבלי" פון שיקאַגאָ.

די גרעסטע שטיצע, אָבער, האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי באקומען פון די דייטשע יוניאָנס אין ניו יאָרק, וועלכע האָבען אין 1885 אָרגאניזירט אַ באַזונדער צענטראַלע קערפערשאפט מיט דעם נאָמען „די פאראייניגטע דייטשע געווערקשאפטען פון דער שטאָדט ניו יאָרק". דיזע קערפערשאפט איז געגרינדעט געוואָרען הויפטזעכליך מיט דעם צוועק צו שטיצען די ארבייטער פרעסע. אין די פיער יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט זי זעהר פיעל געהאָלפען די ניו יאָרקער „פאָלקסצייטונג". זי האָט געזאַמעלט געלט **פאר איהר**, געקראָגען לעזער און אַנאָנסען. מיט איהר הילפע איז אויך געגרינדעט געוואָרען אין 1886 דער אָרגאַן פון דעם הענרי דזשאָרדזש קאמפאניע, „דער טעגליכער לידער", און ווען דיזע צייטונג איז שפעטער איבערגענומען געוואָרען פון די סאָציאַליסטען, האָבען איהר די דייטשע געווערקשאפטען געהאָלפען פינאַנציעל אַזוי לאַנג ווי זי האָט עקזיסטירט. די פאראייניגטע דייטשע געווערקשאפטען איז אָרגאניזירט געוואָרען פון די פאָרשטעהער פון צוועלף יוניאָנס, אָבער די צאָהל יוניאָנס איז באלד פארפיערפאכט געוואָרען. דער ביישפיעל פון ניו יאָרק איז נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון ברוקלין, פילאדעלפיא, קליוולאנד, באלטימאָר, באָפאלאָ און אנדערע שטעדט. איבעראל האָבען זיך געגרינדעט צענטראלע קערפערשאפטען פון דייטשע יוניאָנס. אין 1887 האָט די ניו יאָרקער אָרגאניזאציע אָנגעפאנגען אַ באוועגונג צו אָרגאניזירען אַ נאַציאָנאלען פארבאנד פון אלע דייטשע געווערקשאפטען. דער פלאַן איז אָבער קיינמאָל ניט פארווירקליכט געוואָרען, און די פאראייניגטע דייטשע געווערקשאפטען האָבען ביסלעכוויז אָנגעפאנגען אונטערצוגעהן. אַזוי לאנג ווי דיזע קערפערשאפטען האָבען זיך געהאלטען אָן זייער אָריגינעלען ציעל צו העלפען די ארבייטער פרעסע, האָבען זיי געהאט אַ ניצליכע אויפגאבע, און זיינען געווען ערפאָלגרייך, אָבער ארום 1888 האָבען זיי זיך אָנגעפאנגען צו פארנעמען מיט אלגעמיינע געווערקשאפטס פראגען, און דאָס האָט זיי געבראכט אין צוזאמענשטויס מיט די עקזיסטירענדע

עלטערע און שטאַרקערע ארבייטער קערפּערשאַפטען. דאָס האָט פאַראורזאכט אַ סך שוועריגקייטען. פיעלע יוניאָנס זיינען ניט געוועזען צופרידען מיט דיזער טעטיגקייט, און האָבען צוריקגעצויגען זייערע פאָרשטעהער. און אַזוי איז די דייטשע געווערקשאַפטען ביסלעכווייז צופאַלען.

אין ענהליכע אָרגאַניזאַציע צו די פאַראייניגטע דייטשע געווערקשאַפטען, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט אין ניו יאָרק אין 1888. אין אָנפאַנג פון די 80־ער יאָהרען איז די אימיגראַציע פון רוסישע אידען קיין אמעריקא געווארען זעהר גרויס. טויזענדער פון דיזע אימיגראַנטען זיינען אָנגעקומען קיין ניו יאָרק יעדע וואָך, און די מעהרסטע פון זיי האָבען זיך באַזעצט אויף דער איסט סייד. זייער הויפּט אינדוסטריע איז געווען שניידעריי, און אין פאַרלויף פון איינינע יאהר איז די גאַנצע אינדוסטרי פאַקטיש אריבער אין זייערע הענט. די איסט סייד, וועלכע איז געווארען דער ענגסטער אָרט אויפ'ן ערד קוגעל, האָט ענטהאַלטען הונדערטער שניידער פאַבריקען (שעפּער). דיזע פאַבריקען, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „סוועט־שעפּער" (שוויטץ־פאַבריקען), האָבען געהערט צו מיטעל־לייט, אָדער „קאָנטראַקטאָרס", וועלכע האָבען אָפט געוואוינט אין צימערען הינטער די פאַבריקען. די פאַבריקען זיינען געווען שמוציג, ענג, אָהן לופט, וואו עס זיינען געזעסען צוזאַמענגעפּאַקט צעהנדליגע מענער, פרויען און קינדער, ארבייטענדיג פופצעהן שטונדען און מעהר א טאָג פאר אַ שרעקליך נידריגען לוין.

פון צייט צו צייט זיינען געמאכט געווארען פאַרזוכען זיי צו ארגאַניזירען, אָבער ביז דעם פריהלינג פון 1888 האָבען זיך דיזע פאַרזוכען ניט איינגעגעבען. אין 1888 איז דער לוין פון די אידישע שניידער אַראָפּגעזונקען אַזוי נידריג, און די באַדינגונגען פון דער ארבייט זיינען געווארען אַזוי אונערטרעגליך, דאָס די אַרבייטער האָבען רעוואָלטירט.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גאַנצע רייע פון סטרייקס. די ערשטע זיינען ארויסגעגאַנגען די „ני־פּענטס" מאַכער. באַלד האָ־

בען זיי נאָכגעפאָלגט די „פענטס־מאכער", „קלאוק־מאכער", און „רזשעקעט־מאכער". אין איינינגע וואָכען צייט האָבען ניט וועניגער ווי 15,000 אידישע שניידער אוועקגעוואָרפען די ארבייט און געפאָדערט א בעסערען לוין און קירצערע שטונדען.

די סטרייקערס זיינען געוועזען ניט אָרגאניזירט און ניט דיסציפּלינירט, און עס איז זעהר צווייפעלהאפט צי זיי וואָלטען עפּעס אויפגעטאָן אָהן דער הילף פון די סאָציאַליסטען. די סאָציאַליסטען האָבען פּאקטיש געפיהרט דעם קאַמף. זיי האָבען אָרגאניזירט די סטרייקערס אין יוניאָנס, געזאמעלט געלט פאר זיי, און זיי געפיהרט צו א זיעג. קורץ נאָכדעם, דורך דער מיה פון די אידישע סאָציאַליסטען, איז אָרגאניזירט געוואָרען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. עס איז דארום גאנץ נאַטירליך, דאָס די אידישע טרייד יוניאָן באוועגונג און די סאָציאַליסטישע באוועגונג זיינען פארבליבען אויף אימער נאָהענט איינע צו די אנדערע. די מעהרסטע ארגינאַזאַטאָרס, פיהרער און רעדנער פון די אידישע יוניאָנס זיינען געקומען פון די רייען פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי. און פארקערט: די אָרגאַניזירטע אידישע ארבייטער האָבען אימער געהאָלפען דער פּארטיי אין אלץ וואס זי האָט אונטערנומען, און אימער געענטפערט אויף אלע זייערע אויפרופען.

די פאראייניגטע אידישע געווערשאפטען זיינען אויך ארגאניזירט געוואָרען אין נוארק און אין פילאַדעלפיא, און אין נאָך א פּאָר פלעצער.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי האָט אויף אזא אופן געקראָגען איינפלוס אין איניגע וויכטיגע לאָקאלע ארגאניזאציעס, אָבער איהר פארזוך צו קריגען א פּלאַץ אין די גרויסע נאַציאָנאלע קערפּערשאפטען פון די יוניאָנס איז געווען פיעל שווערער און וועניגער ערפאָלגרייך, ווי מיר וועלען זעהן אין די נעכסטע קאפּיטלען.

2. די „נייטס אָוו לייבאָר".

די מעכטיגע קערפּערשאַפט, די „נייטס אָוו לייבאָר", האָט געהאַט אַ באַשיידענעם אָנפאַנג. אין די 60־ער יאָהרען פון דעם לעצטען יאָהרהונדערט האָבען די קליידער צייטשניידער פון פילאַדעלפיאַ אָרגאַניזירט אַ יוניאָן אין זייער פאַך. די באַלעבאַטים האָבען אויפגעהויבען אַ קאַמף געגען זיי, און די מיטגלידער זיינען אָפט געוועזען געצוואונגען ענטוועדער צו פאַרלאָזען זייער אָרגאַניזאַציע אָדער צו פאַרלירען זייערע שטעלען. אונטער דיזע אומשטענדען האָט די אָרגאַניזאַציע ניט געקענט אָנגעהן מיט איהר אַרבייט עפענטליך, און אין דעצעמבער 1869, האָבען זיבען מיטגלידער, געפיהרט פון יוריאַ ס. סטיפענס און דזשיימס ל. ווריט, אָרגאַניזירט אַ געהיימע געזעלשאַפט מיט'ן נאָמען „דהי נאָבעל אָרדער אָוו דהי נייטס אָוו לייבאָר" (דער נאָבעלער אָרדען פון די ריטער פון אַרבייט).

די געזעלשאַפט איז פון אָנפאַנג באַשטאַנען אויסשליסליך פון קליידער צושניידער, און אַם ענדע פון דעם ערשטען יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט זי געהאַט בלויז 69 מיטגלידער. איי 1871 איז באַשלאָסען געוואָרען אַריינצונעמען אַנדערע פאַכען, און פון דאַן האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגעפאַנגען צו וואַקסען. אין פאַרלויף פון דעם נעקסטען יאָהר זיינען אין פילאַדעלפיאַ אַליין אָרגאַניזירט געוואָרען 19 נייע יוניאָנס, און ענליכע אָרגאַניזאַציעס זיינען באַלד צוגעקומען אין אַנדערע שטעט און אין אַנדערע שטאַטען. אין 1873 האָבען די פילאַדעלפיער לאָקאַלס אָרגאַניזירט דעם ערשטען „דיסטריקט אַסעמבלי" פון דעם אָרדער. דיזער אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרען אין אַנדערע שטעדט, און אין 1877 זיינען געוועזען פאָפּצעהן דיסטריקטען אין פענסילווייניאַ, ניו דזשוירזי, סאַוטה קעראָליינאַ, קאָננעקטיקאָט, אָהייאָ, און אַנדערע שטאַטען. דער דיסטריקט נומער 1, פון פילאַדעלפיאַ, איז באַטראַכט

געוואָרען אלס די קאָפּ פון דער אָרגאַניזאַציע. ביז 1878 איז דער אָרדען געווען אַ שטרענג געהיימע אָרגאַניזאַציע. זאָגאַר דער נאָמען האָט מען ניט אויסגעזאָגט פאַר פרעמדע. אויף אַלע אָפיציעלע דאָקומענטען און אויפרופען איז דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע געווען אויפגעשריבען ווי פאָלגט: נ. און ה. אָ. פון דער ***** פון נאָרטה אַמעריקאַ. די פינף שטערענדלעך זיינען געשטאַנען אַנשטאָט די ווערטער „די ריטער פון אַרבייט".

ווען די אָרגאַניזאַציע איז געוואָרען גרויס אין מיטגלידער און אין שטאַרקייט, האָבען זיך פאַרשפּרייט די לעכערליכסטע קלאַנגען וועגען איהר. צייטונגען האָבען דערצעהלט שענדליכע געשיכטעס וועגען קאָמוניסטישע פאַרשווערונגען וואָס זיינען געווען באַהאַלטען הינטער די צייכענס אויף די דאָקומענטען. גלחים אין די קירכעס האָבען פאַרדאַמט דיזע „קרימינעלע קערפּערשאַפט". די בכבוד׳יגע בירגער זיינען געווען זעהר צוטראָגען וועגען דיזער געפעהרליכער אָרגאַניזאַציע. דער גראַנדמייסטער פון דעם אָרדען האָט ענדליך עס געפונען פאַר ראַטזאַם צו פאַררופען אַ באַראַטונג וועגען דעם, אַז מען זאָל פאַרעפענטליכען דעם נאָמען פון דעם אָרדען אום צו פאַרטיידיגען איהם געגען די אָנגריפע און פאַרלוימדונגען וואָס ווערען געמאַכט אויף איהם אין דער פּרעסע, אין דער קירכע, און פון קאַפּיטאַל. די באַראַטונג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין פילאַדעלפיאַ אין יוני, 1978, און דער נאָמען, דער ציעל, און די פּרינציפּען פון דעם אָרדען זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען. דעם זעלבען יאָהר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער ערשטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָהר פון די „נייטס אָוו לייבאָר" אין רעדינג, פּענסילווייניאַ, און עס איז געשאַפען געוואָרען אַן עקזעקוטיווע מיט׳ן נאָמען „גענעראַל אַסעמבלי."

דער אָרדען האָט פון דאַן אָן גענומען וואַקסען אומגעהייער שנעל. ביי דער צווייטער פאַרזאַמלונג פון דער „גענעראַל אַסעמבלי" אין שיקאַגאָ אין סעפּטעמבער, 1879, איז באַריכטעט געוואָרען, דאָס איבער 700 לאָקאַלס זיינען שוין אָרגאַניזירט. פאַרטרעטער האָבען אָבער געשיקט בלויז 102. אין 1892 האָט די מיטגלידער-

שאַפט געצעהלט איבער 50,000 ; אין 1884 איז זי געשטיגען ביז 70,000, און אין 1885 ביז 110,000. דעם העכסטען פּונקט פון זיין אַנטוויקלונג האָט דער אָרדען דערגרייכט אין דעם יאָהר 1886. די סטרייק כוואַליע און די אַרבייטער קעמפּע פון יענעם יאָהר האָבען געבראַכט שטראָמען מיט נייע מיטגלידער. הונדערטער לאָקאַלס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען, טויזענטער נייע מיטגלידער זיינען יעדען טאָג אריינגעקומען. אין פאַרלויף פון דיזען יאָהר איז די מיטגלידערשאַפט געשאַצט געוואָרען צווישען 500,000 און 800,000.

נאָך דיזער פּעריאָדע פון שנעלער וואוקס איז געקומען א רעאַקציע. די פילע נידערלאַגעס וואָס די „נייטס" האָבען געליטען אין די סטרייקס פון 1886 האָט געשאַפען א גייסט פון אומצופרידענהייט, און ווען די אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט זיך דאמאָלסט אָרגאַניזירט, האָבען גרויסע צאָהלען מיטגלידער פאַרלאָזען דעם אָרדער און זיך אָנגעשלאָסען אָן דער נייער אָרגאַניזאַציע. אין 1891 איז די מיטגלידערשאַפט פון די „נייטס אָוו לייבאָר" אַראָפּגעפאַלען אויף ווייניגער ווי 200,000, און פון דאַן אָן איז זי געוואָרען אַלץ קלענער און קלענער, און איצטער זיינען אין גאַנצען לאַנד פאַראַן ניט מעהר ווי עטליכע טויזענט „נייטס אָוו לייבאָר".

י. ס. סטיפענס, דער גרינדער פון דעם אָרדען, איז געבליבען דער פיהרער ביז 1879. אין יענעם יאָהר איז טערענס וו. פּאַודערלי ערוועהלט געוואָרען אויף זיין פּלאַץ, און ער האָט געהאַלטען דעם אַמט ביז 1893. זיין נאָכפאָלגער איז געווען דזש. ר. סאָווערין.

די ערשטע פּרינציפּען-ערקלערונג האָט די אָרגאַניזאַציע פאָרמולירט אין 1878. די הקדמה פון דער ערקלערונג פאַנגט זיך אָן מיט די פאָלגענדע שטעלע :

„די שרעקליכע אַנטוויקלונג פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטען און קאָרפּאָריישאַנס מוזען פיהרען דערצו, אז די גרויסע אַרבייטער מאַסען וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין בעטלערס, און וועלען דעגענערירט ווערען, סיידען עפּעס וועט געטאָן ווערען דאָס אָפּצושטעלען.

„אויב מיר ווילען געניסען די ברכות פון לעבען, מוזען מיר אָפּשטעלען די אומגערעכטע זאַמלונג פון קאַפּיטאַל און די מאַכט וואָס אָנגעזאַמעלטע קאַפּיטאַל האָט צו טאָן בייזעס".

דער אָרדער ערקלערט ווייטער, אַז איינער פון זיינע צילען איז „צו פאַרזיכערען דעם אַרבייטער דעם פולען גענוס פון די גוטס וואָס ער באַשאַפט", און צווישען אַנדערע פאָדערונגען צום שטאַט שטעלט ער די פאָלגענדע:

4. די ערד, וועלכע געהערט צום פאָלק, מוז איבערגעגעבען ווערען צו מענשען וואָס ווילען זיך אויף איהר באַזעצען. קיין איין אַקער זאָל מען ניט געבען צו די אייזענבאַהנען אָדער ספּעקו־לאַנטען. אויף די ערד, וואָס איז איצט אין די הענט פון ספּעקו־לאַנטען, זאָל אַרויפגעלייגט ווערען אַ טעקס אַזוי גרויס ווי די גאַנצע ווערדע פון די ערד.

„28. די רעגירונג זאָל אָפּקויפען אַלע טעלעגראַפען, טעלע־פאָנען און אייזענבאַהנען, און קיין טשאַרטער אָדער ערלויבניש זאָל ניט אַרויסגעגעבען ווערען צו אַ קאָרפּאָראַציע צו בויען אָדער אָנפיהרען די מיטלען פון פאַרקעהר".

איינע פון די באַלדיגע אויפגאַבען, וואָס דער אָרדען האָט זיך געשטעלט, איז געווען צו גרינדען קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען, וועל־כע זאָל פיהרען דערצו אַז די לוין־סיסטעם זאָל אָפּגעשאַפט ווערען, און זיין פּלאַץ זאָל פאַרנעמען אַ קאָאָפּעראַטיווע סיסטעם.

דיזע פּרינציפּען־ערקלערונג איז קיינמאָל ניט געענדערט גע־וואָרען אָדער מאָדיפיצירט געוואָרען אין קיין איינציגען וויכטיגען פונקט. דער ראַדיקאַלער טאָן פון דעם דאָקומענט, און ספּעציעל די שטעלען וואָס מיר האָבען אויבען ציטירט, האָבען פאַרשפּרייט דעם איינדרוק, אַז דער אָרדען פון די „נייטס אָוו לייבאָר" איז גע־ווען אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. אין דער אמת'ן איז ער אָבער געווען ווייט דערפון. די גרינדער פון דעם אָרדען האָבען אָהן צווייפעל געהאַט ראַדיקאַלע אַנשויאונגען איבער סאָציאַלע פראַגען. דאָס קאָן מען זעהן פון די עפּענטליכע ערקלערונגען וואָס סטיפענס און זיינע חברים האָבען געמאַכט. די פּרינציפּען־

ערקלערונג, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט'ן סאָציאַליסטישען גע־דאַנק, האָט וואַרשיינליך אויסגעדריקט זייערע אַנשויאונגען. אין די שפּעטערע יאָהרען, אָבער, און ספּעציעל זייט פּאָודערלי איז אַריין אין מאַכט, איז דיזע ערקלערונג געוואָרען אַ טויטער בוכ־שטאַב, און די מיה פון די סאָציאַליסטען אַריינצודרינגען אין דעם אָרדען האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטען.

שוין אין 1881 האָבען איינינע ליטענדע גייסטער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי, צווישען זיי פיליפּ וואַן־פּע־טען, דער נאַציאָנאַלער סעקרעטער, אַריינגעטראָטען אין דעם אָר־דען. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי האָט דאַמאָלסט אָפט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע מיט די ציעלען פון די „נייטס אָוו לייבאָר". די באַציהונגען צווישען די צוויי אָרגאַניזאַציעס זיי־נען אָבער פּאַרבליבען פּלאַטאָנישע. ערשט דאַן, ווען דער אָרדען האָט גענומען אונטערגעהן, אין אָנפאַנג פון די 90־ער יאָהרען, האָבען די סאָציאַליסטען געקראָגען דאָרט אַן איינפלוס. אין ניו יאָרק איז דער לאָקאַל, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „עקסעלסיאָר קלאָב", באַשטאַנען במעט אויסשליסליך פון סאָציאַליסטען, און פילע אַנדערע לאָקאַלען זיינען געווען אין סימ־פּאַטיע מיט'ן סאָציאַליזם. אין 1893 האָט די סאָציאַליסטישע אַר־בייטער פּאַרטיי געקראָגען די אויבערגעוויכט איבער דעם ניו יאָרקער דיסטריקט, דער באַרימטער דיסטריקט 49 פון די „נייטס אָוו לייבאָר", און זיי איז געלונגען צו שיקען איינינע פון זייערע מיטגלידער אַלס דעלעגאַטען צו דער גענעראַל פּאַרזאַמלונג. די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטען האָבען דאָס מיטגעבראַכט די נידער־לאַגע פון פּאָודערלי ביי די וואַהלען יענעם יאָהר, און זייער איינ־פלוס אין דעם אָרדען איז געווען אַזוי גרויס, דאָס דער ניי־ער־וועהלטער בעאַמטער, דזש. ר. סאָווערניר, האָט פּאַרשפּראָכען צו באַשטימען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַר־טיי אַלס רעדאַקטאָר פון דעם „דזשורנאַל פון די נייטס אָוו ליי־באָר", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אָרדען. דער פּאַרשפּרע־כען איז ניט געהאַלטען געוואָרען, און דאָס האָט געפיהרט צו אַ קריג צווישען סאָווערניר'ן און דעניעל דע ליאָן, דער פיהרער פון

די סאָציאַליסטען אין דעם אָרדען, און דער רעדאקטאָר פון „די פיפל”, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער ארביי־טער פארטיי. אַלס רעזולטאַט פון דיזען קריג האָט דער יעהרליכער צוזאמענפאָהר, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין וואשינג־טאָן אין דעצעמבער 1895, זיך אנטזאגט צוצולאָזען דע ליאָנ'ען אלס דעלעגאַט פון דיסטריקט 49. דער גרעסערער טייל פון דעם דיסטריקט האָט זיך צוריקגעצויגען, און די באציהונגען צווישען דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי און די „נייטס אָוו לייבאָר” זיינען אָפּגעבראָכען געוואָרען.

3. די אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר

דער ענד־ציעל פון די נייטס אָוו לייבאָר" איז געווען צו פאַר־אייניגען אלע ארבייטער פון אמעריקא אין איין קערפּערשאַפּט. די ארבייטער זיינען אָרגאניזירט געוואָרען ניט אויפ'ן באזיס פון פאַכען, נאָר פון טעריטאָריע. דער אָרדען איז געווען שטרענג צענטראַליזירט. די גענעראל פאַרזאמלונג איז געווען די העכסטע מאַכט פאַר אלע אָרגאניזאציעס אין דעם אָרדען, און די נאַציאָנאלע יוניאָנס פון פאַכען האָבען ניט געוואָלט עקזיסטירען. דיזע פאָרם פון אָרגאניזאציאָן, און די קאָמפּליצירטע צערעמאָניעס וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט דער אָרגאניזאציע, די זעלבסטהערשענדע אויפיהרונג פון די בעאמטע — די אלע זאכען האָבען געשטערט די פּראַקטישע ניצליכקייט פון דער אָרגאניזאציע אין די ארבייטער קאמפּען. אַ געפיהל פון אומצופרידענהייט האָט זיך אנטוויקעלט. אין 1881 האָבען די פּאַרשטעהער פון עטליכע נאַציאָנאלע אָרגאַ־ניזאציעס פאַרופען אַ צוזאמענפאָהר פון „אינטערנאַציאָנאלע און נאַציאָנאלע יוניאָנס, טרייד־קאָנסילס, און לאָקאלע יוניאָנס", מיט'ן צוועק צו אָרגאניזירען אַ פעדעראציע פון אומאָפּהענגיגע ארבייטער אָרגאניזאציעס פאַר אַ געגענזייטיגע שטיצע, און פאַר די אלגעמיינע אינטערעסען פון ארבייט.

דער צוזאמענפאָהר האָט זיך פאַרזאמעלט אין פּיטסבורג דעם 15טען נאָוועמבער, 1881. דאָרטען איז געשאַפען געוואָרען אַן אָרגאניזאציע מיט'ן נאָמען „פעדעראציע פון אָרגאניזירטע פאַכען און יוניאָנס פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדא". די פע־דעראציע איז דאמאָלסט ניט באטראכט געוואָרען אלס אַ קאָנקור־רענט צו די נייטס אָוו לייבאָר". אכט און פערציג פון די הונדערט און זיבען דעלעגאטען, וועלכע האָבען געהאָלפען גרינדען די נייע קערפּערשאַפט, האָבען פאַרטראָטען לאָקאלס פון די „נייטס אָוו לייבאָר".

דער צווייטער צוזאמענפאָהר פון דער פעדעראציע איז אָפּ־געהאַלטען געוואָרען אין קליוולאנד, נאָוועמבער 1882. בלויז זיבעצען דעלעגאטען זיינען אנוועזענד געווען. די „נייטס אָוו לייבאָר" איז נית געווען פארטראָטען. אין דער רעזאָלוציע, וועלכע האָט אויסגעדריקט די צילען פון דער פעדעראציע, האָט זיך גע־הערט דער ערשטער פיינדליכער טאָן געגען די „נייטס אָוו לייבאָר". די רעזאָלוציע האָט ענטהאַלטען די פאָלגענדע שטעלע, וועלכע האָט געציעלט געגען די נייטס אָוו לייבאָר:

„די פעדעראציע שטרעבט צו פאראייניגען די ארבייטער נית דורך א פארגליווערטען פּלאַן פון אָרגאניזאציאָן, וועלכער מוז צוגע־פּאסט ווערען צי די ערפארונג און צי די אומשטענדען געפינען איהם פאר גוט, צי נית; אויך נית דורך דעם, וואס מען וועט באקעמפּען און פארניכטען עקזיסטירענדע אָרגאניזאציעס. זי זוכט איהר ציעל צו ערגייכען דורך די ענטוויקלונג פון די אָרגאניזאציעס, וועלכע עקזיסטירען שוין. זי וויל יענע קערפּערשאפטען ערלויבען אויפצוהאלטען זייער אינדיווידואַליטעט, נאָר ווירקען אז זיי זאָלען מיטארבייטען מיט אנדערע אָרגאניזאציעס באר געמיינשאפטליכע אנגעלעגענהייטען".

דער דריטער צוזאמענפאָהר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין דער שטאָדט ניו יאָרק אין אויגוסט 1883. צוויי און צוואנציג אָרגאניזאציעס זיינען געווען פארטראָטען דורך זיבען און צוואנציג דעלעגאטען. צווישען זיי איז געווען איין פרוי, די פאָרשטעהערין פון דעם נאציאָנאלען פארבאנד פון ארבייטער פרויען. כאראקטער־ריסטיש פון דעם גייסט ביי דיזען צוזאמענפאָהר איז די רעזאָלו־ציע, וועלכע האָט אויפגעפאָדערט די רעפּובליקאנער און דעמאָ־קראטישע פארטייען זיי זאָלען ביי די נעקסטע צוזאמענפאָהרען זייערע ערקלערען זייער שטעלונג צו די פראגען פון אן אכט־שטונ־דיגען ארבייטס־טאָג, וועגען אינקאָרפּאָרירען די נאציאָנאלע טרייד־יוניאָנס, און וועגען דער גרינדונג פון א נאציאָנאלע ביוראָ פון ארבייט.

דער פערטער יעהרליכער צוזאמענפאָהר איז אָפּגעהאַלטען גע־וואָרען אין שיקאגאָ אין אָקטאָבער 1884. פינף און צוואנציג

דעלעגאטען זיינען געוועזען אנוועזענד. עס איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע, וועלכע האָט פארדאמט קינדער ארבייט. א צווייטע רעזאָלוציע האָט געטאדעלט דעם סופרים (העכסטען) קאָורט פון ניו יארק דערפאר וואָס ער האָט מבטל געמאַכט דעם געזעץ נעגען פאבריצירען ציגארען אין די וואוינונגס-הייזער. די וויכטיגסטע און די ווייט לויפענדסטע רעזאָלוציע פון דעם צוזאמענפאָהר איז געוועזען די פאָלגענדע: „פון דעם ערשטען מאי 1886 אָן זאָל אָן אכט-שטונדיגער טאָג זיין דער געזעצליכער ארבייטס-טאָג, און דאָס אלע ארבייטער אָרגאניזאציעס זאָלען זיך צוגרייטען דאפיר".

דער פינפטער צוזאמענפאָהר איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין וואשינגטאָן אין דעצעמבער, 1885. בלויז אכצעהן דעלעגאטען זיינען געקומען. דאָרטען זיינען געמאכט געוואָרען ווייטערע פאָרבארייטונגען פאר'ן קאמף פון אן אכט-שטונדיגען ארבייטס-טאָג. די אַנדערע פארהאנדלונגען האָבען קיין באדייטונג ניט געהאט. דערווייל האָט זיך די ארבייטער באוועגונג אין לאנד שטארק אנטוויקעלט. די אגיטאציע פאר אן אכט-שטונדיגען ארבייטס-טאָג, וואָס די פעדעראציע האָט אָנגעפאנגען, און דער אלגעמיינער גוטער אינדוסטריעלער צושטאנד אין לאנד, האָט צוגעגעבען מוט דער אלגעמיינער באוועגונג צווישען די ארבייטער פאר בעסערע באדינגונגען. די עקזיסטירענדע טרייד יוניאָנס זיינען געוואקסען און נייע אָרגאניזאציעס זיינען געגרינדעט געוואָרען.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך די קאָנקורענץ צווישען די „נייטס אָוו לייבאָר" און די פעדעראציע אנטוויקעלט אין אן אָפענע פיינדשאפט. די פעדעראציע האָט געמאכט איינינע פארזוכען מיטצוברענגען א פאראייניגונג, אָבער די „נייטס אָוו לייבאָר" האָבען זיך ניט געוואָלט צוהערען דערצו, און זיי האָבען אנדערש ניט געפאָדערט ·אז זייער אָרגאניזאציאָנס-פאָרמע זאָל אָנגענומען ווערען. דער רעזולטאט איז געווען, דאָס איינינע יוניאָנס, פארלירענדיג דעם צוטרוי צוביידע קערפערשאפטען, האָבען פאררופען אן אומאפהענגיגען צוזאמענפאָהר פון ארבייטער אָרגאניזאציעס פאר'ן 8טען דעצעמבער, 1886, אין קאָלומבוס, אָהייאָ. די פעדע-

ראציע האָט ארויסגעצייגט דיפּלאָמאטישע פעהיגקייט דערמיט וואָס זי האָט פּאררופען א צוזאמענפאָהר פאר'ן 7טען דעצעמבער אין דעם זעלבען פּלאץ. צוביידע צוזאמענפאָהרען זיינען געקומען דעלעגאטען פון פינף און צוואנציג נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבען פארטראָטען א מיטגלידערשאפט פון 316,469. די אלטע פעדעראציע איז אויפגעלייזט געוואָרען, און אויף איהר פּלאץ האָט זיך געגרינדעט די אמעריקאן פעדערייש‏אָן אָוו לייבאָר".

דיזער צוזאמענפאָהר האָט ראדיקאל געענדערט די פּרינציפּען־ערקלערונג און די קאָנסטיטוציע פון דער אַלטער פעדעראציע. זי האָט באשטימט אן עקזעקוטיווע פון פינף בעאמטע, אויסגעאר־בייט מיטלען פאר גרעסערע איינקינפטע, און ערוועהלט סעמיועל גאָמפּערס אלס איהר ערשטען פּרעזידענט.

נאָך דיזע רעאָרגאניזאציע האָט די פעדערייש‏אָן פּראָגרעסירט זעהר שנעל. ביי דעם יעהרליכען צוזאמענפאָהר פון 1887 זיי־נען אנוועזענד געווען אכט און פופציג דעלעגאטען, וועלכע האָבען פארטראָטען 618,000 מיטגלידער.

דער צוזאמענפאָהר פון 1888 איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין סט. לואיס. אויף איהם איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע דאָס דעם ערשטען מאי 1890 זאָל זיך אָנפאנגען די אלגעמיינע באוועגונג פאר אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. אן עהנליכע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען א יאָהר שפּעטער, אויף דעם ערשטען אינטערנאציאָנאלען צוזאמענפאָהר פון די סאָציאליסטען אין פּאריז. זייט דאן איז דער ערשטער מאי געוואָרען דער אינ־טערנאציאָנאלער יום טוב פון ארבייט.

די רעזאָלוציע פון דער פעדעראציע איז טיילווייז דורכגע־פיהרט געוואָרען. אין 1900 האָט די „יונייטעד בראָדערהוד אָוו קארפּענטערס", וועלכע איז באשטימט געוואָרען אָנצופאנגען די באוועגונג, ערקלערט א סטרייק פאר אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. דער סטרייק איז געווען ערפאָלגרייך אין 137 שטעדט, און 46,000 ארבייטער פון דער פאך האָבען געוואונען אן אכט־שטונ־דיגען ארבייטס־טאָג. די ציגאר־מאכער און די דייטשע שריפט־

זעצער האָבען נאָך מיט צוויי יאָהר פריהער פארקירצט זייערע ארבייטס־שטונדען אויף אכט.

דער צעהנטער יעהרליכער צוזאמענפאָהר פון דער פעדע־ראציע איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין דעטראָיט אין דעצעמבער 1890. דריי און אכציג אָרגאַניזאציעס זיינען געווען פארטראָטען פון הונדערט און דריי דעלעגאטען. דער פרעזידענט האָט באריכ־טעט, אַז אין דעם פארגאַנגענעם יאָהר האָט ער ארויסגעגעבען 282 „טשאַרטערס" (ערלויבניסען) צו נייע אָרגאַניזאציעס. די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאציעס האָבען אין דערזעלבער צייט געגרינ־דעט 900 צווייגען. אין דעם יאָהר זיינען פאָרגעקומען 1163 סטרייקס. 989 האָבען זיך געענדיגט מיט אַ זיעג; 98 מיט קאָמפּראָמיסען און בלויז 76 זיינען פארלאָרען געגאַנגען.

די פעדעראציע האָט געוואונען דעם צוטרוי פון די מאַסען, און זי האָט באַזיעגט די „נייטס אָוו לייבאָר". נאָך 1887 איז די צאָהל פון איהרע מיטגלידער געווען אַן ערך 300,000. זייט 1900 האָט זיך די צאָהל נאָך פיל פאַרמעהרט.

די פּרינציפּען־ערקלערונג, און די צילען פון דער אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, זיינען אין טאָן מעהר קאָנסערוואטיוו, ווי די פון דער „נייטס אָוו לייבאָר". דאָך איז די פעדערײשאָן מעהר ראַדיקאַל. די „נייטס אָוו לייבאָר" איז געווען אַן אריסטאָקראַ־טישע קערפּערשאַפט. זי איז געלעגען אונטער אַ געהיימניספולען צודעק, באוואכט פון צערעמאָניעס און טראדיציעס, וועלכע האָ־בען איהר געגעבען דעם כאַראקטער פון פרעמדקייט, אָפּגעזונדערט־קייט. די פעדערײשאָן, אָבער, איז אימער געווען אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פריי און אָפען דיסקוטירט אַלע אַר־בייטער פראגען, און וועלכע איז געווען אין באַריהרונג מיט די אַר־בייטער אינטערעסען פון לאַנד, און וועלכע האָט אימער אָנגע־פיהרט אַן אָפענעם קאַמף מיט קאַפּיטאַל.

הויפּזעכליך צוליב דיזע אורזאַכען איז די פעדערײשאָן פון אָנפאַנג אַן באַטראַכט געוואָרען פון די סאָציאַליסטען אלס אַ גוטע פעלד פאַר זייער אָרבייט. פון 107 דעלעגאטען וואָס האָבען גע־

האַלפּען גרינדען די קערפּערשאַפט אין 1881 זיינען זעקס געווען אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטען, און זאָגאַר סעמיועל גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון דער פעדערייישאָן, וועלכער איז אין שפּעטערע יאָהרען געוואָרען אַן ענטשיידענער געגנער פון סאָציאַליזם, איז דאַמאָלסט געווען פריינדליך צו דער באַוועגונג. מאַנכע צייטונגען האָבען זאָגאַר איהם קלאַסיפיצירט צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטען.

אויף יעדען צוזאַמענפאָהר פון דער פעדעראַציע איז געווען אַ קלענערע אָדער אַ גרעסערע צאָהל סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט צו פּראָפּאַגאַנדירען זייערע טעאָריעס.

ביים צוזאַמענפאָהר פון 1885 האָבען די סאָציאַליסטען צום ערשטען מאָל אַריינגעטראָגען אַ רעזאָלוציע, אַז די אַרבייטער זאָלען אָנפיהרען אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע טעטיגקייט. די רעזאָלוציע איז דורכגעפאַלען, אָבער ביי דעם נעקסטען יעהרליכען צוזאַמענפאָהר איז עס באַשלאָסען געוואָרען מיט אַ גרויסע מאַיאָריטעט אויפצופאָדערען די מיטגלידער, זיי זאָלען שטיצען די אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע באַוועגונגען פון דעם אַרבייטער קלאַס.

ביי יעדען צוזאַמענפאָהר האָבען די סאָציאַליסטען געפונען אַ וועג פאָרצולייגען זייערע טעאָריעס פאַר אַן אַלגעמיינע דיסקוסיע. ביי דעם צוזאַמענפאָהר פון 1890 איז די פראַגע גרינדליך דיסקוטירט געוואָרען. אין די זומער מאָנאַטען פאַר דעם צוזאַמענפאָהר האָט די סענטראַל לייבאָר פעדערייישאָן פון ניו יאָרק זיך געווענדעט צו דער פעדערייישאָן אוו לייבאָר נאָך אַ „טשאַרטער“. די אַמעריקאַן פעדערייישאַן אָוו לייבאָר האָט זיך ענטזאָגט דעם „טשאַרטער“ צו באַווילליגען דערפאַר, וואָס אויף דער ליסטע פון די אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט דער סענטראַל לייבאָר פעדערייישאָן איז געווען די אַמעריקאַנער סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. מר. גאָמפּערס האָט ערקלערט, אַז לויט דער קאָנסטיטוציע פון דער אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר טאָר זי ניט זיין פאַרבונדען מיט קיינע פּאָליטישע פּאַרטייען.

די צענטראַל פעדערײשאָן האָט אַפּעלירט געגען דיזע ענט־שיידונג ביים צוזאַמענפאָהר, און זי האָט געשיקט לוסיאַן סעמיועל, דער פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער סעקציע, ער זאָל מאַכען דעם אַפּיעל.

די דעבאַטע איז געװען אַ לאַנגע און אַ היציגע. די סאָציאַליסטען האָבען גע׳טענה׳עט דאָס זייער אָרגאַניזאַציע איז ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטײ אין דעם געװעהנליכען זין פון דעם װאָרט; דאָס די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטײ איז אַן אָרגאַניזאַציע אויסשליסליך פאַר די אינטערעסען פון אַרבייט, און דאָס איהר באַטייליגען זיך אין פּאָליטיק איז בלויז איינע פון די מיטלען װאָס זי װענדעט אָן אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבייטער קלאַס.

גאָמפּערס און זיינע נאָכפאָלגער, אָבער, האָבען גע׳טענה׳ט, אַז אַ פּאָליטישע פּאַרטײ איז אַ פּאָליטישע פּאַרטײ, קיין אונטער־שיעד װאָס איהר ענד־ציל זאָל ניט זיין. דאָ האָט זיך ניט גע־האַנדעלט בלויז װעגען אונטערשטיצען דעם סאָציאַליזם. אייניגע דעלעגאַטען האָבען אויסדריקליך ערקלערט, דאָס זיי זיינען ניט פיינדליך צום סאָציאַליזם אָדער צו אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע טע־טיגקייט, און דאָך װעלען זיי שטימען געגען סעמיועל, װייל זיי זיינען געגען דעם, אַז מען זאָל אַריינפיהרען פּאָליטיק אין דער פעדעראַציע. די אָפּשטימונג װעגען דעם צי מען זאָל צולאָזען די סענטראַל לייבאָר פעדערײשאָן האָט באַװיזען די שטאַרקייט פון סאָציאַליזם אין דער פעדעראַציע אין יענער צייט. 525 האָבען געשטימט דאַפיר און 1699 דאַגעגען.

די פראַגע פון סאָציאַליזם איז אויף אַ דירעקטערן אופן פאַר־געבראַכט געװאָרען פאַר דער פעדעראַציע ביים צוזאַמענפאָהר פון 1893. דאָרטען האָט טהאָמאַס דזש. מאָרגען, אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטײ, פאָרגעלייגט די פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„נעמענדיג אין אנבאַטראַכט, דאָס די טרייד יוניאָניסטען פון ענגלאַנד האָבען, אין דער ליכט פון ערפאַרונג און פון דער לאָגיק

פון פּראָגרעס, אנערקענט אין פּרינציפּ אומאָפּהענגיגע ארבייטער פּאָליטיק אלס א הילפס־מיטעל צו זייער עקאָנאָמישע טעטיגקייט, און

„נעמענדיג אין אנבאטראַכט, דאָס דיזער שריט האָט גע־בראַכט צופרידענשטעלענדע רעזולטאטען, און

„נעמענדיג אין אנבאטראכט דאָס אומאָפּהענגיגע ארבייטער פּאָליטיק שטיצט זיך אויפ׳ן פאָלגענדען פּראָגראַם:

„1. געצוואונגענע בילדונג;

„2. דירעקטע געזעץ־מאַכונג;

„3. א געזעצליכער אכט שטונדיגער ארבייטס־טאָג;

„4. די אויפּפּאַסונג אויף די סאַניטארישע צושטענדע פון פאַבריקען, מינען און היימען;

„5. די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון ארבייטס־געבער פאַר דעם געזונט און דעם לעבען פון די ארבייטער;

„6. די אָפּשאַפונג פון קאָנטראַקט סיסטעם אין אלע קהל׳שע ארבייטען;

„6. די אָפּשאַפונג פון דעם „סוועט״־סיסטעם.

„8. דאָס די קארס, די גאַז און עלעקטריק זאָלען געהערען צום שטאַט;

„9. דאָס די טעלעגראַפען, טעלעפאָנען, באַהנען און מי־נען זאָלען נאַציאָנאַליזירט ווערען;

„10. דאָס אלע מיטלען פון פּראָדוקציע און פאַרטיילונג זאָ־לען געהערען צום פאָלק;

„11. דער פּרענציפּ פון רעפערענדום אין געזעץ־מאַכונג;

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס דער צוזאַמענפאַהר אונטערשטיצט די פּאָליטישע טעטיגקייט פון אונזערע ענגלישע חברים, און

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס דיזער פּראָגראַם און באַזיס פאַר א פּאָליטישע ארבייטער באַוועגונג זאָל פאָרגעלייגט ווערען פאַר די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקא מיט דער ביטע דאָס זיי־

ערע דעלעגאַטען צום נעקסטען יעהרליכען צוזאַמענפאָהר פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר זאָל אינסטרואירט ווערען וועגען דיזער העכסט וויכטיגער פראַגע".

די רעזאָלוציע איז דיסקוטירט געוואָרען ערנסט און פעהיג פון ביידע צדדים, אָבער די סאָציאַליסטען האָבען זייער צד שטאַרק פאַרטיידיגט. דער אַלגעמיינער שלעכטער צושטאַנד פון די אַרבייטער, וואָס דער קריזיס פון יענעם יאָהר האָט פאַרשאַפט, האָט צוגעגרייט די מחות פון די דעלעגאַטען פאַר ראַדיקאַלע סאָציאַלע אַנשויאונגען. דער פאַקט, אַז די רעזאָלוציע האָט געפאָדערט אַן אַלגעמיינע אָפּשטימונג וועגען דער פראַגע, האָט אַוועקגעשטעלט די געגנער אין אַן אונאַנגענעהמער לאַגע, ווייל זיי האָבען געוואָלט צוריקהאַלטען אַזאַ וויכטיגע אַנגעלעגענהייט פון די מאַסען. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען מיט אַ נישקשה'דיגען מאַיאָריטעט, און אין פאַרלויף פון דעם נעקסטען יאָהר האָבען די מיטגלידער פון פילע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אין דער פעדעראַציע דיסקוטירט און געשטיצט וועגען דער רעזאָלוציע. די סאָציאַליסטען האָבען אימער באַהויפּטעט, אַז די רעזאָלוציע אין אַלגעמיין איז אונטערשטיצט געוואָרען פון אַ גרויסע מאַיאָריטעט מיטגלידער. זייערע געגנער אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג לייקענען דאָס. באַשטימט באַווייזען וועלכער צד איז גערעכט קען מען ניט, ווייל ווען די פראַגע איז אויפגעהויבען געוואָרען ביי דעם נעקסטען צוזאַמענפאָהר פון דער פעדעראַציע, אין דעצעמבער, 1894, האָבען די פיהרער פון דער פעדעראַציע דורך קונציגע מיטלען די גאַנצע אַנגעלעגענהייט פאַרשטיקט. ווען מען האָט פאָרגעלייגט דעם פונקט 10 אין דער רעזאָלוציע, וועלכער פאָדערט אַז אַלע מיטלען פון פּראָדוקציע און פאַרטיילונג זאָלען געהערען צום פאָלק, האָט עמיצער פלוצלונג פאָרגעשלאָגען אַ „סאָבסטיטוט", דאָס די קהל'שע ערד זאָל צוטיילט ווערען צווישען מענשען וואָס ווילען איהר באַ־אַרבייטען. דיזער „סאָבסטיטוט" איז נאָך אַ קורצער דעבאַטע אָנגענומען געוואָרען, און דער אָריגינעלער פאָרשלאַג איז שוין מעהר ניט גענומען געוואָרען צום אָפּשטימונג.

ביי דריי שפּעטערדיגע צוזאַמענפאָהרען זיינען סאָציאַליסטישע

רעזאָלוציעס ווידער פאַרגעלייגט געוואָרען, און דורכשניטליך האָ־
בען א פערטעל פון די דעלעגאַטען געשטימט פאַר זיי.

אין 1898 האָט דער צוזאַמענפאָהר פון דער פעדעראַציע אין
קענזעס סיטי, נאָכדעם ווי ער האָט נידערגעשטימט די סאָציאַליס־
טישע רעזאָלוציע פון מארקס העיס, אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָ־
לוציע, וועלכע דריקט אויס די שטעלונג פון דער אמעריקאַן פעדע־
ריישאָן אָוו לייבאָר אין דיזער פראַגע. די רעזאָלוציע שליסט זיך
ווי פאָלגט :

„מיר גלויבען, דאָס די יוניאָנס אין אמעריקא, וועלכע גע־
הערן צו דער אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, האָבען קיינמאָל
זיך ערקלערט געגען דעם, אַז עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראַגען
זאָלען דיסקוטירט ווערען אויף פאַרזאַמלונגען פון די יוניאָנס. מיר
זיינען אָבער געגען דעם, אַז עס זאָל אריינגעטראָגען ווערען אין
דער פעדעראַציע פּאַרטיי פּאָליטיק, רעליגיעזע פראַגען, אָדער ראַסען־
פּאַראָורטיילע. מיר גלויבען, אַז עס איז די פליכט פון טרייד־
יוניאָניסטען צו שטודירען און דיסקוטירען אַלע פראַגען, וועלכע
האָבען א שייכות מיט אינדוסטריעלע אָדער פּאָליטישע פרייהייט".

4. די סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס.

דער קאַמף פאַר דעם סאָציאַליזם ביי די צוזאַמענפאָהרען פון דער פעדעראַציע איז זייט 1890 אָנגעפיהרט געווארען פון איינ־צעלנע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי אָהן דער צושטימונג פון דער אָפּיציעלער פארטיי פארוואַלטונג. די אַנערקענטע פיהרער פון דער פארטיי און די אָפּיציעלע פארטיי־פרעסע האָבען צוריקגעצויגען זייער שטיצע און סימפּאַטיע פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר זייט די סעניעל פּאַסירונג אויף דעם צוזאַמענפאָהר אין דעטראַיט, און ווערענד פילע באַוואוסטע פארטיי מיטגלידער, ווי, צום ביישפּיל, טהאָמאַס דזש. מאָרגאַן פון שיקאַגאָ, מאַקס העיס פון קליוולאַנד און דזש. מאַלאָן בארנעס פון פילאַדעלפיא, האָבען פאָרטגעזעצט זייער ארבייט אריינצובריינגען די פּרינציפּען פון סאָציאַליזם אין דער פעדעראַציע, האָבען די פארטיי באַאַמטע, אָנגעפיהרט פון דעניעל דע ליאָן, געזוכט צו פאַנגען די „נייטס אָוו לייבאָר” מיט דעם רעזולטאַט, וואָס מיר האָבען שוין אויבען דערצעהלט.

נאָכדעם ווי עס איז פאָרגעקומען די ענדליכע שפּאַלטונג צווי־שען דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פארטיי און די „נייטס אָוו לייבאָר”, אין נאָוועמבער 1895, האָבען די סאָציאַליסטען צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון זייער קאַריערע זיך געפונען אָפּגעפרעמדט און אין אָפּאָזיציע צו ביידע עקזיסטירענדע נאַציאָ־נאַלע קערפּערשאַפטען פון די טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס.

די ערפאַרונג וואָס דער רעדאַקטאָר פון „די פיפּעל” און זיינע חברים האָבען געהאַט מיט די „נייטס אָוו לייבאָר” האָט זיי שטאַרק ענטמוטיגט. זיי האָבען אויפגעגעבען אַלע האָפנונגען ווען עס איז איבערצוגעווינען די „קאָרופּטע” קערפּערשאַפטען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען די גרינדונג פון אַ געגנער אָרגאַניזאַציע — „די

סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס" (די סאָציאַליסטישע געווערקשאַפטען און ארבייטער פאַרבאַנד).

ווען די פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי האָבען פון אָנפאַנג אויסגעארבייט זייערע פּלענער וועגען קריגען קאָנטראָל איבער די „נייטס אָוו לייבאָר", האָבען זיי צוגערעדט די פריינדליכע יוניאָנס אין ניו יאָרק, וועלכע זיינען באַשטאַנען הויפּטזעכליך פון דייטשע און אידישע אַרבייטער, זיך אָנצושליסען אָן דעם אָרדען. דיזע יוניאָנס זיינען געבליבען טריי צו דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, זאָגאַר נאָכדעם ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעריסען פון די „נייטס אָוו לייבאָר", און ווען דע ליאָן איז אין דעצעמבער 1895 עפענטליך אַרויס געגען דעם אָרדען און האָט געהייסען דיזע יוניאָן זיך צוריקציהען פון אָרדען, האָט די גרויסע מאַיאָריטעט איהם געפאָלגט.

אָפּגעריסענע יוניאָנס פון די „נייטס אָוו לייבאָר" זיינען געווען דער פונדאַמענט פון דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס". אַנדערע יוניאָנס אין סימפּאַטיע מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיינען זיי נאָכגעגאַנגען.

די ערשטע צוויי אָדער דריי יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט די אַליאַנס אַרויסגעגעבען איבער 200 „טשאַרטערס" צו פאַרשידענע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס. די וויכטיגסטע צווישען זיי זיינען געווען „די סענטראַל לייבאָר פעדערייש אָן פון ניו יאָרק", מיט זיבען און צוואַנציג יוניאָנס, די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו יאָרק מיט פינף און צוואַנציג יוניאָנס, די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פעדעראַציע פון ברוקלין מט צוועלף יוניאָנס, די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פעדעראַציע פון נוארק מיט זיבען יוניאָנס, און די שיקאַגאָ סענטראַל אָרגאַניזאַציע מיט אַכט יוניאָנס.

דער אַליאַנס האָט אויסער דעם געהאַט אַ צאָל לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, מאַסאַטשוזעטס, לאָנג איילענד, פענסילווייניאַ, אָהייאָ, אילינאָיס און אַנדערע שטאַטען. אין איהר בליהענדסטער פעריאָדע האָט די אַליאַנס געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 20,000.

די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלייענס", כאָטש זי איז

געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון טרייד־יוניאָנס, האָט געזאָלט זיין אַ הילפס־קערפּערשאַפט צו דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי.

אין דירעקטער אָפּאָזיציע צו די אַנשויאונגען פון דער פעדעראַציע און פון די „נייטס", האָט די אַליאַנס געלייגט מעהר געוויכט אויף דעם פּאָליטישען קאַמף פון דעם אַרבייטער קלאַס, ווי אויף דעם עקאָנאָמישען קאַמף. זי האָט איינגעלאַדען די פאַרשידענע סעקציעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו שיקען פאָרשטעהער אין איהרע לאָקאַלע קאָמיטעטען. זי האָט איינגעלאַדען די פּאַרטיי צו זיין פאַרטראָטען אויף איהרע צוזאַמענפאָהרען, און האָט געפאָדערט פון יעדען לאָקאַלען און נאַציאָנאַלען באַאַמטען אַ פאַרפליכטונג, דאָס ער וועט זיך ניט פאַרבינדען מיט קיין קאַפּיטאַליסטישער פּאַרטיי, און דאָס ער וועט ניט שטיצען קיין אַנדער פּאָליטישע טעטיגקייט, ווי די פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי.

די פאָרמע פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַליסטישער „טרייד און לייבאָר עלייענס" איז געווען אַ קאָפּיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די „נייטס אָוו לייבאָר". די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס זיינען געשטאַנען אונטער דער פיהרערשאַפט פון די לאָקאַלע אַליאַנסען. די לאָקאַלען פון יעדער שטאַט זיינען געווען פאַראייניגט אין אַ דיסטריקט אַליאַנס, און די העכסטע מאַכט פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען די „דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָורד".

דער אַליאַנס איז געווען אַ דורכפאַל גלייך פון אָנפאַנג. זיינע ווידערשפּרעכענדע און אומקלאָרע ציעלען, און זיין צענטראַליזירטע און פאַרעלטערטע סיסטעם פון אָרגאַניזאַציאָן, האָבען איהם געשטערט אין איהר פּראַקטישע ארבייט. די דיקטאַטאָרישע פיהרערשאַפט פון די באַאַמטע האָבען פאַר איהר פאַרשאַפט פיינד צווישען די וויכטיגסטע אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען געווען מיט איהר פאַרבונדען. די ערשטע וואָס זיינען ארויסגעטראָטען פון אַליאַנס זיינען געווען די ברייערס יוניאָן פון ברוקלין און נואַרק. די „דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָורד" האָט זיי אויפגעפאָדערט זיי זאָלען פאַרלאָזען זייערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. אַנדערע יוניאָנס האָבען באַלד נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון די ברייערס. פון די 228

אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַריין אין דעם אַליאַנס צווישען דעצעמ־בער 1895 און יולי 1898, זיינען בלויז 114 פאַרבליבען אין איהם ווען דער דריטער צוזאַמענפאָהר האָט זיך פאַרזאַמעלט אין באָפאַלאָ אין יולי 1898, און פון זיי זיינען בלויז 54 געווען גוט־שטעהענד. קורץ נאָך דעם צוזאַמענפאָהר אין באָפאַלאָ איז די „סענטראַל פעדערייטעד יוניאָן" פון ניו יאָרק ארויסגעטראָטען פון אַליאַנס. זי איז געווען די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע, און ווען זי איז אַוועק, איז דער אַליאַנס געבליבען מיט אַ הייפעלע מענשען.

דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַליאַנס" האָט עקזיסטירט בלויז אין נאָמען ביז דער גרינדונג פון די „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד", וועלכער האָט איהם איינגאַנצען פאַרשלונגען.

פינפטער קאפיטעל

דער וואוקס פון סאָציאַליזם

1. דער וואוקס פון סאָציאַליזם.

פילע פאַסירונגען אין דעם אינדוסטריעלען און פּאָליטישען לעבען פון לאַנד אין די לעצטע צעהנדליג יאָהר פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר־הונדערט האָבען בייגעשטייערט צו דעם וואוקס פון דעם סאָציאַליסטישען גייסט. די טענדענץ פון קאָנצענטרירונג אין אינדוסטריע איז קיינמאָל ניט געווען אזוי שארף ווי דאַמאָלסט. „די פאַראייניגטע קוילען מאַגנאַטען האָבען אַ קאַפּיטאַל פון 500,000,000", האָט געשריבען לאָיד דזשאָרדזש אין 1894. „אין דער אָיל אינדוסטרי ליגט אַרום 200,000,000, און אין די אַנדערע קאָמבינאַציעס וואו זייערע מיטגלידער שטעהען אויף דער שפּיצע ליגען נאָך הונדערטער מיליאָנען. הונדערטער מיליאָנען דאָלערס זיינען קאָנצענטרירט אין די אייזענבאַנען און אין די „עלעווייטאָרס" אין די נאָרט וועסט און די מאַכט פון די געלט ווערט געברויכט געגען די פאַרמערס. אין דער פאַראייניגטער פלייש אינדוסטריע ליגט אַ קאַפּיטאַל פון ניט ווייניגער ווי 100,000,000; אין שנאַפּס 35,000,000; אין ביער אַ סך מעהר ווי דיזע סומע; אין צוקער 75,000,000; אין לעדער איבער 100,000,000; אין גאַז הונדערטער מיליאָנען. ... אַן ערך פון 10,000,000,000 דאָלערס ציהען דיווידענדס און פּראָצענט פון די אייזענבאַנען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. יעדען יאָהר ווערען די פאַרשידענע אינדוסטריעלע אינטערעסען מעהר פאַראייניגט".

דיזע ריזיגע קאָמבינאַציע פון קאַפּיטאַל האָט געווירקט, אַז עס זאָלען אָרגאַניזירט ווערען גרויסע אַרמייען אַרבייטער אין די דערמאָנטע אינדוסטריען. די גרויסע טראַסטס האָבען געשאַפען גרויסע טרייד יוניאָנס. עס איז געצויגען געוואָרען אַ שאַרפערע ליניע צווישען די קלאַסען, און דער קלאַסען קאַמף איז געוואָרען אַ מעהר פאַרביטערטער און אַ גרעסערער. קיין יאָהר איז ניט פאַר־

בייגעגאַנגען אָהן איינע אָדער מעהר מעכטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט.

די ערשטע טייל פון דיזער מערקווירדיגער פּעריאָדע איז געווען ספּעציעל פול מיט אַזוינע קעמפּע. אַ גענויע שילדערונג פון זיי קאָנען מיר דאָ ניט געבען. מיר וועלען בלויז דערמאָנען איניגע וויכטיגע ביישפּילען.

דער ערשטער פון דיזער רייע סטרייקס, וועלכער האָט געצויגען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, האָט אויסגעבראָכען אין די אייזען און שטאָל פאַבריקען פון קארנעגי און קאָ. אין האָלמסטעד, פּענסילווייניא, יולי 1892.

האָלמסטעד איז געווען אַ שטעדטעל פון אַ צוועלף טויזענט ארבייטער, וועלכע קארנעגי און זיינע חברים האָבען געגרינדעט. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען הויפּטזעכליך פון ארבייטער אין די שטאָל פאַבריקען. דיזע ארבייטער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין דער „אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאיישאָן אָוו אייראָן ענד סטיל וואָרקערס", וועלכע פלעגט פון צייט צו צייט מאַכען קאָנטראַקטען מיט די באַלעבאַטים וועגען די לוין פון די ארבייטער. דער טערמין פון דעם לעצטען פון דיזע קאָנטראַקטען האָט זיך געענדיגט דעם 30טען יוני 1892. קורץ בעפאָר דיזען טערמין האָבען די אייגענטימער פון די פאַבריקען אַנאָנסירט אַ פארקלענערונג פון דעם לוין און געפאָדערט, אַז דער טערמין פון דעם נייעם קאָנטראַקט זאָל זיך ענדיגען אין יאַנואַר אַנשטאָט יוני. די ארבייטער האָבען צוריקגעוויזען דיזע פּונקטען, הויפּטזעכליך אויפן' גרונד, דאָס עס וועט זיי אומעגליך זיין אָפּצושטעלען די ארבייטער אין מיטען ווינטער, און זיי וועלען דארום ניט קאָנען קעמפען פאַר בעסערע באַדינגונגען, אויב דער טערמין וועט זיך ענדיגען אין יאַנואַר. די באַלעבאַטים האָבען דאַן ארויסגעוואָרפען די ארבייטער פון זייערע שטעלען, און דער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען.

די באַלעבאַטים זיינען געווען צוגעגרייט פאַר דיזען קאַמף. מיט וואָכען פאָראויס האָט מר. ה. ס. פריק, דער פאַרוואַלטער פון דער פירמע, ארומגעצאַמט די פאַבריקען מיט אַ וואַנט דריי מייל די לענג, פופצעהן פוס די הויך, און האָט די וואַנט באַדעקט מיט

שטעכעדיגע דראָטען. די ארבייטער האָבען דיזע וואַנט אַ נאָמען געגעבען „פריק'ס פעסטונג".

דער נעקסטער שריט פון די באַלעבאַטים איז געווען צו ברייננ־גען אַן ארמיי פון דריי הונדערט פינקערטאָן אַגענטען, באַוואָפּענט פון קאָפּ ביז די פיס. זיי זיינען אָנגעקומען מיט אַ שיף דעם 6טען יולי פארטאָג. זייער אָנקומען האָט פאראורזאַכט אַ בלוטיגען צו־זאַמענשטויס, וועלכער האָט ביז דאַן ניט געהאַט קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון די ארבייטער קעמפּפע אין דיזען לאַנד. אַזוי שנעל ווי די פּיקעטס האָבען דערזעהן די שיף אָנקומען, האָבען זיי געגע־בען אַ סיגנאַל. די סטרייקערס האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און אין עטליכע מינוטען צייט איז דער ברעג פון טייך געווען שווארץ מיט מענשען. ארבייטער האַלב געקליידעט, מיט ביקסען אין די הענט, האָבען זיך געשטעלט געגען די פינקערטאָנס. די אַגענטען האָבען ניט באַגריפען די ערנסטקייט פון דער לאַגע. זיי האָבען אַ פּארזוך געמאַכט די סטרייקערס אָפּצושרעקען דערמיט וואָס זיי האָבען אויף זיי אָנגעשטעלט זייערע רעוואָלווערען. אַ מאָמענט פון פּארגליווערטע אויפרעגונג. דאַן האָט אַ שאָס אָפּ־געהילכט פון דער שיף, און אַ סטרייקער איז געפאַלען טויטליך פּארוואונדעט. פון דער מאַסע האָט זיך אויפגעהויבען אַ גוואַלד־געשריי, און פוןביידע זייטען האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ווילדע שיסעריי. די פיהרער פון די ארבייטער האָבען געזוכט מיט אַלע מיטלען אָפּצושטעלען די בלוט־באָד, אָבער עס איז אונמעגליך גע־ווען די סטרייקערס צו האַלטען אין האַנט. די שלאַכט האָט אָנגע־האַלטען עטליכע שטונדען, און די פינקערטאָנס זיינען געצוואונגען געווען זיך צוריקצוציהען און זיך באַהאַלטען אין דער שיף. דאָרטען זיינען זיי געלעגען אָהן לופט אין אַ שרעקליכע היץ, ביז וואַנען זיי האָבען זיך ענדליך אונטערגעגעבען. די סטרייקערס האָבען זיי גענומען געפאַנגען, און בייגאַכט האָט מען זיי ארויפגעזעצט אויפ'ן באַהן און זיי ארויסגעשיקט פון שטאָדט. פון ביידע זייטען זיינען געפאַלען צוועלף טויטע און איבער צוואַנציג ערנסט פּארוואונדעט. נאָך דיזער פּאַסירונג איז האָלמסטעד געשטעלט געוואָרען אונטער אַ קריגס־צושטאַנד. די שטאַט רעגירונג האָט אַריינגעשיקט מיליץ,

וועלכע האָט עטליכע וואָכען נאָכאַנאַנד געבושעוועט אין דער שטעדטעל און ברוטאַל באַהאַנדעלט די סטרייקערס. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די סטרייקערס האָבען דעם קאַמף פאַרלאָרען.

ווען דער סטרייק אין האָלמסטעד איז אָנגעגאַנגען, האָט אַ צווייטער קאַמף אויסגעבראָכען אין דער וויטער נאָרט וועסט, אין דער קאָור־דע־אַלען פראָווינץ פון דער שטאַט איידאהאָ. אַ לאַנגע צייט זיינען די גאָלד און בליי־מינען אין יענער פראָווינץ באַארבייט געוואָרען פון די אַרבייטער אַליין — איינציגווייז אָדער אין גרופען. מיט דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציע האָבען די מינען צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון קאַפּיטאַליסטען. דיזע קאַפּיטאַליסטען האָבען אָפּגעקויפט די מינען און זיי פאַראייניגט אַלס אייגענטום פון די זעלבע קאָמפּאַניס. די אומאָבהענגיגע מינענ־גרעבער זיינען איצט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין לוין־אַרבייטער, און זייער לוין איז אימער פאַרקלענערט געוואָרען. די מינען־גרעבער האָבען זיך אָר־גאַניזירט, און ווען זייער פאָדערונג אויף אַ העכערען לוין איז צור־ריקגעוויזען געוואָרען זיינען זיי אַרויס אין סטרייק. די באַלעבאַ־טים האָבען געבראַכט סטרייק ברעכער, און עס האָט אויסגעבראָכען אַ באַוואָפענטע מלחמה צווישען די סטרייקער און די סטרייק ברע־כער, אין וועלכע עס זיינען געפאַלען טויטע און פאַרוואונדעטע פון ביידע זייטען. די סטרייקערס זיינען געבליבען אין קאָנטראָל, און אַרויסגעטריבען פון די מינען די סקעבס. זיי זיינען געווען צוועלף טויזענד מאַן, גוט באַוואָפענט, און די שטאַט מיליץ איז נאָמינעל באַשטאַנען פון 196 מאַן. דער גאָווערנאָר האָט אַפּע־לירט צו דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן זי זאָל שיקען סאָלדאַטען, און די רעגירונג האָט זיך אָפּגערופען זעהר פריינדליך. דער סטרייק איז אונטערדריקט געוואָרען. די פירער זיינען פאַרשפּאַרט גע־וואָרען אין געפענגניש און די באַלעבאַטים האָבען געבראַכט קלאַ־גען אין געריכט און געפאָדערט אַז די מינען־אַרבייטער יוניאָן זאָל ערקלערט ווערען אַלס אומגעזעצליך.

אין אַ קנאַפּען מאָנאַט נאָך דיזער פּאַסירונג זיינען אויסגע־בראָכען צוויי־נייע גרויסע סטרייקס אין צוויי טיילען פון לאַנד — איינער אין באַפאַלאָ און איינער אין טענעסי

דער באָפאַלאָ סטרייק. — אין 1892 האָט דער פּאַרלאַמענט פון ניו יאָרק שטאַט דורכגעפירט אַ געזעץ צו באַגרעניצען די צייט פון באַהן אַרבייטער אויף צעהן שטונדען אַ טאָג. דער ציל פון דיזען געזעץ איז געווען אַ דאָפּעלטער: ערשטענס, גרינגער צו מאַכען די אַרבייט פון די אָנגעשטעלטע, און צווייטענס, צו פאַר־מיידען אומגליקען אויף די באַהנען. נאָכדעם ווי דער געזעץ איז שוין דורכגעגאַנגען האָט מען זיך געכאַפּט, אַז אין איהם איז אַריינ־געשמוגעלט געוואָרען אַ פּונקט, וועלכער האָט געגעבען די באַהן באַלעבאַטים דאָס רעכט צו צווינגען זייערע אָנגעשטעלטע צו אַר־בייטען לענגערע שטונדען פאַר עקסטרא באַצאָלט. דיזער פּונקט האָט אייגענטליך פאַרניכטעט דעם גאַנצען געזעץ. די קאָמפּאַניעס האָבען גלייך פאַרקלענערט דעם לוין פון די אַרבייטער אויף אַ סומע וועלכע איז געווען נאָך גרעסער ווי די סומע וואָס זיי האָבען געדאַרפט באַצאָלען פאַר די „אָווערטיים“. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די אַרבייטס שטונדען זיינען פאַרבליבען די זעלבע ווי פריהער, און די פאַרדינסטען פון די אַרבייטער זיינען פאַרקלע־נערט געוואָרען.

אַם ערגסטען האָבען פון דעם געליטען די „סוויטש“-לייטע (סטרעלאָטשניקעס), וועלכע פלעגען אָפט אַרבייטען 36 שטונדען נאָכאַנאַנד אָהן אַן אָפּרוה זאָגאַר פאַר מאָלצייטען. אין באָפאַלאָ זיינען אויף די פאַרשידענע באַהן ליניעס געווען באַשעפטיגט פיער הונדערט „סוויטש“-לייטע, און זיי האָבען דעם 13-טען אויגוסט 1892 ערקלערט אַ סטרייק פאַר קירצערע שטונדען און אַ העכערען לוין. אַלע פאַרזוכען פון די קאָמפּאַניעס צו קריגען סטרייק ברע־כער האָבען זיך ניט איינגעגעבען. דער באַהן פאַרקעהר אַרום באָפאַלאָ איז געווען פּאַראַליזירט. די „סוויטש“-לייטע האָבען גע־האַט די סימפּאַטיע פון דער באַפעלקערונג, און די לאָקאַלע מיליץ, וועלכע איז גלייך פון אָנפאַנג אַרויסגערופען געוואָרען, האָט ניט געהאַט קיין חשק צו שטערען די פּיקעטס. די אויסזיכטען זיינען געווען גלענצענד פאַר די סטרייקערס, אָבער די באַהן באַאַמטע האָבען דורך סטראַשונקעס, און אַנדערע מיטלען, געווירקט אויף דעם שעריף ער זאָל פאָדערן ביי דעם גובערנאַטאָר סאָלדאַטען.

אין 48 שטונדען צייט זיינען שוין דאָרטען געווען די גאַנצע שטאַט מיליץ — 8,000 אין צאָהל, געגען 400 סטרייקערס. די לאַגע האָט זיך גלייך געענדערט. אונטער דער פּראָטעקציע פון דער מיליץ האָבען די קאָמפּאַניעס געקראָגען סטרייק ברעכער, די אַרביי־טער האָט מען ניט געלאָזט מעהר פּיקעטען, דער פונדאַמענט פון דעם סטרייק איז צופאַלען, און די אַרבייטער האָבען אויפגעגעבען דעם קאַמף דעם 24־טען אווגוסט.

די פּאַסירונגען אין די אַרבייטער קעמפּע אין די קוילען שטעדט־לאַך אין טענעסי זיינען געווען פון אַן אַנדער סאָרט. דאָרטען האָט זיך אָנגעפאַנגען דער צוזאַמענשטויס צוליב דעם וואָס די באַלעבאַ־טים האָבען באַשעפטיגט אַרעסטאַנטען אין די מינען. אין יענער שטאַט האָט געהערשט אַזאַ סיסטעם: די שטאַט באַאַמטע פלעגען פאַרדינגען אַרעסטאַנטען, ספּעציעל נעגערס, צו די מיין באַלעבאַ־טים אויף אַ יערליכען קאָנטראַקט. אין די זעלבע מינען פלעגען אַרבייטען אַרעסטאַנטען און פרייע אַרבייטער. די קאָנקורענץ צווישען די צוויי קלאַסען אַרבייטער, און די ערנידערונג וואָס דער פרייער אַרבייטער האָט געפיהלט, זיינען געווען אַלטע וואונדען, און פילע מאָל האָבען דאָרטען די אַרבייטער רעוואָלטירט און האָבען מיט וואַפען אַרויסגעטריבען די אַרעסטאַנטען פון די מינען.

אין 1892 איז פאָרגעקומען אַ ווידערהאָלונג פון דיזען רע־וואָלט, נאָר ער איז אָנגעפיהרט געוואָרען אויף אַ פיעל גרעסערען מאַסשטאַב ווי געוועהנליך. דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אין טרייסי סיטי, וואו די פרייע אַרבייטער האָבען געפאַנגען דריי הונדערט אַרעסטאַנטען אַרבייטער, זיי אַרויסגע־טריבען, און פאַרברענט זייערע באַראַקען. מיט צוויי טעג שפּעטער איז די זעלבע זאַך פאָרגעקומען אין די אייזען מינען אין אינמען. דעם 17־טען אווגוסט האָט די זעלבע זאַך פּאַסירט אַרום די קויהלען מינען אין אַליוועך ספּרינגס, און דעם 18־טען אין קאָול קריק.

דער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעשיקט עטליכע קאָמפּאַניעס מיליץ, אָבער די אַרבייטער האָבען זיי אָפּגעשטעלט אין מיטען וועג, ביי זיי צוגענומען די וואַפען, און אָפּגעשיקט צוריק. טע־לעגראַף דראָטען זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען, און באַהן רעלסען

אויפגעריסען געוואָרען. די מינען ארבייטער האָבען געהאַט אַן אבסאָלוטען קאָנטראָל, ביז ענדליך זיינען געגען זיי ארויסגעשיקט געוואָרען די גאַנצע מיליץ פון דער שטאַט. דאַמאָלסט זיינען די סטרייקערס באַזיגט געוואָרען, און אומבאַרמהערציג באַשטראָפט געוואָרען. ניט ווייניגער ווי 500 ארעסטען זיינען געמאַכט געוואָרען אין עטליכע טעג צייט. צעהנדליגע פון די ארעסטירטע זיינען געוועזן אָנגעקלאָגט אין מאָרד און פארשוועררונג. שולעס און קירכעס זיינען פארוואַנדעלט געוואָרען אין טורמעס. דער אויפשטאַנד פון די ארבייטער איז אונטערדריקט געוואָרען, און רוה האָט ווידער געהערשט אין טעננעסי.

דער וויכטיגסטער און דער סענסאַציאָנעלסטער פון אַלע סטרייקס אין יענער צייט איז געוועזן דער פולמאַן אָדער שיקאַגאָ סטרייק פון 1894. די שטעדטעל פולמאַן איז געגרינדעט געוואָרען ניט ווייט פון שיקאַגאָ אין דעם יאָהר 1889, דורך דעם בארימטען פאַבריקאַנט פון די פולמאַן וואַגאָנען, דזשאָרדזש מ. פולמאַן. די שטעדטעל איז געוועזן באַזאָרגט מיט וואוינונגען, שולעס, קירכעס, קראָמען, און ביבליאָטעקען, נאָך דער לעצטער מאָדע, אָבער זיי אַלע האָבען געהערט צו דער פולמאַן קאָמפּאַני. דאָס איז ניט געוועזן קיין פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג, ווי די באַרימטע קאָלאָניע ניו לאַנארק, וואָס אָווען האָט געבויט, נאָר אַ ריין געשעפטס אונטערנעמונג, וועלכע האָט זיך זעהר גוט באַצאָלט. צו דער קאָמפּאַניע האָבען געהערט ניט בלויז די וואוינונגען, נאָר אויך די גאַז, וואַסער, און אַלע אַנדערע באַדערפנישע און באַקוועמליכקייטען פאר די איינוואוינער. און עס פארשטעהט זיך, אַז זי האָט זיך געלאָזט גוט באַצאָלען פאַר דעם. דער לוין פון די ארבייטער איז געוועזן זעהר נידריג, און די שטעדטעל איז אַלעמאָל געוועזן איבער'ן קאָפּ פארשולדיגט צו דער קאָמפּאַניע. אין פריהלינג פון 1894 זיינען די ארבייטער געוועזן שולדיג דער קאָמפּאַניע 80,000 דאָלער פאר דירע געלט אליין, און זעהר אָפט פלעגט דאָס פּאַסירען אַז נאָכדעם ווי מען האָט ביים ארבייטער אָראָפּגענומען די דירע געלט פון זיין לוין איז איהם גאָרניט איבערגעבליבען.

אָט אונטער די אומשטענדען האָט עס פּאַסירט, אַז די קאָמ־

פּאַניע האָט אַנאָנסירט אַז זי גּעהט אַרונטערשניידען דעם לוין פון די אַרבייטער אויף אַן ערך פון 25 פּראָצענט. די אַרבייטער האָבען זיך ענטזאָגט אָנצונעמען דיזע פאַרקלענערונג אין זייערע פאַרדינסטען, און זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון זייערע שטעלעס. איינינע פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען צו ווירקען אויף דער קאָמפּאַניע זי זאָל איבערגעבען די אַנגעלעגענהייט צו אַרביטריישאָן (אַ פּשרה), אָבער אויף יעדען פאַרזוך האָט די קאָמפּאַניע אימער געענטפערט: „מיר האָבען ניט וועגען וואָס צו אַרבעטרירען.“

דיזע סיטואַציע האָט אָנגעהאַלטען פילע וואָכען. דאַן האָט די אַמעריקאַן רעילוועי יוניאָן, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די פּולמאַן אַרבייטער, איבערגענומען די אַנגעלעגענהייט אין איהרע הענט.

די אַמעריקען רעילוועי יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען אין יוני 1893 דורך די אונערמידליכע אַרבייט פון יודזשין וו. דעבס. אין איהר זיינען געווען פאַראייניגט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס פון באַהן אָנגעשטעלטע, און אין 1894 האָט זי געצעהלט ניט ווענינער ווי 150,000 מיטגלידער. דער יעהרליכער צוזאַמענפאָהר פון דיזער יוניאָן אין שיקאַגאָ, אין יוני 1894, האָט באַשטימט אַ קאָמיטעט צו בעטען דער פולמאַן קאָמפּאַני זי זאָל איינוויליגען פאָרצולייגען די קריוודעס פון די אַרבייטער פאַר „אַרביטריישאָן“. די קאָמפּאַניע האָט ניט געוואָלט הערען דערפון, און דער צוזאַמענפאָהר האָט מיט גרויס ענטוזיאַזם באַשלאָסען צו באָיקאָטירען די פולמאַן וואַגאָנען און ניט צו אַרבייטען אויף באַהנען צו וועלכע דיזע וואַגאָנען זיינען צוגעטשעפּעט.

דער קאַמף איז איצטער געוואָרען אַן אַלגעמיינער. געפיהרט דעם סטרייק האָט יודזשין וו. דעבס, וועלכער האָט אַרויסגעצייגט פעהיגקייט און מוט. געגען די אַרבייטער איז געשטאַנען די „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאָן“, אַן אָרגאַניזאַציע פון די וויכטיגסטע באַהן קאָמפּאַניעס, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען הויפּטזעכליך צו רעדוצירען דעם לוין פון די אַרבייטער אויף אַלע באַהנען. דער סטרייק איז געוואַקסען, און זיך פאַרשפּרייט מיט יעדער שטונדע. אין עטליכע טעג צייט איז דער באַהן פאַרקער אין שיקאַגאָ, סינסינעטי, קליוולענד, אָמאַהאַ, סאַן פראַנציסקאָ,

און אין פילע אַנדערע וויכטיגע פונקטען פון דער מיטעל און ווייטער וועסט, פּאַראַליזירט געוואָרען. דער טראַנספּאָרט פון פלייש און פּראָדוקטען איז געשטערט געוואָרען, און פילע אינ־דוסטריען איבער'ן גאַנצען לאַנד זיינען געוואָרען פאַרקריפּעלט. עס האָט אויסגעזעהן, אַז די אַרבייטער וועלען זיכער זיגען. אָבער פּלוצלינג האָבען זיך די געריכטען אַריינגעמישט און האָבען אַרויס־געגעבען „אינדזשאַנקשאַנס", וועלכע האָבען פאַרבאָטען די סטריי־קערס אָנצוהאַלטען זייער באָיקאָט אויף די פּולמאַן וואַגאָנען. די ערשטע „אינדזשאַנקשאַנס" האָבען אַרויסגעגעבען די ריכטער וואוד און גוסקאָף אין שיקאַגאָ, און די ריכטער אין אַנדערע שטאַטען האָבען שנעל נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל.

די לאַגע איז געווען זעהר אַן ערנסטע. דאַן האָט דער פּרעזי־דענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, טראָץ דעם פּראָטעסט פון גובערנאַטאָר אַלטגעלד, פון אילינאָיס, אַריינגעשיקט סאָלדאַטען אין דעם שטאַט, און אַרויסגעגעבען פּראָקלאַמאַציעס צו די „גוטע" ביר־גער פון שיקאַגאָ, נאָרטה דעקאָטאַ, מאָנטאַנא, איידעהאָ, וויאָמינג, וואַשינגטאָן, קאָלאָראַדאָ, קאַליפאָרניאַ, ניו מעקסיקאָ, און יוטאַה, זיי זאָלען זיך האַלטען פרידליך, און ניט אַרויסגעהן אין די גאַסען. דיזע פּראָקלאַמאַציעס, און די אָנוועזענהייט פון די סאָלדאַטען און די מיליץ, האָבען פאַקטיש געשטעלט דיזע גרויסע טייל פון לאַנד אין אַ קריגס־צושטאַנד. אָבער טראָץ דיזע שטרענגע מיטלען, און פיליכט צוליב זיי, זיינען פאָרגעקומען אומרוהען און גוואַלד־טאַטען אין פילע פּלעצער.

דערווייל האָט דער יונייטעד סטייטס דיסטריקט אַטוירני (פּראָקוראָר) פון שיקאַגאָ, אויפ'ן באַפעהל פון דעם אַטוירני דזשע־נעראַל אין וואַשינגטאָן, פאָרגעלייגט קלאַגען געגען דעבס'ן, און די אַנדערע סטרייק פיהרער, פאַר אַ ספּעציעלער גרענד דזשורי. די באַשולדיגטע זיינען פאַרהאַפטעט געוואָרען און געשטעלט גע־וואָרען אונטער אַ שווערען „בעיל" (זאַלאָג, קאַוציע). גלייך נאָך זייער ענטלאַסונג זיינען זיי ווידער פאַרהאַפטעט געוואָרען אויף דער קלאַגע פון געריכטס באַליידיגונג. דיזען מאָל האָבען דעבס און זיינע חברים זיך ענטזאָגט איינצולייגען „בעיל", און זיי זיינען

איינגעשפּאַרט געוואָרען אין געפענגניש ביז'ן פּראָצעס. דער סטרייק איז געבראָכען געוואָרען. „ניט די אייזענבאַהנען און ניט די מינען האָבען אונז באַזיגט, נאָר די מאַכט פון די געריכטען פון די פאַר־איינינגטע שטאַטען", האָט דעבס שפּעטער ערקלערט פאַר א סטרייק קאָמיטעט, וועלכע האָט אונטערזוכט דיזען באַרימטען ארבייטער קאַמף.

אין דעם סטרייק זיינען צוועלף מענשען דער'הרג'עט געוואָרען; 515 מענשען זיינען פאַרהאַפטעט געוואָרען פון דער פּאָליציי, און 190 זיינען ארעסטירט געוואָרען דורך די יונייטעד סטייטס געריכטען. דער שאָדען וואָס דער סטרייק האָט פאַראורזאַכט אין גאַנצען לאַנד ווערט געשאַצט אין אכציג מיליאָן דאָלער.

אין מאָנאַט סעפּטעמבער פון דעם זעלבען יאָהר איז דעבס גע'משפּט געוואָרען אויף דער קלאַגע פון געריכטס באַליידיגונג. ער איז געפונען געוואָרען שולדיג און פאַר'משפּט געוואָרען צו זעקס מאָנאַטען טורמע.

די סטרייקס וועלכע מיר האָבען דאָ אין קורצען געשילדערט איז בשום אופן ניט די פולע ליסטע פון די העפטיגסטע קעמפּע צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, מיט וועלכע די לעצטע יאָהרען פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָבען זיך אויסגעצייכענט. עהנליכע סטרייקס זיינען פון צייט צו צייט פאָרגעקומען אין פאַרשידענע טיילען פון לאַנד, און די מעהרסטע פון זיי האָבען געהאַט דעם זעלבען כאַראַקטער. זיי זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען אויף א גרויסען מאַסשטאַב, און אָפט האָבען זיי אויפגעטרייסעלט דעם אינדוסטריעלען פונדאַמענט פון לאַנד. אין די מעהרסטע פעלע האָבען זיי אָנגעהאַלטען א קורצע צייט, און זיי זיינען אונטערדריקט געוואָרען דורך דער הילפע פון דער לאָקאַלער פּאָליציי, די שטאַאט מיליץ, און פעדעראַלע סאָלדאַטען. דער „אינדזשאָנקשאָן", וועלכער האָט זיך ארויסגעצייגט אלס א גוטע וואַפע אין דעם שיקאַגאָר סטרייק, איז שנעל געוואָרען א ליבלינגס מעטאָדע צו באַקעמפען סטרייקס, און ער איז באַנוצט געוואָרען אין יעדען וויכטיגען ארבייטער קאַמף. די פראַזע „רעגירונג דורך אינדזשאָנקשאָנס", וועלכע האָט געשפּילט אזא פּראָמינענטע ראָלע אין דער פּאָליטי־

שער געשיכטע שפעטער, איז געבאָרען געוואָרען אין יענער פעריאָדע.

מיט זעהר וועניג אויסנאַמען, האָבען זיך די סטרייקס געענ־דיגט מיט א נידערלאַגע פאַר די ארבייטער.

דיזע פאַסירונגען האָבען געשאַפען א געוויסע אומצופרידענ־הייט מיט די עקזיסטירענדע אָרדנונג צווישען גרויסע טיילען פון דעם ארבייטער קלאַס, וועלכע זיינען דורך דעם צוגעפערטיגט גע־וואָרען פאַר די לעהרען פון סאָציאַליזם. דיזע אומצופרידענהייט האָט זיך ניט באַגרעניצט בלויז אויף די ארבייטער אין די שטעדט; די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט געהאַט איהרע אייגענע קריוודעס. די צאָהל פון ערד ארבייטער, די גערונגענע „פאַרם הענט", האָט זיך פיל פאַרמעהרט, און זייער שיקזאַל איז אין פילע פעלע געווען ערגער ווי דער שיקזאַל פון די ארבייטער אין אינדוסטריען. און זאָגאַר דער אומאָפּהענגיגער פערמער האָט געהאַנט א זעהר שווערען קאַמף א לעבען צו מאַכען. אין די לעצטע יאָהרען פון דעם 19־טען יאָהרהונדערט זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דעם פערמער. די גרויסע ענטוויקלונג פון די באַהן ליניעס און די וואונדערבארע פאַרבעסערונגען אין טראַנספּאָרט מיטלען האָבען געשאַפען א נאַציאָנאַלען מארק פאַר אקערבוי פּראָדוקטען אין דיזער לאַנד, און דער פערמער איז אריינ־געצויגען געוואָרען אין דעם קעסעל־גרוב פון אינדוסטריעלע קאָנ־קורענץ, פּונקט אַזוי ווי דער פאַבריקאַנט אין שטאָדט.

„דער פערמער איצטער," האָט געשריבען א. מ. סימאָנס אין 1902, „פּראָדוצירט א ספּעציעלען סאָרט סחורה, ניט ווייל ער ערוואַרטעט צו האָבען דערפון אייגענע נוצען, נאָר ווייל ער האָפּט דאָס צו פאַרקויפען אויפ'ן אַלגעמיינעם מארק, און מיט די געלט קויפען די זאכען וועלכע ער דאַרף האָבען פאַר זיין געברויך אויף דעם זעלבען מארק. ער איז א ספּעציאַליסט, וועלכער פּראָדוצירט צו פאַרקויפען, און ניט איינער וואָס באַשאַפט זאכען פאַר זיין אייגענעם געברויך. זיין קונד איז ניט א פּערזאָן וועלכער דאַרף האָבען דאָס וואָס ער באַשאַפט, נאָר א גרויסער וועלט מארק, וואו עס הערשט קאָנקורענץ".

אויף דער פערמע איז פאַרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. מען האָט דאָרטען אָנגעפאַנגען צו ספּעציאַליזירען אין פּראָדוקטען, און דערצו האָט זיך נאַטירליך געפאָדערט מעהר קאָסטבאַרע געצייג און מאַשינעריי. דער פערמער איז אוועקגערוקט געוואָרען ווייט פון זיינע קונדען אין שטאָדט, און ער איז איצט געווען אין די הענט פון די באַהנען, די קאָמיסיאָנערען, און באַנקירען.

וואָס אַ יאָהר מעהר, איז דעם פערמער אַלץ שווערער געוואָרען אַ לעבען צו מאַכען, און די צאָהל פון פערמערס וואָס האָבען געמוזט פאַרזעטצען זייערע פערמעס האָט זיך שרעקליך שנעל פאַרמעהרט. אין 1890 זיינען די פערמערס פון לאַנד שולדיג געווען אויף „מאָרגעדזשעס" (זאַקלאַדנאַיע), פאַר'משכנ'ענדיג ניט ווענינער ווי אַ ביליאָן און קנאַפּע 96 מיליאָן דאָלער, און אויף דיזען ריזיגען חוב האָבען זיי געמוזט צאָהלען מעהר ווי זיבען פּראָצענט. בלויז 47 פּראָצענט פון די פערמערס זיינען געווען פריי פון שולדען. פון די איבעריגע 53 פּראָצענט האָבען 34 פּראָצענט געדונגען זייערע פערמעס, און זיינען געווען בלויז ארענדאַטאָרס, און די אַנדערע 19 פּראָצענט האָבען געהאַט „מאָרגעדזשעס". די רענט און די פּראָצענט האָבען אויפגעגעסען די איינקינפטע און איבערגעלאָזען פאַר'ן פערמער קוים גענוג אויף צו דערהאַלטען די נשמה. דער דורכשניטליכער פאַרדינסט פון דעם אַמעריקאַנער פערמער איז געווען צוויי הונדערט דאָלער אַ יאָהר.

אונטער דיזע אינדוסטריעלע אומשטענדען, און טיילווייז אַלס אַ רעזולטאַט פון זיי, האָט זיך אָנגעפאַנגען שנעל צו ענטוויקלען אַ נייער ראַדיקאַלער גייסט אין דעם סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבען פון לאַנד. דער גייסט האָט זיך געלאָזט פיהלען דורך פאַרשידענע וועגען. דעם שטאַרקסטען אויסדרוק האָט ער געפונען אין די נאַציאָנאַליסטישע און פּאָפּוליסטישע באַוועגונגען.

די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך באַגרינדעט אויף בעלאַמי'ס באַרימטען אוטאָפּיסטישען ראָמאַן „לוקינג בעקוואַרד" (אין הונדערט יאָהר אַרום). עדוואַרד בעלאַמי איז געבאָרען געוואָרען אין 1850 אין טשיקאָפּי פאָלס, מאַססאַטשוסעטס. זיין פאָטער איז געווען אַ גלח. ער האָט געשטודירט פאַר אַדוואָקאַט,

אָבער ער האָט אויפגעגעבען זיין פּראָפעסיע און זיך גענומען צו ליטעראַטור. ער האָט געשריבען עטליכע ראָמאַנען, וועלכע האָבען גע־האָט בלויז א מעסיגען ערפאָלג. אין 1887 האָט ער אפגעדרוקט זיין „לוקינג בעקוואָרד“. דער אָריגינעלער פּלאַן זיינער, זאָגט מען, איז ניט געווען צו באהאנדלען סאָציאַלע אָדער אינדוסטריעלע פּראַגען. ער האָט בלויז געוואָלט שרייבען א מין פאבעל, א פאנ־טאַזיע, וועגען א לאַנד וואו עס הערשט האַרמאָניע און גליק. אָבער ווען ער האָט דאָס ווערק גענומען שרייבען האָט זיך ביי איהם אַנט־וויקעלט דער געדאַנק, אַז די פאַנטאַזיע קען אָנגעווענדעט ווערען אויף דער ווירקליכקייט. דער ראָמאַנען שרייבער האָט זיך ביס־לאַכווייז אונטערגעגעבען צו סאָציאַלע רעפאָרמען, און זיין געפּלאַנ־טע קונסט ווערק איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין סאָציאַלע און פּאָליטישע אָפּהאַנדלונג.

בעלאַמי איז ניט באקאַנט געווען מיט דער מאָדערנער סאָציאַ־ליסטישער פילאָזאָפיע ווען ער האָט זיין בוך געשריבען. זיינע אנשויאונגען און טעאָריעס זיינען געווען דער רעזולטאַט פון זיינע אייגענע בעאָבאַכטונגען און פון זיין אייגענעם דענקען. און אַזוי ווי אַנדערע אוטאָפּיסטען, האָט ער געבויט אַ גאַנצען סאָציאַלען פּלאַן וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף אַן איינציגען געדאַנק. דיזער געדאַנק זיינער איז געווען „אַן אינדוסטריעלע אַרמיי, וועל־כע זאָל אויפהאַלטען די געזעלשאַפט, פּונקט אַזוי ווי איצטער איז דאָ אַ מיליטערישע אַרמיי וועלכע באשיצט די געזעלשאַפט.“ „וואָס קען זיין מעהר איינפאַך און מעהר באשטימט, דיזער פארשלאַג אויסצופּרובירען צי דער זעלבער פּלאַן, וועלכער האָט זיך אַרויס־געציינט פאַר פאַרניכטונגס צוועקען, קען ניט אָנגעווענדעט ווערען פאַר פּראָדוקציאָן, וועלכע איז איצטער אַזוי שרעקליך אומאָרגאַ־ניזירט?“

די היסטאָרישע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, און די טעאָריע פון קלאַסען קאַמף, וועלכע פאַרנעמען אַזאַ וויכטיגען פּלאַץ אין דער פילאָזאָפיע פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, ווערען איג־נאָרירט אין בעלאַמי'ס סיסטעם. ביי איהם איז דאָס גאַנצען איינגאַנצען אַ פראַגע פון פּלאַנמעסיגקייט. ער איז ניט קיין אויס־

פאַרשער פון די געזעצען פון סאָציאַלע ענטוויקלונג, נאָר ער איז אַ סאָציאַלער ערפינדער.

אָבער גראָדע דיזער פונקט, וועלכער וואָלט געווען אַ שוואַכ־קייט אין אַ וויסענשאַפטליכע ווערק, האָט ניט אָפּגעשוואַכט דעם ערפאָלג פון דעם ראָמאַן. „לוקינג בעקוואַרד" איז געשריבען גע־וואָרען אין אַ פליסיגען אנגענעהמען סטיל. ער איז געווען אָריגי־נעל, און האָט אָנגעריהרט אַ לעבעדיגע סטרונע אין די הערצער פון פאָלק. דער בוך איז גלייך געוואָרען די ליטעראַרישע סענסאַ־ציע פון טאָג. אין עטליכע יאָהר צייט האָט ער זיך פאַרקויפט אין אַ האַלבען מיליאָן עקזעמפּלאַרען אין אַמעריקאַ אַליין, און ער איז איבערזעצט געוואָרען אין כמעט אַלע מאָדערנע שפּראַכען.

אַ „בעלאַמי קלוב" איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין באָסטאָן גלייך נאכדעם ווי דער בוך איז ערשינען, און אין 1888 האָט דער קלוב געביטען זיין נאָמען „נאַציאָנאַליסטישער קלוב". דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג. ענג־ליכע קלובען זיינען געגרינדעט געוואָרען אין יעדען טייל פון לאַנד. אין 1891 האָבען עקזיסטירט ניט ווייניגער ווי 192 נאַציאָנאַליס־טישע קלובען. די פאָלגענדע שטעלע אין בעלאַמי'ס בוך ערקלערט ווארום דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליסטיש" איז אָנגעווענדעט געוואָרען אויף דיזער באַוועגונג.

„. . . דאָס רופט זיך „נאַציאָנאַליזם", ווייל די אָרדנונג ווערט איינגעפיהרט דורך דער נאַציאָנאַליזירונג פון אינדוסטריען און דורך די אָנווענדונג פון דעם זעלבען פרינציפּ אויף דעם, אז די שטעדט און דער שטאַט זאָלען אָנפיהרען די לאָקאַלע געשעפטען. דער סאָציאַליזם זוכט די סאָציאַליזירונג פון אינדוסטריע. סאָציאַ־ליזירונג קען געמאַכט ווערען אויפ'ן גרונד פון דער נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט אָדער פון אַן אַנדער קערפּערשאַפט, און אַמאָל קען דאָס פיהרען צו עקאָנאָמישע גלייכהייט און אַמאָל ניט. נאַציאָנאַ־ליזם טייטשט אויס דעם ציל פיל קלעהרער. ער שליסט ניט אויס, און ער איז ניט אין אָפּאָזיציע צום סאָציאַליזם, נאָר מיר געברויכען דאָס וואָרט, ווייל דאָס וואָרט „סאָציאַליזם" איז ניט קלאָהר, און ווערט פאַרטייטשט פאַרשידען פון פאַרשידענע מענשען".

די נאַציאָנאַליסטישע קלובען זיינען הויפּטזעכליך פּראָפּאַגאַנדא אָרגאַניזאַציעס. אין פּאָליטיק האָבען זיי זיך וועניג באַטייליגט. צייטענווייז פלעגען זיי ארויסשטעלען אייגענע קאַנדידאַטען, אָבער אין די מעהרסטע פעלע פלעגען זיי העלפען די פּאָפּוליסטען.

די פּאָפּוליסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אין קענזעס סטייט, וואו אַן אויפרוף פאַר אַ צוזאַמענפאָהר פון אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטען איז ארויסגעגעבען געוואָרען דעם 30־טען אַפּריל 1890. דער צוזאַמענפאָהר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין יוני פון דעם זעלבען יאָהר. ניינציג דעלעגאַטען זיינען געקומען. זיי האָבען פאַרטראָטען „דעם פעראַמערס אַליאַנס", „די נייטס אָוו לייבאָר", „סינגעל טעקס קלובען", און אַנדערע רעפאָרם אָרגאַניזאַציעס. די „פּיפּעל'ס פּאַרטיי אָוו קענזעס" איז אָרגאַניזירט געוואָרען, און ביי די נעקסטע שטאַט וואַהלען איז איהר געלונגען צו ערוועהלען אַ מאַיאָריטעט אין דער נידעריגער הויז פון שטאַט פּאַרלאַמענט. די באַוועגונג האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער אַלע שטאַטען פון די וועסט און די מיטעל וועסט, און אין מאַנכע שטאַטען אין די סאוטה. אין 1891 איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָהר אין סינסינעטי. דאָרטען זיינען געקומען 1,418 דעלעגאַטען. די מעהרסטע פון זיי האָבען פאַרטראָטען די פאָלגענדע שטאַטען: קענזעס, אָהייאָ, אינדיאַנא, איליניאָיס, מיזורי און נעבראַסקא.

דער נעקסטער צוזאַמענפאָהר פון דער פּאַרטיי איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אָמאַהא, נעבראַסקא, אין 1892. ער האָט שוין געטראָגען אַ מעהר נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. עס זיינען צו איהם געקומען דעלעגאַטען פון אַלע טיילען פון לאַנד. דער צוזאַמענפאָהר האָט פאָרמולירט אַן אייגענע פּלאַטפאָרמע, און נאָמינירט אַן אייגענעם פּרעזידענט קאַנדידאַט.

די „פּיפּעלס פּאַרטי" איז געווען הויפּטזעכליך אַן אָרגאַניזאַציע פון און פאַר די קליינע פעראַמערס, און זי האָט זיך ענטוויקעלט הויפּזעכליך אין די וועסט און אין די מיטעל־וועסט. אָבער וועהרענד די פיהרער פון דער באַוועגונג האָבען אַנערקענט דעם

כאראַקטער פון דער פּאַרטיי און האָבען אין אַלע עפּענטליכע ער־קלערונגען אונטערשטראָכען די אינטערעסען פון די פערמער באַ־פּעלקערונג, האָבען זיי אָבער פאַרשטאַנען, אַז די פּאַרטיי וועט ניט קאָנען שפּילען אַ באַדייטענדע ראָלע אין נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אָהן דער הילף פון די ארבייטער אין די איסט, און זיי האָבען געזוכט צו געווינען די שטיצע פון די ארבייטער.

„אייגענטום געהערט צו דעם וועלכער באַשאַפט עס", האָט ערקלערט די אָמאַהאַ פּלאַטפּאָרמע, „און יעדער דאָלער וואָס ווערט אוועקגענומען פון אינדוסטרי אָהן אַ באַלוינונג איז רויבעריי. די אינטערעסען פון די ארבייטער אין דאָרף און אין שטאָט זיינען די זעלבע; זייערע פיינד זיינען די זעלבע".

אין די פּרעזידענט וואַהלען פון 1892 האָט די „פּיפּעלס פּאַרטי" געצויגען אַ מיליאָן שטימען פאַר איהר קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, גענעראַל וויוועך, און אין 1894 האָט זי געצויגען איבער אָנדערהאַל־בען מיליאָן שטימען. אָבער אין 1896, ווען וויליאם דזש. ברייען איז נאָמינירט געוואָרען פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אויף אַ פּלאַטפאָרמע פון „פרייע זילבער", האָבען די פּאָפּוליסטען ניט ארויסגעשטעלט קיין געגנער קאַנדידאַטען, און האָבען אונטער־שטיצט ברייענען. אַט דאָס האָט פאַקטיש געטויטעט די פּאַרטיי, און פון דאַן אָן איז זי פאַקטיש צופאַלען. נאָך 1896 איז די גרע־סערע טייל פון דער פּאַרטיי געבליבען אַ טייל פון דער דעמאָקראַ־טישער אָרגאַניזאַציע. די מעהר ראַדיקאַלע עלעמענטען האָבען זיך אָפּגעריסען פון דער אָרגאַניזאַציע, און האָבען אָרגאַניזירט אַן אייגענע פּאָליטישע פּאַרטיי. אין די וואַהלען פון 1900 האָט זייער פּרעזידענט קאַנדידאַט, מר. באַרקער, געצויגען עטוואָס מעהר ווי פופציג טויזענט שטימען.

אין פאַרבינדונג מיט די רעפאָרם באַוועגונגען, וואָס מיר האָבען דאָ פאַרשריבען, מוזען אויך דערמאָנט ווערען קריסטליכער סאָציאַליזם און פאביאַן סאָציאַליזם. דיביידע באַוועגונגען זיינען ערשינען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין אַט דיזער פּעריאָדע וועגען וועלכער מיר רעדען. וועהרענד זיי האָבען ניט געהאַט אויף די סאָציאַלע און פּאָליטישע אַנשויאונגען פון פאָלק דעם זעלבען

איינפלוס ווי דער נאַציאָנאַליזם אָדער פּאָפּוליזם, האָבען זיי דאָך בייגעשטייערט ביז אַ געוויסען גראַד צו דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם אין דיזער לאַנד.

אין די אייראָפּעאישע לענדער האָט די שולע פון קריסטליכען סאָציאַליזם שוין געהאַט עקזיסטירט מעהר ווי פופציג יאָהר, און האָט אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען. אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָט זיך די באַוועגונג באַוויזען אין 1889. דאַמאַלסט האָט זיך געגרינדעט די געזעלשאַפט פון קריסטליכע סאָציאַליסטען אין באָסטאָן. באַלד האָט זי זיך פאַרצווייגט אין אַנדערע עטליכע שטעדט, הויפּטזעכליך אין די איסט.

די לעהרען פון די קריסטליכע סאָציאַליסטען פון יענער צייט זיינען אויסגעדריקט אין דער פאָלגענדער ערקלערונג, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון דער פּרינציפּען-ערקלערונג פון דער אָרגאַניזאַציע:

„1. מיר גלויבען, אַז גאָט איז דער קוואַל און דער פיהרער פון דעם מעשליכען פראָגרעס, און מיר גלויבען, אַז אַלע סאָציאַלע, פּאָליטישע און אינדוסטריעלע באַציהונגען מוזען זיך שטיצען אויף גאָט אַלס דער פאָטער, און אויף מענשען אַלס ברידער אין דעם גייסט און נאָך די לעהרען פון יעזוס קריסטוס.

„2. מיר גלויבען, אַז די איצטיגע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע סיסטעם שטיצט זיך ניט אויף דעם, נאָר ער שטיצט זיך אויף דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג".

די צילען פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אין די פאָלגענדע ווערטער:

1. צו איבערצייגען, אַז דער ציל פון סאָציאַליזם איז איינגעשלאָסען אין דעם ציל פון קריסטענטום.

2. צו ערוועקען די מיטגלידער פון די קריסטליכע קירכעס זיי זאָלען איינזעהן, אַז די לעהרען פון יעזוס קריסטוס פיהרען דירעקט צו אַ פאָרמע פון סאָציאַליזם, און אַז דאַרום האָט די קירכע אַ באַשטימטען פליכט אין דיזען הינזיכט, און זי מוז העלפען פאַרווירקליכען די סאָציאַלע פּרינציפּען פון קריסטענטום".

דיזע געזעלשאפט האָט קיין איינפלוס קיינמאָל ניט געקראָגען, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָפּגעמוטשעט אייניגע יאָהר, איז זי פאַנאַנדערגעפאַלען. די באַקאַנטסטע אין דיזער באַוועגונג אין אַמעריקא זיינען געוועזען רעווערענד וויליאם ד. פּ. בליסס, פּראָפעסאָר ג. ד. העראָן און פּראָפעסאָר ר. ט. איליי. מר. בליסס איז געוועזען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרס און פון די אַקטיוּוסטע טוער אין דער געזעלשאפט פון קריסטליכע סאָציאַליסטען. אייניגע יאָהר האָט ער ארויסגעגעבען „די דאָון", אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל, אין וועלכען ער האָט אַגיטירט פאַר די פּאָליטישע רעפאָרמען, וואָס די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם האָט אַרויסגעשטעלט, און פאַר די אַל־געמיינע פּרינציפּען פון קריסטליכען סאָציאַליזם. פּראָפעסאָר האָרון האָט געהאַט אַ שטעלע אין אייאָוואַ קאָלעדזש, און ער האָט זיינע פּרינציפּען ערקלערט אין פילע ביכער און בראָשורען, אין פאָרלעזונגען, און זאָגאַר פאַר די סטודענטען אין זיין אייגענעם אוניווערזיטעט. ער האָט אָפען פאַרדאַמט די עקזיסטירענדע אָרד־נונג, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטען ווען עס האָט זיך געהאַנ־דעלט וועגען פּאָזיטיווע טעטיגקייט. זיין סאָציאַליזם איז געוועזען מעהר פון אַן עטישען כאַראַקטער, ווי פון אַ פּאָליטישען. אין שפּעטערע יאָהרען האָט זיך פּראָפעסאָר העראָן ערקלערט אַלס אַן אָנהענגער פון פּאָליטישען סאָציאַליזם, און איז געוואָרען אַ מיט־גליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין דעם זומער פון 1894 האָבען די פּראָפעסאָרען איליי און העראָן אָרגאַניזירט אין טשאַטוקוואַ, ניו יאָרק, דעם אַמעריקאַנער אינסטיטוט פאַר קריסטליכע סאָציאָלאָגיע, וועלכע האָט געזאָלט אַרויסגעבען ליטעראַטור פאַר דער קריסטליך סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג אין קירכען און אין אוניווערזיטעטען. פּראָפעסאָר איליי איז געוועזען פּרעזידענט, פּראָפעסאָר העראָן איז געוועזען דער הויפּט אויפזעהער, און פּראָפעסאָר קאָמינס איז געוועזען סעקרעטער. דיזער אינסטיטוט האָט אויסגעאיבט אַן איינפלוס, אָבער צוליב די פּראָ־טעסטען פון דער קירכע און פון לעהרער אין די אוניווערזיטעטען געגען דעם ראַדיקאַליזם פון פּראָפעסאָר העראָן, איז זי ענדליך דורכגעפאַלען. דער קריסטליך סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פון

שיקאַגאָ, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון עדווין ד. ווילאָק, האָט אויך געהאַט אַ שטיקעל צייט אַ לאָקאַלען איינפלוס. די באַוועגונג אין אַלגעמיין איז אָבער קיינמאָל ניט פיל געוואַקסען, און אין עטליכע יאָהר צייט איז זי אינגאַנצען פאַרשוואונדען.

די פאַביאַן סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז געווען בלויז אַן אומגעלונגענער פאַרזוך נאָכצופאָלגען דעם ביישפּיל פון דער פאַביאַן געזעלשאַפט אין ענגלאַנד. דאָרטען איז זי אָרגאַניזירט געוואָרען אין לאָנדאָן אין 1883 דורך גוט באַקאַנטע סאָציאַליסטען, מיט דעם ספּעציעלען ציל צו ענטוויקלען די אויפקלערונגס ארבייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איהרע מיטגלידער פלעגען אָפּהאַלטען פאַרלעזונגען פאַר קלובען און געזעלשאַפטען, פלעגען דרוקען און פאַרשפּרייטען פאַמפלעטען און בראָשורען, און האָבען מיטגעבראַכט איינייגע וויכטיגע שטאָדט רעפאָרמען אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעדט פון ענגלאַנד.

די אַמעריקאַנער פאַביאַן געזעלשאַפט איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1895. זי האָט געהאַט צווייגען אין ניו יאָרק, באָסטאָן, פילאַדעלפיא, סאַן פראַנציסקאָ און נאָך איינייגע פּלעצער. די געזעלשאַפט האָט ארויסגעגעבען איינייגע בראָשורען און אַ שטיק צייט געדרוקט אַ זשורנאַל מיט׳ן נאָמען „דהי אַמעריקאַן פאַביען”. די לייטענדע גייסטער פון דיזער באַוועגונג זיינען געווען וו. בליסס און לאָרענס גראָנלענד.

אָט די אַלע, און אַנדערע רעפאָרם באַוועגונגען פון יענער צייט, זיינען שנעל פאַרשוואונדען. זיי האָבען אָבער געלאָזען צייכענס אויפ׳ן פּאָליטישען לעבען פון לאַנד. זיי האָבען געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון טויזענטער אַמעריקאַנער בירגער אין אַלע טיילען פון לאַנד צו די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער צייט. פילע האָבען זיך ענטזאָגט פון זייערע טראַדיציאָנעלע אַנשויאונגען און האָבען פאַרלאָזען די אַלטע פּאַרטייען, און ווען די רעפאָרם באַוועגונגען זיינען איינע נאָך די אַנדערע צוזאַמענגעבראָכען, זיינען פילע פון זייערע נאָכפאָלגער איבערגעגאַנגען צום סאָציאַליזם.

2. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַלט פאַנאַנדער.

די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרען אין אַ צייט ווען דער סאָציאַליזם אין דיזער לאַנד איז געווען אַן אַקאַדעמישער געדאַנק, און ניט קיין פּאָפּולערע באַוועגונג. די צאָהל סאָציאַליסטען איז געווען אַ קליינע, און די ביסעל איז באַשטאַנען מייסטענס פון מענשען, וועלכע האָבען זייערע סאָציאַלע אַנשויאונגען געבראַכט פון אייראָפּאַ, ספּעציעל פון דייטשלאַנד. זיי זיינען געקומען וועניג אין באַריהרונג מיט דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, און האָבען זיך גע׳חבר׳ט בלויז איינע מיט די אַנדערע. דער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער אָרגאַניזאַציאָן. די מעטאָדען און די פאַרוואַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי האָבען שטאַרק דערמאָנט אָן אַ רעליגיעזע סעקטע, אָבער בשום אופן ניט אָן אַ פּאָליטישע פּאַרטיי פון די מאַסען.

דיזע אָרגאַניזאַציע איז די ערשטע צייט געווען גוט גענוג. די באַוועגונג האָט אין פאַרלויף פון די ערשטע צוואַנציג יאָהר געמאַכט זעהר וועניג פאָרטשריט צווישען די עכטע אַמעריקאַנער. די פּאַרטיי איז געוואַקסען לאַנגזאַם, און די ביסעל נייע מיטגלידער וואָס זיינען אַריינגעקומען זיינען אַסימילירט געוואָרען.

אָבער די פּאַסירונגען, וועלכע מיר האָבען געשילדערט אין דעם פריערדיגען קאַפּיטעל, האָבען מיטגעבראַכט אַ גרויסע ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקאַ. די באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסען פון איהרע שמאָלע ראַמען, און די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי האָט ניט געקאָנט נאָכקומען די נייע פאָדערונגען. איהר צענטראַליזירטע פאָרם פון אָרגאַניזאַציאָן האָט זיך ניט צוגעפּאַסט צו די פּאָליטישע פאָרמען און טראַדיציעס פון דיזער לאַנד. אַ שטרענגע פּאַרטיי דיס־

ציפלין און פארטיי פרומקייט האָבען צוריקגעהאַלטען די גרויסע מאַסען פון דער באַוועגונג. מען האָט געגומען פיהלען אין דער פּארטיי, אַז אַ גרינדליכע ענדערונג איז נויטיג אום צו מאַכען פאָרטשריט. צום אומגליק, אָבער, האָבען די פיהרער די סיטואַציע ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט. זייער לאַנגע טעטיגקייט אין דער פּארטיי און זייער לאַנגע איבערגעבענהייט צו זייערע מעטאָדען האָבען זיי פארבלענדט די אויגען. זיי האָבען זיך צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז מיטגלידערשאַפט אין דער פּארטיי איז די פּריווילעגיע פון אתה בחרתנו'ניקעס, און זיי האָט זיך ניט געוואָלט עפענען די טירען פאַר די גרויסע מאַסען. זיי האָבען געקוקט אויף נייע אָנ־העגגער מיט אַ באַהאַלטענעם פאַרדאַכט, און האָבען זיך ענטזאַגט לייזער צו מאַכען די שטרענגקייט פון די פארטיי פאָדערונגען צו איהרע מיטגלידער.

זייער שטעלונג צו די טרייד יוניאָן באַוועגונג איז געווען אַ קריגערישע. ווען די סאָציאַליסטישע טרייד און לייבאָר עלייענס האָט זיך אָרגאַניזירט אויף דעם צוזאַמענפאָהר אין 1896, האָבען אייניגע דעלעגאַטען געקוקט אויף דעם מיט שרעק. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז דיזע אָרגאַניזאַציע וועט בלויז אריינברענגען אַ פיינדשאַפט צווישען די יוניאָנס געגען דער סאָציאַליסטישער פארטיי און אַז דאָס וועט אַם ענדע שאַפען אַ וואַנט צווישען דער סאָציאַ־ליסטישער פּארטיי און דער יוניאָן־באַוועגונג.

די פאָרשטעהער פון דער עלייענס האָבען געזוכט צו טרייסטען דיזע דעלעגאַטען מיט דער פאַרזיכערונג, אַז די עלייענס וועט ניט טשעפּען די עקזיסטירענדע יוניאָנס, און דאָס זי וועט באַגרענעצען איהר טעטיגקייט צו אָרגאַניזירען די ניט אָרגאַניזירטע ארבייטער.

אַזוי שנעל, אָבער, ווי דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געשלאָסען, האָבען זיי פאַרגעסען דיזען פאַרשפּרעכען. די סאָציאַליסטישע טרייד און לייבאָר עלייענס האָט כמעט גאָרניט אויפגעטאָן אין אָרגאַניזירען די ניט ארגאַניזירטע ארבייטער. איהר גאַנצע קראַפט האָט זי געצויגען פון די עקזיסטירענדע יוניאָנס, די עלייענס איז אויך ניט געווען פאַרזיכטיג מיט איהרע מעטאָדען, און זי איז

איינציגע מאָל באַשולדיגט געוואָרען אין אָרגאַניזירען סטרייק־ברע־כער געגען די אַלטע יוניאָנס. דאָס האָט, נאַטירליך, אויפגערייצט די אָרגאַניזירטע ארבייטער געגען דער עלייענס, און די פיינדשאַפט האָט איינגעשלאָסען די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי, וועלכע איז באַטראַכט געוואָרען אַלס פּאַקטיש איינס מיט דער עלייענס. אָט אויף אַזאַ אופן איז דאָס געלונגען די פיהרער פון דער סאָציאַ־ליסטישער ארבייטער פּאַרטיי צו מאַכען דעם איינדרוק, אַז די פּאַרטיי איז געגען אָרגאַניזירטע ארבייט און געגען אַלע סאָציאַ־ליסטישע און האַלב־סאָציאַליסטישע עלעמענטען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויסערהאַלב די פּאַרטיי אָרגאַניזאַציאָן.

די מיטגלידער האָבען ניט אימער גוטגעהייסען דיזע מעטאָדען, און פון צייט צו צייט האָבען זיך געהערט פּראָטעסטען. אָבער דיזע אָפּאָזיציע האָט נאָך פאַרשאַרפט די עקשנות פון די מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער שפּיצע פון דער פּאַרטיי. זיי האָבען אָנגעפאַנגען א ביטערען קריג געגען אַלע אין דער פּאַרטיי און אוי־סערהאַלב דער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך ניט געבויגען, אָדער וועלכע האָט ניט געפאָלגט זייערע באַגריפען פון פרומע און סאָציאַליסטישע פּרינציפּען און טאַקטיק. די שפּאַלטען פון דער אָפיציעלער פּאַרטיי צייטונג, „די פּיפּעל", רעדאַקטירט פון דעניעל דע־לעאָן, און דער דייטשער „פאָרווערטס", רעדאַקטירט פון יוגאָ וואָגט, זיינען יעדער וואָך געווען פול מיט אָנגריפען געגען די „קאָרופּטע ,פּיור ענד סימ־פּעל' לייבאָר יוניאָנס", און זייערע „אומוויסענדע און אומעהרליכע פיהרער", און געגען די פּאָפּוליסטען, נאַציאָנאַליסטען און אַנדערע רעפאָרם „פייקערס" (שווינדלער, ליגנער).

צוזאַמען מיט דיזען קרייץ־צוג געגען די „פייקערס" אויסערהאַלב דער פּאַרטיי איז אָנגעפיהרט געוואָרען „א רייניגונג" אין דער פּאַרטיי גופא. פון שטרענגע דיסציפּלין היטער זיינען די פּאַרטיי־באַאַמטע איצטער געוואָרען פּאַנאַטיקער. יעדע עהרליכע קריטיק געגען זייערע האַנדלונגען איז פון זיי באַטראַכט געוואָרען אַלס פאַרראַט. יעדע אויסזעצונג געגען זייערע אַנשויאונגען איז פון זיי פאַרדאַמט געוואָרען אַלס אפיקורסות, און די זינדיגע זיינען באַ־שטראָפט געוואָרען אָהן רחמנות. מיטגלידער זיינען אויסגעשלאָ־

סען געוואָרען צעהנדליגערווייז. גאַנצע סעקציעס זיינען ארויס־געוואָרפען געוואָרען אָהן שום צערעמאָניעס. דיזער „קאָמישער טעראָר", ווי לוסיען סעמיועל האָט דאָס שפּעטער כאַראַקטעריזירט, האָט אָנגעהאַלטען אייניגע יאָהר, און אין 1899 האָט דאָס דער־גרייכט אַזאַ שטופּע, אַז די מיטגלידער האָבען איינפאַך רעוואָלטירט.

דער קריזיס איז פאָרגעקומען איבער אַ מחלקה צווישען דער „ניו יאָרקער פאָלקס־צייטוונג" און די אָפיציעלע פּאַרטיי צייטונגען. די „פאָלקס־צייטונג" האָט קריטיקירט די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו די טרייד יוניאָנס, און עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ פּאָלעמיקע צווישען איהר און די אָפיציעלע פּאַרטיי צייטונגען. אין דער פּאָ־לעמיקע איז שוין אריינגעמישט געוואָרען די פראַגע וועגען אַלע מעטאָדען פון דער פּאַרטיי פּאַרוואַלטונג. די דיסקוסיע איז גע־וואָרען היציגער און שאַרפער יעדע וואָך. די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי האָבען זיך צוטיילט אין פראַקציעס. אין ניו יאָרק, וואו עס איז געוועזען די הויפּט קוואַרטיר פון דער פּאַרטיי און וואו „די פּיפּעל" און די „פאָלקס־צייטונג" זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען, זיינען די פּאַרטיי מיטגלידער געווען איינגעטיילט אין אַן אדמי־ניסטראַציאָנס פראַקציע און אין אַן אָפּאָזיציאָנס פראַקציע.

אין מיטען דיזען סכסוך איז אָנגעקומען דער מאָנאַט יולי 1899, ווען מען האָט געדאַרפט ערוועהלען נייע דעלעגאַטען צו דעם אַל־געמיינעם קאָמיטעט פון סעקציע ניו יאָרק. דיזע וואַהלען האָבען געהאַט מעהר ווי אַ לאָקאַלע באַדייטונג. דער צוזאַמענפאָהר פון 1896 האָט געגעבען דער שטאָדט ניו יאָרק די מאַכט צו ערוועהלען און צוריקצורופען דעם נאַציאָנאַלען סעקרעטער, און די מיטגלידער פון דעם נאַציאָנאַלען עקזעקוטיווען קאָמיטעט, וועלכער האָט ער־וועהלט די רעדאַקטערע פון די פּאַרטיי־צייטונגען. די סאָציאַליסטען פון ניו יאָרק, אַלזאָ, האָבען אין זייערע הענט געהאַט דעם שליסעל צו דער גאַנצער סיטואַציע. דיזע וואַהלען האָבען געדאַרפט דע־מאָנסטרירען די שטאַרקייט פון די פראַקציעס.

דער קאַמף איז געווען אַ לעבעדיגער איבער דער גאַנצער ליניע, און די רעזולטאַטען זיינען ערוואַרטעט געוואָרען מיט דעם גרעסטען

אינטערעס. דער נייער אַלגעמיינער קאָמיטעט האָט זיך פאַרזאַמעלט דעם 8טען יולי, און דאַן האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז די אָפּאָזיציאָן האָט געוואונען אַ מאַיאָריטעט. דער קאָמיטעט איז ווייט ניט נעגאַנגען מיט זיין אַרבייט. גלייך ביים ערוועהלען אַ צייטווייליגען פאָרזיצענדער איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס, און די פאַרזאַמלונג איז אויפגעלייזט געוואָרען אין גרויס אומאָרדנונג.

דעם זעלבען אָוועגט האָבען די אָפּאָזיציאָנס דעלעגאַטען אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף פאַר אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון דעם קאָמיטעט. צו דיזער ספּעציעלער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם 10טען יולי, זיינען געקומען בלויז די אָפּאָזיציאָנס דעלעגאַטען, און זיי האָבען אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיי פאַרוואַלטונג. זיי האָבען ערוועהלט אַ נייעם נאַציאָנאַלען סעקרעטער, נייע מיטגלידער פון דעם נאַציאָנאַלען עקזעקוטיווען קאָמיטעט און אַ רעדאַקטאָר פאַר „די פּיפּעל”. הענרי ל. סלאָבאָדין, וועלכער איז געווען זעהר טעטיג אין אומשטירצען די אַלטע אַדמיניסטראַציע, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס נאַציאָנאַלער סעקרעטער, און ער האָט געפיהרט די פּאַרטיי אין יענער אומרוהיגער צייט מיט גרויס פעהיגקייט.

אין די רייהען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי האָט זיך איצט פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ ברודער־קאַמף. די אַרונטערגעוואָרפענע פּאַרטיי באַאַמטע האָבען ערקלערט די האַנדלונג פון דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט אַלס אומגילטיג, און זיך ענטזאַגט צו פאַרלאָזען זייערע עמטער. די פּאַרטיי באַאַמטע, וואָס זיינען ערוועהלט געוואָרען פון דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט, האָבען זיך ערקלערט אַלס די געזעצליכע ערוועהלטע, און האָבען אָנגעפאַנגען דורכצופיהרען זייערע פליכטען. יעדערער פון די צדדים האָט זיך ערקלערט אַלס די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי. יעדער צד האָט געהאַט זיין אייגענעם נאַציאָנאַלען קאָמיטעט, זיין אייגענעם סעקרעטער, און הויפּט־קוואַרטיר, און יעדער צד האָט געדרוקט אַן אָרגאַן, „דהי פּיפּעל”.

די לאַגע איז געווען עהנליך צו דער לאַגע מיט צעהן יאָהר

פריער, ווען ראָזענבערג און זיינע חברים זיינען ארונטערגעוואָרפען געוואָרען. אין דיזען פאַל, אָבער, איז דער קאַמף געווען אַ פיל שאַרפערער.

פון אָנפאַנג איז די פּאַרוואַלטונג פּאַרטיי געווען שטאַרקער. די אָפּאָזיציאָן האָט געהאַט אָנהענגער בלויז אין די איסט, און אין עטליכע שטעדט אין די וועסט און מיטעל־וועסט. די גרעסטע טייל פון די סעקציעס אין לאַנד זיינען געווען ווענינ באַקאַנט מיט די טענות פון ביידע צדדים, און פילע פון זיי זיינען דערפאַר געבליבען טריי צו די אַלטע פּאַרטיי באַאַמטע. דיזע באַאַמטע, אָבער, האָבען ניט באַזיצט דעם טאַקט און די פעהיגקייט אָנצוהאַלטען זייער שטאַרקע פּאָזיציע. זייער דיקטאַטאָרישער טאָן צו זייערע אייגענע נאָכפאָלגער, און זייערע שימפּס־מעטאָדען צו זייערע געגנער האָבען אָפּגעשטויסען פילע סעקציעס, וועלכע זיינען איינציגווייז איבער־געגאַנגען צו דער אָפּאָזיציע.

אַט דאָס איז געווען דער צושטאַנד אין דער פּאַרטיי ווען די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1899 זיינען אָנגעקומען. יעדערע פון די צו[illegible]ציעס האָט ארויסגעשטעלט קאַנדידאַטען, און יעדערע האָט ערקלערט, אַז איהרע קאַנדידאַטען זיינען די אמת'ע פּאָרשטע־הער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. אין ניו יאָרק איז דער קאַמף אַריינגעטראָגען געוואָרען אין געריכט, און דער געריכט האָט ענטשיידען צו גונסטען דער פראַקציע פון די אַלטע פּאַרטיי באַאַמטע.

דיזע ענטשיידונג איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער אָפּאָ־זיציע. די אָפּאָזיציע האָט דאַמאָלסט אָהן צווייפעל געהאַט די שטיצע פון אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון די מיטגלידער. זי האָט אויך געהאַט אויף איהר זייט מאַנכע פון די וויכטיגסטע פּאַרטיי מענשען, און כמעט די גאַנצע פּאַרטיי פּרעסע. איהר אָרגאַניזאַציע איז גע־וואַקסען, און האָט אין מאַנכע געגענדען צוריקגעוואָונען די סימ־פּאַטיע פון דער ארבייטער באַוועגונג, וועלכע די פּאַרטיי האָט, צוליב די טאַקטיק פון די פריערדיגע באַאַמטע, געהאַט פאַרלאָרען. אָבער איצטער, ווען דער געריכט האָט ענטשיידען געגען איהר,

איז איהר פּאָזיציע פיל אָפּגעשוואַכט געוואָרען. מיטגלידער האָבען ניט געוואוסט וואו זיי זיינען אין דער וועלט. אום צו ברענגען אָרדנונג אין דיזען כאַאָס, האָט דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אַרויס־געשיקט אַן אויפרוף פאַר אַ ספּעציעלען צוזאַמענפאָהר פון אַלע סעקציעס וואָס האָבען איהר געשטיצט. דער צוזאַמענפאָהר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ראָטשעסטער. דער כאַראַקטער פון דעם צוזאַמענפאָהר און די אויפטואונגען האָבען איבערשטייגט אַלע האָפנונגען פון די פיהרער. ניין און פופציג דעלעגאַטען זיינען אנוועזענד געווען, און די זיצונגען האָבען זיך געצויגען פינף טעג נאָכאַנאַנד. יעדע פראַגע וועגען פּרינציפּ, אָרגאַניזאַציאָן, מעטאָדע און טאַקטיק איז גרינדליך דיסקוטירט געוואָרען. די פּאַרטיי איז געווען אין איינקלאַנג מיט די מאָדערנע פאָדערונגען פון דער באַוועגונג.

די ערשטע זאַך כמעט וואָס דער ראָטשעסטער צוזאַמענפאָהר האָט געטאָן, איז געווען זיך אָפּצוזאָגען פון דער סאָציאַליסטישער טרייד און לייבאָר עליענס, און צו פּראָקלאַמירען איהר סימפּאַטיע מיט די קעמפּע פון אַלע טרייד יוניאָנס, צו וואָס פאַר אַ נאַציאָנ... קערפּערשאַפט זיי זאָלען ניט געהערען. דער צוזאַמענפאָהר האָט אויך אָנגענומען אַ נייע פּרינציפּען־ערקלערונג און נייע רולס וועגען די פאַרוואַלטונג פון דער פּאַרטיי. דער וויכטיגסטער אַקט פון דעם ראָטשעסטער צוזאַמענפאָהר איז געווען די פאָלגענדע רעזאָ־לוציע, וועלכע האָט צוגעגרייט דעם וועג פון פאַראייניגונג מיט דער פּאַרטיי פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען (זעהט דעם נעקסטען קאַפּיטעל):

„די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען, אויף איהר נאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר, שיקט אַ געגאָ־סענשאַפטליכען גרוס צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

„נעמענדיג אין אנבאַטראַכט, דאָס די ענטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין די לעצטע עטליכע יאָהר האָט אָפּגעמעקט אַלע איינטערשיידען פון

פּרינציפּ און אַנשויאונגען צווישען דער סאָציאַליסטישער אַרביי־טער פּאַרטיי און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אוןביידע פּאַרטייען זיינען איצטער פּאַקטיש דאָס זעלבע אין באַצוג צו זייערע פּרינציפּען,טאַקטיק און מעטאָדען;

„נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט, דאָס אום אַנצופיהרען אַן ער־פאָלגרייכען קאַמף געגען די פּאַראייניגטע כחות פון קאַפּיטאַל איז נויטיג, אַז אַלע סאָציאַליסטישע עלעמענטען אין לאַנד זאָלען האַנד־לען איינינ;

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס דיזער צוזאַמענפאָהר גלויבט, דאָס עס איז פאַר די בעסטע אינטערעסען פונ'ם סאָציאַליזם, אַז די סאָ־ציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָלען זיך וואָס גיכער פאַראייניגען אין איין שטאַרקע, האַרמאָנישע פּאַראייניגטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס מיר פאָדערען אויף אַלע איבערגע־בענע און אינטעליגענטע סאָציאַליסטען פון לאַנד אין די רייען פון ביידע פּאַרטייען אָפּצוזאָגען זיך פון אַלע קליינליכע אַמביציעס און פּערזענליכע פאַראורטיילע, צוליב דעם גרויסען ציל, און אָנצופאַנ־גען אונטערהאַנדלונגען פאַר א פאַראייניגונג פון ביידע פּאַרטייען, און דיזע פאַרהאַנדלונגען זאָלען אָנגעפיהרט ווערען ניט מיט דעם געפיהל פון פאַרהאַנדלען מיט א געגנער פון וועמען מען זוכט צו קריגען די בעסטע באַדינגונגען פאַר זיך, נאָר מיט דעם געפיהל פון פאַרהאַנדלען מיט א גלייכען, מיט א פריינד, וועלכער האָט ביז איצטער געטאָן די זעלבע אַרבייט אַליין, און וועלכער זוכט איצטער צו פאַראייניגען זיך אום צו קאָנען די זעלבע אַרבייט טאָן בעסער;

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס אום מיטצובערענגען דיזע פאַראייני־גונג צווישען די צוויי פּאַרטייען, באַשטימט דיזער צוזאַמענפאָהר א קאָמיטעט פון ניין אַלס שטענדיגען קאָמיטעט פון סאָציאַ־ליסטישע פאַראייניגונג, וועלכער זאָל דינען ביז וואַנען די גאַנצע פראַגע וועט געשליכטעט ווערען;

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס דיזער קאָמיטעט זאָל האָבען דאָס רעכט צו שיקען פאָרשטעהער צו דעם נעקסטען נאַציאָנאַלען צוזאַ־

מענפֿאָהר פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און פֿאַרצו־לייגען פֿאַר איהר די רעזאָלוציע, און איינצולאַדען איהר צו באַשטי־מען אַן עהנליכען קאָמיטעט;

„זיי עס באַשלאָסען, דאָס דער פֿאַראייניגונגס אָפּמאַך וואָס דיזער פֿאַראייניגטער קאָניטעט וועט אויסאַרבייטען, איינשליסענדיג די פֿראַגע וועגען אַ פּאַרטיי נאָמען, פּרינציפּען־ערקלערונג און קאָנ־סטיטוציע, זאָל איבערגעגעבען ווערען צו די מיטגלידער פֿוןביידע פּאַרטייען פֿאַר אָפּשטימונג".

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען מיט פֿופֿציג שטימען געגען איינעם, און אַ קאָמיטעט פֿון ניין איז ערוועהלט געוואָרען. פֿאַר'ן שליסען דעם צוזאַמענפֿאָהר האָבען די דעלעגאַטען נאָמינירט קאַנדידאַטען פֿאַר דעם נעקסטען פּרעזידענט וואַהל־קאַמף. דזשאָב הערימען, פֿון קאַליפֿאָרניאַ, אַ פֿעהיגער רעדנער און אַן ערפֿאָלג־רייכער אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער האָט זיך ערוואָרבען אַ נאָמען אין די סאָציאַליסטישע קרייזען דורך זיין ארבייט אויפ'ן פּאַסיפֿישען ברעג, איז נאָמינירט געוואָרען פֿאַר פּרעזידענט, און מעקס העיס, פֿון אָהייאָ, אויך אַ זעהר פּאָפּולערע פּערזאָן אין דער סאָציאַליס־טישער און טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג, איז נאָמינירט גע־וואָרען פֿאַר וויים־פּרעזידענט.

צוליב די פֿאַרהאַנדלונגען וועגען פֿאַראייניגונג מיט דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איז דער קאָמיטעט פֿון פֿאַראייני־גונג באַפֿולמעכטיגט געוואָרען צו מאַכען ענדערונגען אין די נאָמי־נאַציעס אויב זיי וועלען געפֿינען, אַז די לאַגע שפּעטער וועט עס פֿאָדערען.

3. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי

די טאַקטיק און די מעטאָדען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי, וועלכע מיר האָבען געשילדערט אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל, האָט געהאַט אַ דאָפּעלטען רעזולטאַט. זיי האָבען אָפּגעשטויסען פילע אַלטע טוער און דער באַוועגונג וועלכע האָבען זיך צוריקגעצויגען אין גרויסע צאָהלען, און זיי האָבען געמאַכט די אָרגאַניזאַציע אומפּאָפּולער צווישען פיעלע וואָס זיינען באַקעהרט געוואָרען צום סאָציאַליזם.

אין מיטען פון די 90־ער יאָהרען פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָט זיך ביסלאַכווייז אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען אַ נייע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויסערהאַלב די רייען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. זי איז צושפּרייט געוועןן איבער'ן גאַנצען לאַנד, און זי האָט זיך געלאָזט פיהלען אין פאַרשידענע וועגען. די באַוועגונג האָט זיך גרופּירט אַרום אַזוינע אונטערנעמונגען, ווי די וועכענטליכע צייטונגען וואָס דזש. א. ווײלענד האָט אַרויסגעגעבען, ווי, צום ביישפּיל, „דהי קאָמינג ניישאָן", און שפּעטער „דהי אַפּיעל טו ריזאָן", וועלכע האָבען דערגרייכט אַ צירקולאַציע וואָס האָט קיין גלייכען געהאַט אין אַלע פריהערדיגע סאָציאַליסטישע אויסגאַבען אין דיזער לאַנד. די באַוועגונג האָט זיך אויסגעדריקט פאַר דער גרידונג פון סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציע, ווי, צום ביישפּיעל, „דהי ראָסקין קאָאָפּערייטיוו קאָלאָני אָוו טעננעסי", און פאַר דער גרידונג פון אַ צאָהל אומאָפּהענגיגע און האַלב־סאָציאַליסטישע קלובען און אָרגאַניזאַציעס.

דער באַוועגונג האָט אָבער געפעלט אַ קלאָהרער פּראָגרעם. זי האָט זיך גענויטיגט אין אַן ענערגישען און פּאָפּולערען פיהרער וועלכער זאָל קענען צוזאַמענקלייבען די צואוואָרפענע עלעמענטען און זיי צונויפבינדען אין איין אָרגאַניזאַציע. דער מאַן וואָס האָט

די אויפגאַבע ענדליך אונטערגענומען און דורכגעפיהרט איז געווען יודזשין וו. דעבס.

דעבס האָט אימער געהאַט ראַדיקאַלע אַנשויאונגען איבער סאָציאַלע פראַגען. זיינע ערפאַרונגען אין דעם גרויסען שיקאַגאָר סטרייק האָבען זיין ראַדיקאַליזם נאָך שטאַרקער געמאַכט. ער האָט זיך באַנוצט מיט זיין ליידיגע צייט אין געפענגעניש דורכצו־שטודירען די פילאָזאָפיע פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, און ער איז אַרויס פון געפענגניש מיט שטאַרקע נייגונגען צום סאָציאַליזם.

אין דעם וואַהל־קאַמף פון 1896 האָט ער נאָך געשטיצט די קאַנדידאַטור פון מר. ברייען. אין יאַנואַר 1897 האָט ער זיך שוין אָפען ערקלערט אַלס סאָציאַליסט.

די „אַמעריקען רעילוועי יוניאָן" האָט שוין דאַן פאַקטיש אויפ־געהערט צו עקזיסטירען. בלויז אַ קליינע גרופּע אָנהענגער זיינען געבליבען טריי צו דעבס'ן. די איבעריגע מיטגלידער פון דער גע־וועזענער מעכטיגער אָרגאַניזאַציע האָבען זיך רעאָרגאַניזירט אויף פּאָליטישע ליניען און באַשלאָסען זיך צו פאַראייניגען מיט דער „בראָדערהוד אָה דהי קאָאָפּערייטיוו קאָמאַנוועלטה", אַ סאָציאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אַן אוטאָפּיסטישען אונטערשלאַג, וועל־כע איז געגרינדעט געוואָרען דורך דער „קאָמינג ניישאָן".

אַ פאַראייניגטער צוזאַמענפאָהר פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שיקאַגאָ יוני דעם 18־טען 1897, און דאָרטען איז געשאַפען געוואָרען אַ נייע פּאַרטיי מיט'ן נאָמען „די סאָציאַל דעמאָקראַטי פון אַמעריקאַ."

די צילען און אַנשויאונגען פון דיזער פּאַרטיי זיינען פון אָנ־פאַנג געווען אומקלאָהרע. איהר פּרינציפּען ערקלעהרונג איז געווען אַ סאָציאַליסטישע. אָבער די הויפּט אויפגאַבען פון טעטיגקייט, וואָס זי האָט זיך געשטעלט, זיינען געווען אין פאַרבינדונג מיט פאַנטאַסטישע קאָלאָניען פּלענער. זי האָט געהאַט אַ פּלאַן צו קאָלאָניזירען אַ שטאַט אין די וועסט, צו פאַרכאַפּען די רעגירונג פון דער שטאַט, און איינפיהרען דאָרטען אַ סאָציאַליסטישע אָרד־נונג. אַ קאָלאָניזאַציאָנס קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרען. אין איהם זיינען אריין קאָלאָנעל ר. דזש. הינטאָן, פון וואַשינגטאָן, ד.

ס., ו. פּ. באַרלענד, פון מישיגען, און ס. פּ. ווילארד, פון מאססאַ־טשוסעטס. עס זיינען געזאַמעלט געוואָרען געלדער צו קויפען די טעריטאָריע, און אין מאַי 1898 האָט דער קאָמיטעט אַנאָנסירט אַז ער האָט געשלאָסען אַלע פּלענער פאַר דער פּארטיי צו קויפען 560 אַקער לאַנד אין קריפּעל קריק, קאָלאָראַדאָ, פאַר דער סומע פון צוויי הונדערט טויזענט דאָלער, פאַר וועלכע עס האָט זיך געניטיגט בלויז אַן איינצאָהלונג פון פינף טויזענט דאָלער.

דיזער קאָלאָניזאַציאָנס פּלאַן פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטי האָט געעפענט די טירען פון דער פּארטיי פאַר אַלערליי סאָציאַלע רעפאָרמער, און אַ געוויסע צאָהל אַנאַרכיסטען, זאָגאר, האָבען זיך אַנגעשלאָסען מיט דער האָפנונג אַז דאָרטען וועלען זיי קענען פאַר־שפּרייטען זייערע טעאָריעס.

אָבער ביסלאַכוויז איז די פּארטיי אריבער אין די הענט פון פּראַקטישע סאָציאַליסטען. פילע פריהערדיגע מיטגלידער, און אייניגע גאַנצע סעקציעס, פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי האָבען זיך אַנגעשלאָסען אַן דער נייער אָרגאַניזאַציע, און זיי, צוזאַמען מיט עטליכע באַוואוסטע פיהרער פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטי, מיט וויקטאָר ל. בערגער אויף דער שפּיצע, האָבען אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג אַז די פּארטיי זאָל זיך אָפּגעבען מיט פּראָ־פּאַגאַנדא און פּאָליטיק אַנשטאַט קאָלאָניזאַציאָנס ארבייט.

אַט דאָס איז געווען דער צושטאַנד ווען די פּארטיי האָט פאַררופען איהר ערשטען צוזאַמענפאָהר אין שיקאַגאָ פאַר דעם 7־טען יוני 1898. צום צוזאַמענפאָהר זיינען געקומען זיבעציג דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען פיער און ניינציג אָפּטיי־לונגען פון דער פּארטיי, און עס איז גלייך קלאָהר געוואָרען אַז ביי דיזען צוזאַמענפאָהר וועט פאָרקומען אַן אָפענער קאַמף איבער דער פראַגע פון פּאָליטיק אָדער קאָלאָניזאַציע.

די דעבאַטע האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָכדעם ווי די פּלאַטפאָרמע קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבען זיין באַריכט. צוויי באַריכטען זיינען פאָרגעלייגט געוואָרען: אַ מאַיאָריטעט באַריכט, וועלכער האָט רעק־קאָמענדירט אַז מען זאָל אויפגעבען דעם קאָלאָניזאַציאָנס פּלאַן און זיך אָפּגעבען מיט סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדא, און אַ מינאָרי־

טעט באַריכט, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגען אַז קאָלאָניזאַציע זאָל בלייבען דער וויכטיגסטער פונקט און דער טעטיגקייט פון דער פּאַרטיי. די דעבאַטע האָט אָנגעהאַלטען ביז האַלב נאָך צוויי פאַר־טאָג, און ביי דער אָפּשטימונג האָבען דריי־און־פופציג געשטימט פאַר דעם מינאָריטעט באַריכט און זיבען און דרייסיג פאַר דעם מאַיאָריטעט באַריכט. גלייך נאָך דער אָפּשטימונג האָט די מינאָ־ריטעט זיך צוריקגעצויגען פון צוזאַמענפאָהר און פאַרלאָזען דעם זאַל, איבערלאָזענדיג די מאַיאָריטעט א פרייע האַנט. די לעצטע האָבען ערוועהלט באַאַמטע, אָנגענומען א פּלאַטפאָרמע, און גע־שלאָסען די זיצונגען. שפּעטער האָט די אָרגאַניזאַציע געגרינדעט צוויי אומבאַדייטענדע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין וואַשינגטאָן, און זי איז בּיסלאַכווייז אינגאַנצען פאַרשוואונדען.

די זיבען־און־דרייסיג וועלכע האָבען פאַרלאָזען דעם צוזאַמענ־פאָהר האָבען אָרגאַניזירט א נייע פּאַרטיי מיט'ן נאָמען „די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון אַמעריקא“. דיזע נייע אָרגאַניזאַציע האָט פון איהר פּלאַטפאָרמע אַרויסגעוואָרפען אַלע אוטאָפּיסטישע פּלענער. זי האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס א סאָציאַליסטישע פּאָלי־טישע פּאַרטיי און ערוועהלט א נאַציאָנאַלען עקזעקוטיווען קאָמי־טעט, וועלכער איז געווען צונויפגעשטעלט פון י. וו. דעבס, וויקטאָר ל. בערגער, דזשעסס קאַקס, סעימאָר סטעדמאַן, און פרעדעריק היטה.

אין די נעקסטע צוויי יאָהר איז די פּאַרטיי שנעל געוואַקסען. זי האָט נאָמינירט שטאַט און לאָקאַלע באַאַמטע אין מאַססאַטשו־סעטס, ניו העמשייער, ניו יאָרק, קאָננעקטיקוט, מערילענד, אילי־נאָיס, וויסקאָנסין, מיזורי און קאַליפאָרניא. אין די וואַהלען פון 1899 האָט זי ערוועהלט די ערשטע סאָציאַליסטישע פאַרשטעהער אין דעם שטאַט לעדזשיסלייטשור פון מאַססאַטשוסעטס — דזשיימס פ. קעררי און לואיס מ. סקייטס. און דעצעמבער פון דעמזעלבען יאָהר האָבען די סאָציאַל דעמאָקראַטען פון הייווערהיל, מאַססאַטשוסעטס, ערוועהלט דזשאָהן מ. טשיים אַלס מעיאָר. ס. ה. קאָלטער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס מעיאָר פון בראַקטאָן, מאַס־סאַטשוסעטס, אויך אויפ'ן סאָציאַל דעמאָקראַטישען צעטעל. דער

פּאַרטיי איז געלונגען צו ערוועהלען אייניגע ראַטמענער, קאָנסעל־מען, און שול־באַאַמטע אין עטליכע שטעט אין מאַססאַטשוסעטס און וויסקאָנסין. ביים ערשטען נאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אינדיאַנאַ־פּאָליס, דעם 6־טען מערץ 1900, איז באַריכטעט געוואָרען אז די פּאַרטיי האָט אַ מיטגלידערשאַפט פון פינף טויזענט.

די סיסטעם פון פּאַרטרעטערשאַפט וואָס די פּאַרטיי האָט אויסגעאַרבייט איז געווען אַ נייעם אין פּאָליטישע צוזאַמענפאָהרען. יעדער מיטגליעד האָט געהאַט רעכט אונטערצושרייבען זיין נאָמען אויף דעם „קרעדענשעל“ (פּאָלמאַכט, מאַנדאַט) פון אַ דעלעגאַט וואָס איז געפאָהרען צום צוזאַמענפאָהר, און יעדער דעלעגאַט האָט ביי דעם צוזאַמענפאָהר געהאַט אַזוי פיעל שטימען, ווי די צאָהל אונטערשריפטען אויף זיין „קרעדענשעל“.

צו דעם צוזאַמענפאָהר זיינען געקומען זיבען־און־זעכציג דע־לעגאַטען. אויף זייערע קרעדענשעלס זיינען געווען אונטערגע־שריבען די נעמען פון 3,136 מיטגלידער.

די וויכטיגסטע פראַגע ביים צוזאַמענפאָהר איז געווען צי די פּאַרטיי זאָל זיך פאַראייניגען מיט דעם ראַטשעסטער פליגעל פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי. דעם צווייטען טאָג פון דער זיצונג איז געקומען אַ קאָמיטעט פון דיזער ראַטשעסטער פלי־געל, וועלכע איז באַשטאַנען פון מאַקס העיס פון אָהייאָ, דזשאָב הערימען פון קאַליפאָרניא, און מאָרים הילקוויט פון ניו יאָרק. זייערע רעדעס פאַר דער פאַראייניגונג פון די סאָציאַליסטישע כוחות האָבען אַרויסגערופען אַפּלאָדיסמענטען. די גרויסע מאַיאָ־ריטעט פון די דעלעגאַטען זיינען געקומען צום צוזאַמענפאָהר מיט פעסט באַשטימטע מיינונגען איבער דער פראַגע. מען האָט מיט זיי ניט געדאַרפט אַרגומענטירען. זיי זיינען געווען ענטוזיאַסטיש פאַר פאַראייניגונג, און האָבען געפאָדערט אז עס זאָלען גענומען ווערען גלייך שריטע וועגען דעם.

אָבער בלויז די אַלגעמיינע דעלעגאַטען זיינען געווען פאַר אַן אומבאַדינגטע פאַראייניגונג. די פיהרער פון דער פּאַרטיי זיינען געווען מעהר פאָרזיכטיג. דער נאָמען „סאָציאַליסטישע אַרביי־

טער פּאַרטיי" האָט אין זייערע אויערן געקלונגען אומאַנגענעהם. זיי האָבען ניט געטרויט די מאָטיוועז און די אויפריכטיגקייט פון זייערע נייע פריינד, און זיי האָבען פאָרגעשלאָגען אַז די פאַרהאַנד־לונגען זאָלען אַנגעהן זעהר פאָרזיכטיג. זיי האָבען צוגעשטימט עס זאָל אויסגעוועהלט ווערען אַ קאָמיטעט פון ניין, וועלכער זאָל זיך שטעלען אין פאַרבינדונג מיט אַן ענגליכען קאָמיטעט אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, און די צוויי קאָמיטעטען זאָלען אויסארבייטען אַ פּלאַן פון פאַראייניגונג. זיי האָבען אָבער רעקאָמענדירט אַז די רעזולטאַטען פון די אונטערהאַנדלונגען פון די פאַראייניגטע קאָמיטעטען זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו דער אַפּשטימונג פון יעדער פּאַרטיי באַזונדער, און דאָס אויב איינע פון די פּאַרטייען וועט ניט גוטהייסען דעם פּלאַן זאָל די פאַראיי־ניגונג ניט פאָרקומען. די פיהרער זיינען אויך באַשטאַנען אויף דעם, אַז די נייע פּאַרטיי זאָל זיך רופען „סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי".

דיזע רעקאָמענדאַציעס זיינען היציג דעבאַטירט געוואָרען און זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען מיט 1,366 שטימען געגען 770. אַ קאָמיטעט פון ניין איז דאַן ערוועהלט געוואָרען מיט דער באַפאָל־מעכטיגונג אויסצואַרבייטען די פאַראייניגונגס באַדינגונגען מיט אַ קאָמיטעט פון דער ראַטשעסטער פראַקציע. דאַן איז נאָמינירט געוואָרען אַ פאַראייניגטער צעטעל פאַר פּרעזידענט און וויצע־פּרע־זידענט. יודזשין וו. דעבס, פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פאַר פּרעזידענט, און דזשאָב העררימען, פון דער סאָציאַ־ליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, פאַר וויצע־פּרעזידענט.

די פאַראייניגטע קאָנפערענץ קאָמיטעט האָט זיך פאַר־זאַמעלט אין ניו יאָרק דעם 25־טען מערץ 1900, און האָט אָנגע־פאַנגען די פּראַקטישע ארבייט פון פאַראייניגען די צוויי אָרגאַני־זאַציעס.

די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז פאַרטראָטען געוועזען פון דזשאָהן סי. טשיים, דזשיימס פּ. קעררי, מאַרגאַרעט הייל, פּרעדעריק היטה, דזש. א. האָוען, סיימור סטעדמאַן, וויליאַם

בוטשער, און וו. פּ. לאָנערגען. וויקטאָר ל. בערגער, אויך א מיט־גליד פון דעם קאָמיטעט, איז אָנוועזענד געוועז.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי איז געוועזן פּארטראָטען דורך מאַקס העיס, דזשאָב העררימען, מאָרים הילקוויט, פּ. דזש. סיווערמען, דזש. מאַלאָן בארנס, דזש. ב. בענהעם, ס. ע. פּעננער, וו. ע. ווהייט, און נ. דזש. סטאָון.

די קאָנפערענץ האָט אָנגעהאַלטען צוויי טעג. די פראגען וועגען א פּאַרטיי נאָמען, א קאָנסטיטוציע, קאַנדידאַטען, פּרינצי־פּען־ערקלעהרונגען, זיינען יענוי באַשפּראָכען געוואָרען. די לעצטע צוויי פּונקטען זיינען פאקטיש ערליידיגט געוואָרען אָהן א דעבאַטע. די נאָמינאַציעס פון אינדיאַנאַפּאָלים זיינען גוט געהייסען געוואָ־רען, און די ראַטשעסטער פּרינציפּען־ערקלערונג איז אָנגענומען געוואָרען אַלס די פּרינציפּען־ערקלעהרונג פון דער נייער פּאַרטיי. עס זיינען בלויז צוגעגעבען געוואָרען די „פּאָדערונגען“ וואָס די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט פאָרמולירט.

אָבער די פראגע וועגען א נאָמען און וועגען דעם פּלאַץ פאַר דער הויפּט קוואַרטיר פון דער פּאַרטיי האָבען געפיהרט צו לאַנגע און היציגע דעבאַטען. די פאָרשטעהער פון דער סאָציאַל דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי האָבען געפאָדערט, אַז זייער פּאַרטיי נאָמען זאָל פאַרבלייבען. זייערע אורזאַכען זיינען געוועזן אי פראַקטישע, אי סענטימענטאַלע. די אַנדערע זיינען געוועזן מיט דער מיינונג, אַז אַזא נאָמען ווי „די פאַראייניגטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי“ וואָלט זיך מעהר געפּאַסט צום כאַראַקטער פון דער נייער אָרגאַני־זאַציע. ענדליך איז מען געקומען צו א פּשרה, אַז ביידע נעמען זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו אַן אָפּשטימונג צו די מיטגלידער פון ביידע פּאַרטייען.

די הויפּט קוואַרטיר פון דער פּאַרטיי איז געוועזן אין ספּרינג־פּיעלד, מאַססאַטשוסעטס. עס איז באַשאָפען געוואָרען א צייט־ווייליגער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, וועלכער איז אויסגעקליבען גע־וואָרען פון ביידע פּאַרטייען — פינף פון יעדע. די אַרבייט פון דיזען קאָמיטעט איז געוועזן האַרמאָניש, און ווען די ציזונגען האָבען זיך געשלאָסען איז די פאַראייניגונג פון די צוויי פּאַרטייען געוועזן

א פאקט. עס איז בלויז פארבליבען די פאָרמאַליטעט פון איבער־געבען די פראַגען צו דער אָפּשטימונג פון די מיטגלידער פוןביידע פּאַרטייען. אָבער דאָס אונערוואַרטעטע איז ווידער געשעהן. איי־דער א וואָך איז פאַריבער, נאָכדעם ווי דער פאַראייניגטער קאָמי־טעט האָט געענדיגט זיין אַרבייט, האָט דער נאַציאָנאַלער עקזע־קוטיווער קאָמיטעט פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַרויסגעגעבען אַ מאַניפעסט אין וועלכען זי האָט באַשולדיגט די פאָרשטעהער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי אין ברעכען זייער וואָרט, און וועלכע האָט אויפגעפאָדערט די מיטגלי־דער פון דער פּאַרטיי נידערצושטימען דעם פאַראייניגונגס אָפּמאַך.

דיזער דאָקומענט האָט פאַראורזאַכט אַ שטורעם פון פּראָ־טעסט אין די רייען פון ביידע פּאַרטייען, און האָט געפיהרט צו אַ לאַנגען און ביטערען קאַמף צווישען די אָנהענגער פון דעם נאַציאָ־נאַלען עקזעקוטיווען קאָמיטעט און די אָנהענגער פון דעם פאַראיי־ניגונגס פּלאַן. ווען מען האָט ענדליך איבערגעצעהלט די שטימען וועגען דיזען מאַניפעסט האָבען די באַאַמטע פון דער סאָציאַל דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי ערקלערט, אַז דער פאַראייניגונגס פּלאַן איז צוריקגעוויזען געוואָרען פון איהרע מיטגלידער מיט 1,213 שטימען געגען 939, און דאָס די פּאַרטיי וועט בלייבען באַזונדער.

אָבער דיזע ערקלערונג האָט ניט געענדיגט דעם סכסוך. די אָנהענגער פון פאַראייניגונגס פּלאַן אין די רייען פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און די מאַיאָריטעט אין דעם קאָמיטעט פאַר פאַראייניגונג האָבען גע'טענה'ט, אַז דער עקזעקוטיווער קאָמי־טעט האָט געהאַנדעלט אומגעזעצליך און האָבען זיך ענטזאַגט צו אַנערקענען דאָס רעכט פון דיזען קאָמיטעט צו פאָרטרעטען די פּאַרטיי. זיי האָבען דאַן פאַרגעזעצט שטימען וועגען דעם פאַר־אייניגונגס אָפּמאַך וואָס דער קאָמיטעט האָט רעקאָמענדירט. אַזוי ווי דער אָפּמאַך איז גוט געהייסען געוואָרען פון דער ראָטשעסטער פראַקציע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי און פון דער פאַראייניגונגס פראַקציע פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָבען זיי גענומען דורכפיהרען די פאַראייניגונג אין דער פּראַקטיק.

דער נאָמען „סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי“ איז אָנגענומען געוואָרען. פאַר איהם האָבען געשטימט ניט בלויז די מיטגלידער פון דיזער פּאַרטיי, נאָר אויך א ריזיגע מאַיאָריטעט פון סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי מיטגלידער. די נייע פּאַרטיי האָט אָנגענומען דיזען פּונקט. אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט איצט געהערשט די גרעסטע אומאָרדנונג. ביידע פּאַרטייען, די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי און די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, זיינען געווען צוריסען אין שטיקער. די ערשטע האָט געהאַט איהר הויפּט קוואַרטיר אין ניו יאָרק, און די צווייטע האָט געהאַט איין הויפּט קוואַרטיר אין שיקאַגאָ און איינע אין ספּרינגפּיעלד. יעדערע פון דיזע פּאַרטייען און פּראַקציעס האָט געהאַט באַזונדערע נאַציאָנאַלע באַאַמטע און האָט געפיהרט קריג געגען די אַנדערע. די לאַגע איז געוואָרען נאָך לעכערליכער און נאָך כאַאָטישער ווען עס האָבען זיך אונטערגערוקט די פּרעזידענט וואַהלען, און יעדע סאָציאַליסטישע פּראַקציע האָט גענומען מאַכען אייגענע נאָמינאַציעס. די אַדמיניסטריישאָן פּראַקציע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי האָט נאָמינירט דזשאָזעף פּ. מאַלאָני, פון מאַססאַטשוסעטס, פאַר פּרעזידענט, און וועל רעמעל, פון פּענסילווייניא, פאַר וויים־פּרעזידענט.

די ראָטשעסטער פּראַקציע פון דער פּאַרטיי האָט פריהער נאָמינירט העררימען און העיס אַלס איהרע קאַנדידאַטען, אָבער, ווי שוין אויבען באַמערקט, האָט זי דיזען צעטעל געענדערט אויף דעבס און העררימען. דיזער לעצטער צעטעל איז אָבער אויפגעשטעלט געוואָרען מיט דעם געדאַנק, אַז ביידע פּאַרטייען וועלען זיך פאַראייניגען. איצטער אָבער, ווען די פאַרהאַנדלונגען פאַר פאַראייניגונג זיינען דורכגעפאַלען, האָט די שיקאַגאָר פּראַקציע געפונען, אַז זי האָט אויך איהר צעטעל א קאַנדידאַט פון א געגנער אָרגאַניזאַציע. די ספּרינגפּילדער פּראַקציע איז געווען אין דער זעלבער לאַגע אין באַצוג צו דעם פּרעזידענט קאַנדידאַט, יודזשין וו. דעבס. די צוויי פּראַקציעס האָבען באַשלאָסען, אַז אונטער די אומשטענדען איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ, ווי צו האַלטען דיזען צעטעל און מאַכען אַ מין וואַפען־שטילשטאַנד ביז איבער די

וואהלען. טראָץ דיזע אומגינסטיגע לאַגע האָבען ביידע פליגלען פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אָנגעפיהרט אַן ענערגישען און באַגייסטערטען וואהל־קאַמף, און די צאָהל שטימען וואָס זיי האָבען געצויגען אין דיזע נאַציאָנאַלע וואהלען איז געווען מיט 97,430 מעהר ווי די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט געצויגען אין איהרע בעסטע צייטען.

אָט דיזע הארמאָנישע ארבייט פון די צוויי פראַקציעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דעם קורצען וואהל־קאַמף האָט געטאָן מעהר פאַר אַן אמת׳ע פּאַראייניגונג, ווי די אַלע אונטערהאַנדלונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט. די מיטגלידער האָבען זיך באַקענט מעהר איינע מיט די אַנדערע, און די געפיהלען פון מיסטרויען האָבען אָנגעפאַנגען צו פאַרשווינדען. נאָך דיזען וואהל־קאַמף האָבען זיי איינגעזעהן, אַז עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע אויפצוהאַלטען צוויי באַזונדערע פראַקציעס. דער שיקאַגאָר קאָמיטעט האָט ארויסגעגעבען אַן אויפרוף פאַר אַ פאַראייניגטען צוזאַמענפאָהר פון אַלע סאָציאַליסטיש עאָרגאַניזאַציעס צו שאַפען איין פאַראייניגטע פּאַרטיי. די ספּרינגפילדער פראַקציע, איינינגע אומאָפּהענגיגע לאָקאַלען און שטאַט אָרגאַניזאַציעס, פאַקטיש אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אויסער די ניו יאָרקער פראַקציע פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, האָט זיך אָפּגערופען. ווען דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך פאַרזאַמעלט אין אינדיאַנאַפּאָליס דעם 29טען יולי 1901 האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס עס זיינען געקומען פאַרטרעטער פון אָרגאַניזאַציעס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון ניט וויינינגער ווי צעהן טויזענט. די סיסטעם פון פאַרטרעטערשאַפט איז געווען די זעלבע ווי ביי דעם פריערדיגען צוזאַמענפאָהר אין אינדיאַנאַפּאָליס. הונדערט פיער און צוואַנציג דעלעגאַטען האָבען געהאַט אונטערשריפטען פון 6,683 מיטגלידער. די ספּרינגפילדער פראַקציע איז געווען פאַרטראָטען פון אכט און זעכציג דעלעגאַטען מיט 4,798 אונטערשריפטען. די שיקאַגאָר פראַקציע — אכט און פערציג דעלעגאַטען מיט 1,396 אונטערשריפטען. דריי אומאָפּהענגיגע שטאַט אָרגאַניזאַציעס, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 352, זיינען געווען פאַרטראָטען פון אַכט דעלעגאַטען.

האָבענדיג אין זינען די ענטוישענדע רעזולטאַטען פון די פריערדיגע פאַראייניגונגס קאָמיטעטען, האָט דער צוזאַמענפאָהר באַשלאָסען מעהר ניט צו ריזיקירען, נאָר גלייך אויפ'ן אָרט אויס־צואַרבייטען אַלע פּלענער פאַר פאַראייניגונג.

אַ נייע פּרינציפּען־ערקלערונג און אַ נייע קאָנסטיטוציע זיינען אָנגענומען געוואָרען. דער הויפּט קוואַרטיר איז איבערגעפיהרט געוואָרען פון די פריערדיגע פּלעצער נאָך סט. לואיס, און איינער אַ לעאָ גרינבוים, וועלכער איז ניט געווען פאַרבונדען מיט די אַלע קריגערייען, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס נאַציאָנאַלער סעקרעטער.

דער צוזאַמענפאָהר איז געווען די גרעסטע נאַציאָנאַלע פאַר־זאַמלונג וואָס די סאָציאַליסטען האָבען ווען עס איז בעפאָר געהאַט אין דיזען לאַנד. צווישען די דעלעגאַטען זיינען געווען מענער, וועלכע זיינען געווען טעטיג אין אַלע צווייגען פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, און אויך פּראָמינענטע פּערזאָנען, וועלכע זיינען ניט לאַנג אַריינגעקומען אין דער באַוועגונג. די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון פּאָרטאָ ריקאָ זיינען געווען פאַרטראָטען פון אַן אייגענעם דעלעגאַט. די אַנוועזענהייט פון דריי נעגערם האָט באַ־וויזען, דאָס דער סאָציאַליזם האָט זיך אָנגעפאַנגען איינצואוואָרצ־לען צווישען די שוואַרצע.

דער צוזאַמענפאָהר האָט אויך באַוויזען אויף ווי ווייט דער כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט זיך געענ־דערט אין די לעצטע עטליכע יאָהר. צווישען די 124 דעלעגאַטען זיינען בלויז 25, ד. ה. צוואַנציג פּראָצענט, געווען פרעמד־געבאָרענע. אַלע איבעריגע זיינען געווען עכטע אַמעריקאַנער. דער סאָציאַליזם האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פרעמדער וואוקס אין דיזען לאַנד.

דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געעפענט אַלס אַ פאַרזאַמלונג פון אַן אומאַפּהענגיגע און פיינדליכע קערפּערשאַפט. ער האָט זיך גע־שלאָסען אַלס אַ סאָלידע און האַרמאָנישע פּאַרטיי.

די פּאַרטיי האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי".

די עלטסטע דריי יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט די סאָציאַ־

ליסטישע פּאַרטיי מעהר ווי געדאָפּעלט איהר מיטגלידערשאַפט. אין אָנפאַנג פון 1904 איז די פּאַרטיי באַשטאַנען פון 1,200 לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס צושפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקא. יענעם יאָהר האָט זי אָפּגעהאַלטען איהר ערשטען נאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר, וועלכער האָט געדויערט זעקס טעג — פון 1טען מאַי ביז'ן 6טען — און צו וועלכען עס זיינען געקומען הונדערט פיר און אַכציג דעלעגאַטען, פאַרטרעטער פון זעקס און דרייסיג שטאַטען און טעריטאָריעס. די פּרינציפּען־ערקלערונג און קאָנסטיטוציע זיינען גרינדליך רעווידירט געוואָרען, און די סאָלידאַריטעט פון דער פּאַרטיי מיט דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין לאַנד איז ווידער פעסט אויסגעדריקט געוואָרען. דער כאַראַקטער פון צוזאַמענפאָהר, די מעטאָדען און פאַרהאַנדלונגען, האָבען קלאָר באַוויזען, אַז די פּאַרטיי ענטוויקעלט זיך שנעל אין אַ פּאָלשטענדיגע פּאָליטישע מאַכט אין דיזען לאַנד.

אָבער די פאָרמעלע אָרגאַניזאַציע האָט געשטעלט בלויז איין זייט פון דיזען פּראָגרעס. דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין יענעם פּעריאָד איז פיל קלערער באַוויזען געוואָרען דורך איהרע פּאָליטישע געווינסען, איהר וואַקסענדען איינפלוס אויף דער ארבייטער באַוועגונג אין דיזען לאַנד, און איהר פּרעסע.

ווי שוין געזאָגט, האָט די פּאַרטיי אין איהר ערשטען נאַציאָנאַלען וואַהל־קאַמף געצויגען הונדערט טויזענט שטימען. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1900. אין די פריהלינג און אָסיען וואַהלען פון דעם נעקסטען יאָהר האָט זיך די צאָהל שטימען פיל פאַרגרע־סערט. גענוי די צאָהל האָט מען ניט געקאָנט וויסען, ווייל די וואַהלען זיינען געווען לאָקאַלע.

אין די קאָנגרעס וואַהלען פון 1902 אָבער, האָט די צאָהל סאָציאַ־ליסטישע שטימען אַלעמען איבערראשט. זי האָט דערגרייכט ביז אַ פערטעל מיליאָן. אַ טייל פון דיזען אומערוואַרטעטען ערפאָלג מוז צוגעשריבען ווערען צו די ארבייטער אומרועהן, וואָס זיינען יענעם יאָהר פאָרגעקומען דורך דעם לאַנגען און ביטערען סטרייק פון די קוילען גרעבער אין פּענסילווייניא עס איז אָבער אַ טעות צו דענקען, אַז דער גרויסער סאָציאַליסטישער וואוט איז געווען

דאָמאָלסט בלויז אַ צופאַל. דער צו־וואַקס איז געווען פונקט אַזוי גרויס אין די פלעצער, וועלכע זיינען פון דעם קוילען סטרייק ניט באַאיינפלוסט געוואָרען.

נאָך מעהר: ווען די לאָקאַלע פריהלינגס וואַהלען פון 1903 זיינען אָנגעקומען און דער סטרייק סענטימענט איז שוין אינגאַנ־צען פאַראיבער, איז דער סאָציאַליסטישער וואוט ניט נאָר ניט פאַרקלענערט געוואָרען, נאָר זאָגאַר פאַרגרעסערט געוואָרען.

אין די אַלגעמיינע וואַהלען פון דעם נעקסטען יאָהר, דעם פּרעז־זידענט וואַהל־קאַמף פון 1904, איז די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד געווען זעהר גינסטיג פאַר די סאָציאַליסטען. די צוויי גרויסע פּאָ־ליטישע פּאַרטייען האָבען אַרויסגעשטעלט קאָנסערוואַטיווע קאַנ־דידאַטען (די רעפּובליקאַנער — טעאָדאָר רוזוועלט, און די דעמאָ־קראַטען — דזשאָדזש אַלטאָן ב. פּאַרקער). די „פּיפּעלס פּאַרטיי" איז געווען דיסקרעדיטירט דורך איהר פריערדיגע פאַרבינדונג מיט די דעמאָקראַטען. זי איז געווען דיזאָרגאַניזירט און אינערליך צו־ריסען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז דארום געווען פאַקטיש די איינציגע ראַדיקאַלע פּאַרטיי. זי האָט פאַרשטאַנען ווי צו באַנו־צען די געלעגענהייט, און האָט אָנגעפיהרט דעם שטאַרקסטען און ברייטסטען וואַהל־קאַמף אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג ביז דאַן. יודזשין וו. דעבס האָט אַדרעסירט גרויסע פאַרזאַמלונגען אין אַלע טיילען פון לאַנד אַלס דער פּרעזידענט־קאַנדידאַט, און בענדזשאַמין הענפאָרד האָט געטאָן דאָס זעלבע, אַלס דער קאַנדידאַט פאַר וויס־פּרעזידענט. טויזענטער אַנדערע פּראָ־פּאַגאַנדיסטען האָבען פאַרשפּרייט די לעהרע פון סאָציאַליזם אויף פאַרזאַמלונגען אין האַלס און אויף די גאַסען. צירקולאַרען און פּאַמפּלעטען זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען אין די מיליאָנען. דעבס האָט יענעם יאָהר געצויגען 402,321 שטימען. די „פּיפּעלס פּאַרטיי" האָט דאַן געצויגען בלויז 113,250 שטימען.

פון גרויס באַדייטונג זיינען אויך געווען די געווינסען וואָס די פּאַרטיי האָט געמאַכט אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. די וואַקסענדע סימפּאַטיע פון די טרייד יוניאָנס צו דער סאָציאַליס־

טישער פּארטיי האָט זיך ארויסגעוויזען אין פארשידענע ווענען, אָבער קיינמאָל האָט זי זיך ניט ארויסגעצייגט אזוי קלאָר ווי ביי צוויי נאַציאָנאַלע צוזאמענפאָהרען פון די גרעסטע יוניאָנס, פון דעם יאָהר 1902. אין מאָנאַט יוני פון דיזען יאָהר האָט די וועסטערן לייבאָר יוניאָן, א פארבאנד פון די מעהרסטע טרייד יוניאָנס אין דער וועסט, מיט א מיטגלידערשאפט פון א פּופציג טויזענט, אָפּגעהאלטען איהר יעהרליכען צוזאמענפאהר אין דענווער. אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער שטאָט האָבען צוויי אָרגאניזאציעס וואָס זיינען געווען פארבונדען מיט דיזער קערפּערשאפט, — די וועסטערן פעדערייישאָן אָוו מיינערס און דער פאראייניגטער פארבאנד פון די האָטעל און רעסטאָראנט ארבייטער — אויך אָפּגעהאלטען זייער יעהרליכען צוזאמענפאָהר. די הויפּט פראגע איז דיסקוטירט געווארען ביי די צוויי צוזאמענ־פאהרען איז געווען זייערע באציהונגען צו דער סאציאליסטישער פּארטיי. דער רעזולטאַט איז געווען, אז אלע דריי האָבען זיך ערקלערט פאר אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע אקציאָן, און האָבען אנערקענט די סאציאליסטישע פּארטיי אלס די פאָרשטעהערין פון דעם ארבייטער קלאס אויפ'ן פעלד פון פּאָליטיק, און האָבען אונטערשטיצט די פּלאטפארמע פון דער פּארטיי.

די וועסטערן לייבאָר יוניאָן האָט אין דער זעלבער צייט צוריקגעוויזען דעם אָנבאָט פון דער אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר צו פאראייניגען זיך מיט איהר, ווייל זי האָט געפונען, אז די פעדעראציע איז צו קאָנסערוואטיוו. זי האָט איהר נאָמען גע־ענדערט אויף אמעריקען לייבאָר יוניאָן, און דערמיט געגעבען אנ־צוהערעניש, אז זי האָפט צו פארשפּרייטען זיך איבער'ן גאנצען לאנד. די אָרגאניזאציע איז געווען כמעט אזוי טעטיג אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג, ווי אין די טרייד יוניאָנס, און איהר אָפיציעלער ארגאן, „דהי אמעריקען לייבאָר יוניאָן דזשורנעל", האָט אגיטירט פארביידע באוועגונגען.

אין מאָנאַט נאָוועמבער פון דעם זעלבען יאָהר האָט די אמע־ריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר אָפּגעהאלטען איהר צוזאמענפאָהר

אין ניו אָרליאַנס. די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטען האָבען אריינ־געטראָגען א רעזאָלוציע אונטערשטיצען דעם סאָציאַליזם אזוי ווי זיי האָבען געטאָן ביי פאָריגע צוזאַמענפאָהרען פון דער פעדעריי־שאָן. די רעזאָלוציע האָט זיך געלעזען ווי פאָלגט:

„זיי עס באשלאָסען, אז דער 22טער יעהרליכער צוזאַמענ־פאָהר פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר ראַט די אר־בייטער צו אָרגאַניזירען זייער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאכט און צו פארזיכערען דעם ארבייטער די פולע בארעכטיגונג פאר זיין ארבייט און די אָפּשאַפונג פון די לוין־סיסטעם.”

די רעזאָלוציע האָט געפיהרט צו א לאַנגער און היציגער דעבאַטע, און איז ענדליך נידערגעשטימט געוואָרען מיט 3,744 שטימען געגען 3,334. אזוי ווי די רעזאָלוציע האָט ניט גע־צילט אויף פּראַקטישע ארבייט, איז עס געווען פון פאַקטישע קליי־נע וויכטיגקייט צי זי איז אָנגענומען געוואָרען, צי ניט. אָבער דער קאַמף האָט געצייגט אויף ווי וויט דער סאָציאַליסטישער סענטימענט האָט געווירקט אין די רייהען פון דער אַמעריקען פע־דעריישאָן אָוו לייבאָר, און דער פאַקט, אז כמעט א העלפט פון אַלע שטימען ביים צוזאַמענפאָהר זיינען געוואָרפען געוואָרען צו גונסטען פון דער רעזאָלוציע, איז געווען א באַווייז אז דער סאָ־ציאַליזם האָט געמאַכט פאָרטשריט אין דער אָרגאַניזאַציע.

נאָך א באַווייז, אז דער סאָציאַליסטישער סענטימענט האָט זיך דאַמאָלסט פארשפּרייט איז געווען די ענטוויקלונג פון דער פּאַרטיי־פּרעסע. אין די פאָריגע יאָהרען איז עס געווען שווער פאר דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי, און צייטענווייז זאָגאר אוממעגליך, אויפצוהאַלטען אן איינציגע וועכענטליכע צייטונג אויף דער ענגלישער שפּראַך. אין דעם יאָהר 1904 האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־פּרעסע געהאַט זיבען מאָנאַט־ליכע זשורנאַלען און אכצעהן וועכענטליכע שריפטען אויף דער ענגלישער שפּראַך. זיי זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען אין די פאָלגענדע שטאַטען: ניו יאָרק, פּענסילווייניא, אילינאָאיז, וויס־קאָנסין, מינעסאָטאַ, וויאָמינג, אייאָווא, קענזעס, מאָנטאַנא,

יוטאַה, קאָלאָראַדאָ, וואַשינגטאָן, קאַליפאָרניאַ, און אין דער טע־ריטאָריע פון אָקלאַהאמאַ. אויף דייטש האָט די פּארטיי ארויס־געגעבען דריי טעגליכע צייטונגען און זיבען וואכען־שריפטען. די פּארטיי האָט אויך ארויסגעגעבען צו איין צייטונג אין די פאל־גענדע שפּראכען: פראנצויזיש, איטאַליעניש, אידיש, באָהעמיש, נאָרוועגיש, פּויליש און סלאַוויש

דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי איז געגאנגען האנט אין האנט מיט דעם אונטערגאנג פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי. דיזע לעצטע פּארטיי האָט זיך קיינמאָל ניט ערהאָלט פון דער פּאשלטונג פון 1899, טראָץ דעם וואָס די אד־מיניסטראציאָנס פראקציע האָט געהאט א לעגאלען זיג איבער דער אָפּאָזיציע, און האָט געוואונען דעם קאמף צו האלטען דעם פּארטיי נאָמען, האָט זי אָבער קיין פּראקטישע נוצען דערפון ניט גע־צויגען. די גרויסע מאַיאָריטעט פון די ארגאניזירטע און ניט־ארגאניזירטע סאָציאַליסטען האָבען פארלאָרען דעם צוטרוי אין דער פיהרערשאפט פון דער פּארטיי, און זיי האָבען אפּגעווענדעט זייער סימפּאטיע און שטיצע צו דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי. די ווייטערדיגע האנדלונגען און טאַקטיק פון דער סאָ־ציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי זיינען געוועזן אזוינע, אז זי האָט ניט געקענט צוריקגעווינען דעם פארלוירענעם צוטרוי.

איהר פיינדליכע שטעלונג צו די טרייד יוניאָנס, און איהר פאנאַטישע שטרענגקייט פון דיסציפּלין, וועלכע האָט ארייגגע־בראכט שפּאלטונגען אין די רייען, איז געווארען אלץ שארפער און לעבערליכער.

אין יוני, 1900, האָט די פּארטיי אפּגעהאלטען א נאַציאָנא־לען צוזאמענפאָהר, וועלכער האָט געדויערט א גאנצע וואָך. די פארהאנדלונגען ביים צוזאמענפאָהר זיינען באשטאנען פון קינ־דערשע באַליידיגונגען אויף די, וואס האָבען די פּארטיי פאר־לאָזען, און געגען די „פיור ענד סימפּעל" טרייד יוניאָנס. די פאלגענדע רעזאָלוציע דריקט אויס דעם האס וואָס די פּארטיי האָט געהאט געגען דיזע יוניאָנס:

„א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי, וועלכער נעמט אָן אַ אמט אין א ניט־סאָציאַליסטישער יוניאָן זאָל באַטראכט ווערען אלס פיינדליך געגייגט צו דער סאָציאַליסטישער פּארטיי און זאָל אויסגעשלאָסען ווערען. א מיטגליד פון א „פּיור ענד סימפּעל" יוניאָן זאָל ניט אריינגענומען ווערען אלס א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי."

אין די פּרעזידענט וואהלען פון 1900 איז די צאָהל שטימען פון דער פּארטיי געפאלען פון 82,204 וואס זי האָט געצויגען אין 1898, אויף 34,191. אין די קאָנגרעס וואהלען פון 1902, ביי וועלכע דער וואוט פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי איז פאַרדרייפאכט געווארען, האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי פארגרעסערט איהר צאָהל שטימען ביז פופציג טויזענט. ביי די פּרעזידענט וואהלען פון 1904 איז איהר צאָהל שטימען ווידער אראפּגעפאלען אויף 33,536.

אין דערזעלבער צייט האָט די פּארטיי זיך געהאלטען אין איין „ריינינגען". שטאָט ארגאניזאציעס, סעקציעס, און איינצעלנע מיטגלידער, זיינען אויסגעשלאָסען געווארען פון דער פּארטיי צוליב אפּיקורסות. אזוי ווי נייע מיטגלידער זיינען אריין װעניג, זיינען די רייען פון דער פּארטיי געווארען אלץ דינער און דינער. אין 1904 איז די מיטגלידערשאפט פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי געווען ארום דריי טויזענט.

די פּארטיי האָט ארויסגעגעבען א טעגליכע צייטונג אויף ענגליש אין ניו יאָרק („דהי פּיפּעל") און עטליכע וועכענטליכע שריפטען אין פרעמדע שפּראכען.

זעקסטער קאפיטעל

דער סאָציאַליזם איצטער.

1. אומרוה און רעפאָרם.

די פאראייניגטע שטאטען קומט ביסלעכווייז צו נעהענטער און נעהענטער צו דער העכסטער שטופע פון קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג, צו דער פארבינדונג פון די אינדוסטריען. דער פראָצעס ווערט שוין מעהר ניט געמאָסטען אין דורות, נאָר אין יאָהרען. אין די זעקס יאָהר נאָך דעם צענזוס פון 1900 האָט די קאפיטאליסטישע פראדוקציע געמאכט גרעסערען פראגרעס ווי אין די גאנצע צעהן יאָהר בעפאר דעם צונזוס.

פון 1900 ביז 1905 האָט זיך דער קאפיטאל וואס איז אריינגעלייגט אין די גרויסע פאבריקען פארגרעסערט פון 9,000,000,000 דאָלאר אויף 12,700,000,000, ווען די צאָהל פון גרויסע פאבריקען איז פארבליבען פאקטיש די זעלבע. די ווערדע פון די יעהרליכע פראדוקציע פון דיזע פאבריקען האָט זיך פארגרעסערט אין די זעלבע פינף יאָהר פון 11,500,000,000 דאָלאר ביז 15,000,000,000 און די צאָהל ארבייטער וואָס איז אין זיי באשעפטיגט האָט זיך פארגרעסערט פון 4,715,000 אויף 5,470,000.

„דער צענזוס וועגען פאבריקען", וואָס דער מיניסטעריום פון האנדעל און ארבייט האָט ארויסגעגעבען אין יאָהר 1906, דעקט אויף דעם שטוינענדען פאקט, דאָס אין יאָהר 1904 האָט 11.2 פראָצענט פון די פאבריקען אין לאנד קאָנטראָלירט 81.5 פון גאנצען קאפיטאל וואס איז אריינגעלייגט אין די פאבריקען פון די פאראייינגטע שטאטען, און האָט פראדוצירט 79.3 פראצענט פון אלע פראדוקטען. דריי און אכציג פראצענט פון אלע פראדוקטען זיינען פאבריצירט געווארען אין 1900 פאבריקען, ד. ה. אין וועניגער ווי איין פראצענט פון די פאבריקען אין לאנד.

די ענטוויקלונג פון דער באהן אינדוסטריע געהט אויך מיט

דער זעלבער שנעלקייט. אין די לעצטע עטליכע יאָהר איז דער וואוקס פון גרויסע פארמעגענס און גרויסע געשעפטען קאָמבינאַציעס געווען אומגעהייער גרויס.

דער גאַנג פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָגרעס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א ווילדען געיעג נאָך רייכטום אין וועלכען טויזענדער זיינען ארייינגעצויגען געוואָרען און מיליאָנען זיינען צוטראָטען געוואָרען אונטער די פיס. ריזיגע קאָרפּאָראַציעס און טראָסטס זיינען געוואָרען טעגליכע ערשיינונגען. אומפאַרמיידליך האָט זיך ענטוויקעלט די פּאַרוואַסערונג פון סטאָקס, (אַקציעס), און דער „שאַכער־מאַכער" אויף דער בערזע. עס ווערט געשאַצט דאָס אין 1907 איז די ווערדע פון די פּאַפּירען אויף דער בערזע געוועזן ניט ווייניגער ווי פערציג ביליאָן דאָלאַר, כמעט א גאַנצע דריטעל פון דעם רייכטום פון לאַנד. טריט אין טריט איז אויך געגאַנגען די פאַנאַנדערשפּרייטונג פון די באַהן־געשעפטען און געלט געשעפטען פון לאַנד. צווישען די יאָהרען 1908 און 1907 האָט די פאַראייניגטע שטאַטען פּראָדוצירט 3,200,000,000 דאָלאַר גאָלד, אָדער אַנדערהאַלבען מאָל אַזוי פיל ווי עס איז פּראָדוצירט געוועזן אין די הונדערט און פופציג יאָהר צווישען 1700 און 1850. אין 1907 זיינען אין לאַנד געוועזן ניט ווייניגער ווי פערצעהן טויזענט באַנקען, מיט א קאַפּיטאַל פון אַכצעהן ביליאָן דאָלאַר, און די גרעסטע טייל פון דיזע געלדער איז אויסגעליהען געוואָרען צו מענשען וואָס האָבען געזוכט מיט די געלט צו ספּעקולירען אין געשעפטען. מינען און פאַבריקען און אַלערליי ווערקשטאַטען האָבען געאַרבייט טאָג און נאַכט. די נאָכפראַגע אויף אַרבייטער איז געוועזן אומגעהייער, און דער לוין פון די אַרבייטער איז געשטיגען. ווען די געוועהנליכע צווייגען פון די אינדוסטריען זיינען שוין געוועזן איבערענטוויקעלט האָבען די קאַפּיטאַליסטען גענומען זוכען נייע פעלדער אריינצולייגען זייער געלט, און האָבען אָפט ספּעקולירט אין די ווילדסטע, משונה׳דיגסטע אונטערנעמונגען, און האָבען מיטגעשלעפּט מאַסען מענשען מיט קלענערע קאַפּיטאַלען. אין די גרעסערע שטעט זיינען אויפ־

געשטעלט געוואָרען טויזענדער געביידען פאַר ספּעקולאַטיווע צוועקען. דער פּרייז פון ליידיגע לאַנד איז אויף אזא אופן פאַר־דאָפּעלט און פאַר־דרייפאַכט געוואָרען אין ווערדע. די רענט פון די אַלטע טיילען פון די שטעדט איז געשטיגען, און דער פּרייז פון סחורות איז פאַרגרעסערט געוואָרען ביז אן אומערהערטען מאָס. אין די צעהן יאָהר פון 1896 און 1906 איז דער קאָסט פון שפּייז אַליין געהעכערט געוואָרען אויף צוואַנציג פּראָצענט, און דער קאָסט פון אנדערע נויטיגע לעבענס מיטלען איז געשטיגען אויף דרייסיג פּראָצענט. גאָלד איז אין לאַנד געווען איבער גע־נוג. מענשען זיינען רייך געוואָרען איבער נאַכט. אנשטאָט אינ־דוסטריע און האנדעל האָבען זיך מענשען אָפּגעגעבען מיט ספּע־קולאַציע און שווינדלעריי. ווען דיזער ווילדער גייעג האָט זיך געענדיגט, איז געקומען דער אומפאַרמיידליכער קראַך. אין דעם ערשטען טייל פון 1907 האָט מען זיך פּלוצלונג געכאַפּט אז א גרוי־סער טייל פון די פאַבריצירטע סחורות איז אוממעגליך געווען ארויסצופיהרען. די קראָמען זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט וואָ־רען; די פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען הויפּטזעכליך פּראָדוצירט אויף קרעדיט, האָבען ניט געקענט באַצאָהלען זייערע חובות. אויפ׳ן האנדעלס־מאַרק האָט געהערשט אן אטמאָספערע פון אומ־זיכערהייט און אומצוטרוי. קרעדיט איז באַשרענקט געוואָרען. דער קאָרטען־הויז, וועלכען מיר רופען „די פינאַנציעלע סיסטעם״, איז צונויפגעפאַלען דורך דעם ערשטען ווינטען־בלאָז.

אין די מאָנאַטען פון אָקטאָבער און נאָוועמבער 1907 האָט זיך אָנגעפאַנגען א פּלוצלינגער געלאַף פון דערשראָקענע דעפּאָזיטער אויף די גרויסע באַנקען אין ניו יאָרק, איינגעשלאָסען „דהי ניקער־באָקער טראָסט קאָמפּאַני״. עטליכע באַנקען האָבען צוגעשלאָסען זייערע טירען, און פילע קלענערע, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדען מיט זיי, האָבען געמוזט אָפּשטעלען זייערע צאָהלונגען. אויף דער בערזע האָבען די ווערט פּאַפּירען גענומען שרעקליך פאַלען.

די ערשטע סימנים פון אַן אָנקומענדען אינדוסטריעלען קריזיס האָבען זיך, אַלזאָ, קלאָר באַוויזען, און טראָץ די אַלע אָפיציעלע

פּראָקלאַמאַציעס און פּאַרזיכערונגען, איז דער קריזיס אַליין באַלד אָנגעקומען. אין ענדע פון 1907 האָבען 10,265 געשעפטען באַנ־קראָטירט, אָנזעצענדיג א קאַפּיטאַל פון 383,000,000 דאָלאַר. אין דעם פאָריגען יאָהר, אין 1906, איז די צאָהל פון באַנקראָטען גע־ווען 9,385, און די חובות בלויז 127,000,000 דאָלאַר. די מעהר־סטע פון די געפּלאַנטע פאַרבעסערונגען און פאַרבאַרייטונגען אויף די באַהן ליניעס זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרען. ווי גרויס דער עפעקט דערפון איז געווען, קאָן מען באַגרייפען פון דיזען פאַקט, אַז דיזע אונטערנעמונגען האָבען געזאָלט אין דער געגענד ארום ניו יאָרק אַליין קאָסטען 5,000,000,000 דאָלאַר. אין דער זעלבער צייט איז דער פראַכט און פּאַסאַזשיר פאַרקער אויף אַלע באַהן־ליניעס פיל פאַרקלענערט געוואָרען, און טויזענטער באַהן ארבייטער אין אַלע טיילען פון לאַנד זיינען ענטוועדער אינגאַנצען אָפּגעזאָגט געוואָרען, אָדער זיינען „אָפּגעלייגט" געוואָרען אויף א צייט; די יונייטעד סטייטס סטיל קאָרפּאָריישאָן האָט פאַרקלענערט איהר צאָהל ארבייטער אויף א העלפט; דער טאַבאַק טראַסט האָט צו־געשלאָסען פילע פון זיינע פאַבריקען. די שיקאַגאָ׳ר פלייש יאַטקעס, די אייזען און גלאָז פאַבריקען, און די אַנדערע וויכטיגע אינדוסט־ריען אין לאַנד האָבען באַגרענעצט זייער פּראָדוקציע, און אין די בוי פאַכען, און אין די פאַבריקען פון בוי מאַטעריאַלען, זיינען גע־בליבען ארבייטען בלויז א הייפעלע מענשען.

אין די לעצטע מאָנאַטען פון 1907 איז די אַרמיי פון ארבייטס־לאָזע אין די פאַראייניגטע שטאַטען פאַרגרעסערט געוואָרען אויף אָנדערהאַלבען מיליאָן, און אין 1908 איז די צאָהל פון ארבייטסלאָזע געווען צווישען דריי און פיר מיליאָן. עס האָט געדויערט צוויי יאָהר איידער דאָס לאַנד האָט אָנגעהויבען צו פיהלען אַן ענדערונג אין דיזער לאַגע.

אָט אין דיזער פעריאָדע פון די ענטוויקלונג און דעם נידערפאַל אין די אינדוסטריען זיינען פאָרגעקומען אַזוינע רייסערייען אין דער פּאָליטישער און אין דער געשעפטס וועלט, אַז דער אַלגעמיינער עולם האָט זיך געמוזט דערוויסען פון זיי. אין דעם זומער פון

1904 האָט דער באָסטאָנער פינאַנסיר, טאָמאַס לאָורענס, זיך צו־קריגט מיט אַ מעכטיגע גרופּע פון אַמעריקאַנער געלט קעניגע, וועל־כע זיינען געווען פאַרבונדען מיט דער „סטענדאַרד אָיל קאָמפּאַני״, האָט ער אָנגעפאַנגען דרוקען אַ סעריע אָפּהאַנדלונגען וועגען די מעטאָדען פון דיזער קאָמפּאַניע, און דאָס לאַנד איז ערשטוינט גע־וואָרען פון די סודות וועגען דער קאָרופּציע און די נידערטרעכ־טיגקייטען וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט אין פאַרבינדונג מיט די געשעפטס אַנגעלעגענהייטען פון אַזוי גוט באַוואוסטע פּערזאָנען.

דיזע אויפדעקונג וועגען דעם מעכאַניזם פון די הויכע פינאַנץ איז נאָכגעפאָלגט געוואָרען אין 1905 פון אַן אָפיציעלע אונטערזו־כונג איבער די לעבענס פאַרזיכערונגס קאָמפּאַניס, וואָס זיינען פאַר־אַנשטאַלטעט געוואָרען פון דער לעדזשיסלייטשור אין ניו יאָרק סטייט.

די געשעפטען פון די לעבענס פאַרזיכרונגס געזעלשאַפטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען זעהר גרויס. הונדערטער מיליאָ־נען דאָלארס זיינען אריינ...עלייגט אין דיזע געשעפטען פון פּערזאָנען אין אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. דיזע געלדער זיינען אָפט די איינציגע פאַרזאָרגונג וואָס ווערט געמאַכט פאַר אַלמנות און יתומים. די אונטערזוכונג האָט באַוויזען, אַז די געזעלשאַפטען מיסברויכען די אַנפאַרטרויאונג. די „באַוואוסטע״ פינאַנסירען און בירגער, וועלכען האָבען געהאַלטען דיזע געלדער, האָבען גע־צאָלט איבערטריבענע גרויסע געהאַלטען זיך אַליין. זיי האָבען דאָס געלט פאַרברויכט פאַר זייערע פּערזענליכע פינאַנציעלע אונ־טערנעמונגען, און האָבען זיך אויך באַנוצט דערמיט צו שטיצען די פּאָליטישע פּאַרטייען און אונטערצוקויפען די געזעץ־מאַכער.

נאָך איידער דער אָפּקלאַנג פון דיזע סקאַנדאַלען אין דער פי־נאַנציעלער וועלט איז פאַרשוואונדען, האָט דער סאָציאַליסטישער נאָוועליסט אַפּטאַן סינקלעיר אריינגעוואָרפען אַ נייע באָמבע אין דעם לאַגער פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם. ער האָט פאַר־עפענטליכט זיין באַריהמטען ראָמאַן, „דהי דזשאָנגעל״. דיזער ראָמאַן האָט ענטהאַלטען אַ רעאַליסטישע שילדערונג פון די שרעק־

ליכע אומשטענדען אין די שיקאגא'ר יאטקעס. אזא טיפען איינדרוק האָט דער בוך געמאכט, אז פּרעזידענט רוזוועלט האָט דאָס געפונען פאר נויטיג צו מאכען אָן אָפיציעלע אונטערזוכונג, וועלכע האָט באַשטעטיגט די באַשולדיגונגען פון דעם שרייבער, און האָט גע־פיהרט צו געוויסע רעפאָרם געזעצען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָ־רען אין קאָנגרעס.

ארום דער זעלבער צייט, און צוליב פארשיידענע אורזאכען, איז אויך אויפגעדעקט געוואָרען די קאָרופּציע אין דער רעגירונגס פּאַרוואַלטונג פון אייניגע פון אונזערע גרעסטע שטעדט. עס איז באוויזען געוואָרען, אז די שטעדט ניו יאָרק, שיקאגאָ, פילאדעלפיא, מינעאַפּאָליס, פּיטסבורג, מילוואָקי און סט. לואיס, זיינען געלעגען אין די נעגעל פון פּאָליטישע באנדעס, וועלכע האָבען געהאנדעלט מיט קהל'שע אייגענטום און עמטער. קורץ, פאר די גרויסע מאסען פון דער באַפעלקערונג איז ארויסגעשטעלט געוואָרען די העסליכקייט פון דעם קאָנצענטרירטען קאפּיטאליזם.

די אַלגעמיינע אומצופרידענהייט מיט עקזיסטירענדע אומ־שטענדען איז געוואָרען ברייטער און טיפער, און זי האָט זיך אויס־געדריקט אין די פארשיידענע אָרגאנען פון דעם עפענטליכען לעבען, און ספּעציעל אין אונזער ליטעראַטור און אין דער פּאָליטיק.

אויב עס איז אמת, אז די ליטעראַטור פון א לאַנד שפּיגעלט אָפּ די גייסטיגע שטעלונג פון פאָלק, דאַן מוז מען זאָגען, אז דאָס אמעריקאַנער פאָלק פיהלט די לעצטע צייט גענויגט צום ראדיקאַ־ליזם, און גרייט צו רעוואָלטירען געגען די עקזיסטירענדע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע איבלען. זייט דעם אָנפאַנג פון דעם צוואנציג־סטען יאָהרהונדערט איז אונזער פּרעסע און אונזער ליטעראַטור פול מיט אָנגריף אויף די עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס, און מיט דיס־קוסיעס וועגען סאָציאַלע אויפבעסערונגען.

ראדיקאַלע ראָמאַנען, און זאָגאַר סאָציאַליסטישע ראָמאַנען, זיינען געוואָרען שטאַרק פּאָפּולער. ניט בלויז זיינען דזשעק לאָנדאָן און אפּטאָן סינקלעיר (סאָציאַליסטען און מיטגלידער פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי) שטאַרק געלעזען געוואָרען, נאָר עס איז

כמעט געוואָרען אוממעגליך פאַר אַ נייעם ראָמאַן צו צוציהען גרויס אויפמערקזאַמקייט, סיידען ער האָט באַהאַנדעלט אַ סאָציאַלע אָדער אַ סאָציאַליסטישע טעמע. דער סאָציאַליזם איז אין אַלגעמיין געוואָרען די וויכטיגסטע פראַגע פאַר דיסקוסיע אין ביכער, שריפטען און צייטונגען.

דער צייט־גייסט האָט זיך אויך ארויסגעוויזען אין די „אויפדע־קונגס ליטעראַטור”, וועלכע איז געשריבען געוואָרען פון די בעסט־באַגאַבטע צווישען די אינגערע זשורנאַליסטען און שרייבער. דיזע מאָדערנע שולע אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור האָט פילעס געטאָן אויפצודעקען די קאָרופּציע פון פילע פּאָליטישע און אינדוס־טריעלע אינסטיטוציעס, און דער איינפלוס איהרער קאָן פאַרגליכען ווערען מיט דעם איינפלוס וואָס די עהנליכע שולע אין דער אַלטער רוסישער ליטעראַטור האָט געהאַט אין דער באַוועגונג פאַר דער אָפּשאַפונג פון פאַנסטשינע. דאָ מוז אויך דערמאָנט ווערען די בלומרשט סאָציאַליסטישע טעגליכע פּרעסע, וועלכע האָט געזוכט צו שלאָגען קאַפּיטאַל פון די אַלגעמיינע שטימונג פון אומצופרידענ־הייט צווישען די מאַסען, און געזוכט צו געווינען לעזער דורך דעם וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס ראַדיקאַל אין פראַגען וואָס האָבען דאַמאָלסט אינטערעסירט דעם גרויסען עולם. דער פאָטער פון דיזען מאָדערנעם סאָרט זשורנאַליזם איז מיסטער וויליאַם רענ־דעל הוירסט, וועלכער האָט געגרינדעט אַ גאַנצע קייט צייטונגען אין די וויכטיגסטע שטעדט פון די פאַראייניגטע שטאַטען — צייטונגען וועלכע האָבען צוזאַמען געהאַט אַ צירקולאַציע פון צוויי מיליאָן עקזעמפּלאַרען אַ טאָג.

און אויב די אַלגעמיינע אומצופרידענהייט און דער „סאָציאַלער אומרוהע” האָבען געגעבען דעם טאָן צו אונזער מאָדערנער ליטעראַ־טור, האָבען זיי נאָך מעהר געווירקט אַלס אַ פיהרענדער גייסט אין דער פּאָליטיק. אין קיין איין לאַנד אין דער וועלט איז אין די פּאָ־ליטישע פּאַרטייען ניטאָ אַזוי ווייניג פּרינציפּען, ווי אין די פאַר־איינינגטע שטאַטען. ערגעץ זיינען זיי ניט אַזוי גלייכגילטיג צו די ענדערונגען אין דעם גייסט פון דער צייט, ווי דאָ. אין די לעצטע

עטליכע יאָהר האָבען אָבער אונזערע ווירטיגסטע פּאָליטישע פּאַר־טייען געזוכט צו איבערשטייגען איינע די אַנדערע אין ראַדיקאַליזם. די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי האָט דורך איהר אַגרעסיווען פּרעזידענט אָנגעפאַנגען אַ סיסטעמאַטישען קאַמף געגען די „איבלען פון די טראָסטס און מאָנאָפּאָלען". דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען געזעצען שטרענגער צו באַוואַכען פּראָדוציר־ונג פון שפּייז פּראָדוקטען, צו רעגולירען די באַהן־ראַטען, צו באַשרענקען קינדער־אַרבייט. די געריכטען האָבען אַ צייט־לאַנג זיך געסטאַרעט צו באַשטראָפען די קאַפּיטאַליסטישע פאַרברעכער געגען דעם אַנטי־טראָסט געזעץ. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אויך אין פילע לאָקאַלע און שטאַט וואַהל־קאַמפּען פאַרדאַמט די טראָסטס און מאָנאָפּאָלען נאָך מיט מעהר היץ, און געפאָדערט אַז געוויסע אינדוסטריען זאָלען איבער־גענומען ווערען פון די שטאָדט רעגירונגען און פון די שטאַט רע־גירונגען. אין דער זעלבער צייט, און אַלס אַ רעזולטאַט פון דיזער שטימונג, האָבען זיך אין פאַרשיידענע טיילען פון לאַנד באַוויזען נייע רעפאָרם פּאַרטייען און רעפאָרם באַוועגונגען.

די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, די גרעסטע קערפּער־שאַפט פון אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין אַמעריקא, האָט צום ער־שטען מאָל אין איהר פינף און צוואַנציג יאָהריגע עקזיסטענץ אי־בערטראָטען איהר נדר צו זיין פּאָליטיש נייטראַל, און זי האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דעם וואַהל־קאַמף פאַר קאָנגרעס אין 1906.

אין פאַרשיידענע טיילען פון לאַנד, ספּעציעל אין קאַליפאָרניא, האָבען די לאָקאַלע יוניאָנס זיך אָרגאַניזירט אין אומאפּהענגיגע פּאָליטישע פּאַרטייען אונטער'ן נאָמען „דהי יוניאָן לייבאָר פּאַרטי". אין סאַן פראַנציסקאָ, די הויפּט שטאָדט פון די וועסט, איז דיזער פּאַרטיי געלונגען דריי מאָל צו געווינען די שטאָדט וואַהלען.

פון אַ פיל גרעסערע באַדייטונג, ווי דיזע אַרבייטער פּאַרטייען, זיינען געוועזען די מיטעל־קלאַס רעפאָרם באַוועגונגען אין דער לעצ־טער פּעריאָדע פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק.

דער יאָהר 1905 איז געוועזען דער ווירטיגסטער אין דיזע באַוועגונגען. דיזער יאָהר האָט בייגעוואוינט די ערוועהלונג פון

דזשאָרזש עדוואָרד דאָן אַלס מעיאָר פון שיקאַגאָ, וועלכער האָט אַגיטירט פאַר דעם אַז די טראַמווייען זאָלען געהערען צו דער שטאָדט; די ערוועהלונג פון דזשאָזעף וו. פאָלק אַלס גאָווערנאָר פון מיזורי. ער האָט זיך זיין נאָמען ערוואָרבען פאַר פאַרפאָלגען די פאַרברעכערישע שטאָט באַאַמטע און די פּאָליטישע פיהרער פון סט. לואיס; די ערוועהלונג פון ראָבערט מ. לאַפאָלעט פריהער אַלס גאָווערנאָר, און שפּעטער אַלס יונייטעד סטייט סענאַטאָר פון וויסקאָנסין. לאַפאָלעט איז געווען באַקאַנט אַלס ראַדיקאַל און אַלס רעפאָרמער אין פּאָליטיק.

אין דעם יאָהר 1905 האָט אויך פאַסירט עטוואָס מערקוויר־דיגעס אין ניו יאָרק. מר. הוירסט, וועלכער האָט ביז יענער צייט געשפּילט אַן אומבאַדייטענדע ראָלע אין דער פּאָליטיק פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט דורך זיינע צייטונגען אויפגעהוי־בען די פראַגע פון שטאט אייגענטום און פאַרוואַלטונג אין די שטאט וואַהלען פון 1905. און ווען די צוויי גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבען זיך ענטזאַגט גוט צו הייסען דיזען פּרינציפּ, האָט ער אָפּגעשניטען זיינע פריהערדיגע פּאָליטישע פאַרבינדונגען, און האָט אָנגעפאַנגען אַן אייגענע פּאָליטישע באַוועגונג. דיזע באַוועגונג האָט זיך ביסלאַכוויז קריסטאַליזירט אין דער מיוניסיפּאַל אָונערשיפּ ליג, וועלכע האָט אַרויסגעשטעלט הוירסט'ן אַלס קאַנדי־דאַט פאַר מעיאָר.

דיזע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען אין דער איילע־ניש פון וואַהל קאַמף, און האָט כמעט קיין עקזיסטענץ ניט געהאַט. זי האָט געפאָדערט די שטאָט זאָל איבערנעמען די טראַמווייען, די גאַס, א. אז. וו. זי האָט אויך אַרויסגעשטעלט נאָך איינינע פאָ־דערונגען וועלכע האָבען געקלונגען ראַדיקאַל. וויכטיג איז, אַז זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם גייסט פון אַן אויפשטאַנד געגען די עקזיסטירענדע אומשטענדען. פון אָנפאַנג האָבען די אַלטע פּאָליטיקער פון ניו יאָרק די באַוועגונג ניט גענומען ערנסט, אָבער ווען עס איז געקומען נעהענטער צו די וואַהלען האָט די באַוועגונג אונערוואַרטעט געפונען פילע אָנהענגער. ווען מען האָט איבער־געצעהלט די שטימען האָט דער אָפיציעלער באַריכט געגעבען

הוירסט׳ן 222,929, און זיין ערפאָלגרייכען געגנער אויף דעם דע־מאָקראטישען צעטעל, דזשאָרדזש ב. מעק־לעלען, 118,397.

ערמוטיגט פון דיזען אונערוואַרטעטען ערפאָלג אין די וואַהלען, האָט הוירסט זיך אריינגעוואָרפען אין דעם קאַמף פון די שטאַט־וואַהלען אין 1906. ער האָט איבער׳ן גאַנצען שטאַט ניו יאָרק אָרגאַניזירט זיין פּארטיי אונטער דעם נאָמען, „דהי אינדעפּענדענט ליג״, און ער האָט אָנגענומען די נאָמינאַציע פאַר גאָווערנאָר אויף אַן אומקלאָהרע, אָבער ראַדיקאַלע, פּרינציפּען ערקלערונג. די דע־מאָקראַטישע פּארטיי האָט איהם אינדאָרסירט. איהר פּרינציפּען־ערקלערונג, אָבער, איז געווען אַ רעאַקציאָנערע. ער האָט געצויגען 691,105 שטימען, געגען 749,002, וואָס זיין ערפאָלגרייכער געג־נער, דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט האָט באַקומען. אַלע איבע־ריגע קאַנדידאַטען וואָס זיינען געלאָפען אויף הוירסט׳ס צעטעל זיינען ערוועהלט געוואָרען. די הוירסט באַוועגונג האָט אויך גע־שפּילט אַ ראָלע אין די וואַהלען פון מאַסאַטשוסעטס סטייט, וואו איהר קאַנדידאַט, מר. מאָרען, האָט באַקומען 192,295 שטימען פון די אָפּגעגעבענע 400,000 שטימען. אין קאַליפאָרניא האָט הוירסט׳ס קאַנדידאַט פאַר גאָווערנאָר, מר. לענגדאָן, געצויגען 45,000 שטי־מען פון די אָפּגעגעבענע 300,000.

מיט דעם וואַהל קאַמף פון 1906 פאַנגט אָן די הוירסט באַ־וועגונג צו געהן אויף צוריק. זיין פאַראייניגען זיך מיט די רעפּוב־ליקאַנישע און דעמאָקראַטישע פּארטייען, וועלכע ער האָט פריהער אַליין אין זיינע צייטונגען פאַרדאַמט, זיין איינשטימען אָנצונעמען אַ קאַנדידאַטור מיט אירגענד וועלכער פּרינציפּען ערקלערונג — אַט דאָס האָט זיין באַוועגונג צושלאָגען. זי איז קיינמאָל ניט גע־שטאַנען אויף אַ באַשטימטע פּראָגראַם פון פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע רעפאָרמען; זי איז הויפּטזעכליך געשטיצט געווען אויף די פּערזענליכע מיטלען פון מר. הוירסט, און אויף דעם איינפלוס פון זיינע צייטונגען. עס איז קלאָר געוואָרען פאַר׳ן גרויסען עולם, אַז אין דער הוירסט באַוועגונג איז ניט געווען עטוואָס באַשטימטעס אָדער אנציהענדעס — בלויז די פּערזענליכקייט פון מר. הוירסט. אין די פּרעזידענט וואַהלען פון 1908 האָט זיך די אָרגאַניזאַציע אַ

נאָמען געגעבען „דהי אינדעפּענדענט פּארטיי״. זי האָט אָפּגעהאַל־טען אַ נאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר, און האָט נאָמינירט מר. טאָמעס ל. היסגאָן, אַ רייכען ביזנעססמאַן פון מאַסאַטשוסעטס, פאַר פּרע־זידענט. דיזער וואַהל־קאַמף האָט ווידער באַשטעטיגט די שוואַכקייט פון דער באַוועגונג אַלס אַ באַוועגונג. מר. היסגאָן האָט געצויגען בלויז 28,628 שטימען איבער׳ן גאַנצען לאַנד — וועניגער ווי אַ דריטעל פון די שטימען וואָס הוירסט האָט אין 1905 באַקומען אין דער שטאָט ניו יאָרק אַליין, און וועניגער ווי אַ פינפטעל פון די צאָהל שטימען וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געקראָגען.

אין 1909 איז מר. הוירסט ווידער געלאָפען פאַר מעיאָר אין ניו יאָרק. דיזען מאָל האָט ער זאָגאַר ניט אַרויסגעשטעלט קיין רעפאָרם פּראָגראַם. ער האָט געקראָגען מעהר ווי 150,000 שטימען.

2. די טרייד־יוניאָן באַוועגונג איצטער.

וויכטיגע פאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין די לעצטע יאָהרען. די אַמעריקען פעדעריי־שאָן אָוו לייבאָר האָט אין דיזער צייט פאָרגעזעצט איהר לאַנגזא־מען, אָבער שטענדיגען, וואוקס, און האָט דורכגעמאַכט וויכטיגע קעמפּפע. אין די פינף יאָהר, צווישען 1904 און 1908, האָט די פעדעראַציע ארויסגעגעבען 1650 נייע „טשאַרטערס“ צו פאַרשי־דענע נאַציאָנאַלע, אינטערנאַציאָנאַלע, און לאָקאַלע יוניאָנס. אין דער זעלבער פעריאָדע האָט די צאָהל מיטגלידער אין די אַלע אָר־גאַניזאַציעס וואָס זיינען מיט דער פעדעראַציע פאַרבונדען זיך פאַרמעהרט אויף איבער 100,000. אין דעם באַריכט צום יעהר־ליכען צוזאַמענפאָהר פון דער פעדעראַציע, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין 1908, האָט דער פּרעזידענט, סעמיועל גאָמפּערס, אָנגעגעבען די פאָלגענדע ציפערן: אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, 116; שטאַט פעדעראַציעס, 38; צענטראַלע ארבייטער קערפּער־שאַפטען, 606; לאָקאַלע יוניאָנס, 583; אינדוסטריעלע פאַרבאַנ־דען, 2. אין די אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס זיינען געווען ניט וועניגער ווי 28,400 לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס. די באַצאָלטע מיט־גלידערשאַפט פון דער פעדעראַציע אין יענעם יאָהר איז געווען 1,586,885. דיווירקליכע צאָהל מיטגלידער איז געשאַצט גע־ווען אויף איבער 2,000,000.

די אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז די גרעסטע קער־פּערשאַפט פון אָרגאַניזירטע ארבייט אין די פאַראייניגטע שטאַטען. אָבער אין איהר טרעטען ניט אריין אַלע יוניאָנס פון לאַנד. פון אַ האַלבען ביז אַ גאַנצען מיליאָן ארבייטער זיינען אָרגאַניזירט אין קלענערע פעדעראַציעס און נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע יוניאָנס. דיזע אָרגאַניזאַציעס האָבען אויך געמאַכט גרויסע פאָרטשריט אין די לעצטע עטליכע יאָהר. אין די שלעכטע מאָנאַטען פון דעם יאָהר

1908 איז די טרייד יוניאָן באַוועגונג א ביסעל אראָפּגעפאַלען, אָבער אין אַלגעמיין האָט די אָרגאַניזירטע ארבייטער באַוועגונג איינגעהאַלטען איהרע מיטגלידער און איהר איז געלונגען ווידער־צושטעהן דעם פאַרזוך אַרונטערצושניידען די וויידזשעס פון די ארבייטער אין יענעם קריזיס.

דעם וואוקס און די שטאַרקייט פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג האָט, נאַטירליך, ארויסגעוואָרפען א שרעק אויף די באַלעבאַטים, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אן אָרגאַניזירטע באַוועגונג אָפּצושטעלען דעם פּראָגרעס פון אָרגאַניזירטע ארבייט. די וויכטיגסטע באַוועגונג אין דיזער ריכטונג איז געווען די אַזוי גערופענע „אָפּען שאָפּ" באַוועגונג. די באַוועגונג האָט צוגעקראָגען מוט דורך א באַפעהל וואָס דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען האָט ארויסגעגעבען, אַז די דרוקעריי פון דער רעגירונג זאָל זיין אַן „אָפּען שאָפּ"; דאָס הייסט, אַז מען זאָל דאַרטען ניט אונטערשייַדען צווישען יוניאָן ארבייטער און ניט־יוניאָן ארבייטער. דאָס איז געווען א קלאַפּ געצילט געגען דעם וויכטיגסטען פּונקט פון די טרייד יוניאָן באַוועגונג, וועלכע זוכט אריינצוציהען אַלע ארבייטער אונטער דער יוריסדיקציע פון די אָרגאַניזאַציעס. די באַלעבאַטים אין לאַנד האָבען אויפגעכאַפּט דעם פּרעזידענט'ס באַפעהל, און אָנגעפאַנגען א באַוועגונג צו פאַרניכטען די יוניאָנס אין דעם נאָמען פון „אָפּען שאָפּ". דער וויכטיגסטער אָרגאַן פון דער באַוועגונג איז געווען „דער סיטיזענס אינדוסטריעל עלליינס", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אין שיקאַגאָ אין אָקטאָבער 1903. די אָרגאַניזאַציע האָט ארויסגעגעבען א פּרינציפּען ערקלערונג, אין וועלכער זי האָט אויסגעדריקט איהר אָפּאָזיציע צו „געמיינשאַפטליכע קאָנטראַקטען, רעגירונגס פּשרות אין ארבייטער סכסוכים, און צו אַלע פּלענער פון שליכטען ארבייטער קעמפע, וועלכע לאָזען אוים דעם פּרינציפּ אַז יעדער מענש האָט א רעכט צו ארבייטען וואו, ווען, און פאר וויפיעל ער וויל, און אַז דער באַלעבאָס האָט דאָס רעכט צו דינגען וועמען ער וויל, פאר וויפיעל ער וויל."

אין נאָוועמבער 1904 האָט דיזע אָרגאַניזאַציע אָפּגעהאַלטען

א נאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר אין ניו יאָרק, ביי וועלכען עס זיינען אַנוועזענד געווען 400 דעלעגאַטען פון פארשידענע טיילען פון לאַנד. אין דעם נעקסטען יאָהר האָט דער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט, מר. עדוואַרד ה. דייווים, ערקלערט אַז אין דער אָר־גאַניזאַציע זיינען פאַראייניגט עטליכע הונדערט טויזענד פאַברי־קאַנטען און געשעפטס־לייט.

דער סיטיזענס אינדוסטריעל עלייענס איז געווען ענג פאַר־בונדען מיט דעם נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון פאַבריקאַנטען, וואס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1905. דיזער פאַרבאַנד האָט פון אַנפאַנג ערקלערט אלס זיין ציעל צו העלפען האַנדעל און אפצו־שאַפען אלע באַשרענקונגען געגען האַנדעל. די שפּעטערע יאָהרען, אָבער, און ספּעציעל אונטער דער פאַרוואַלטונג פון איהרע פיער לעצטע פּרעזידענטען, די הערר פּערי, פּאָסט, ווען קליוו און קוירבי, האָט זי קאָנצענטרירט איהרע כחות הויפּטזעכליך אויף צו באַקעמ־פען די יוניאָן באַוועגונג. עס ווערט געזאָגט, דאס צווישען די יאָהרען 1906 און 1907 האָט דע פאַרבאַנד געזאַמעלט א מיליאָן און א האַלב דאָלאַר אלס א קריגס־קאַסע און אין א קרייץ־צוג געגען אָרגאַניזירטע אַרבייט. זי האָט באַשעפטיגט ניט וועניגער ווי 12,000 מענשען, וועלכע האָבען געדיענט אלס שפּיאָנען אויסצו־געפינען די האַנדלונגען פון די אַרבייטער, און צו דעמאָראַליזירען און דיסאָרגאַניזירען די יוניאָנס. דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון פאַבריקאַנטען האָט אין יענעם יאָהר געהאַט א מיטגלידערשאַפט פון 3,000. ער האָט אָרגאַניזירט א גרויסע צאָהל לאָקאַוטס, האָט פאַראורזאַכט פיעלע סטרייקס, און האָט פאַראורזאַכט געזעץ־פאַר־פאָלגונגען געגען אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. אין אַלגעמיין, אָבער, איז איהר מיה אָפּצושוואַכען די אַרבייטער באַוועגונג געווען אַן אומזיסטע.

א צווייטער פאַרזוך פון די באַלעבאַטים אָפּצושוואַכען די אַר־בייטער באַוועגונג איז געווען די אָרגאַניזאַציע פון דעם „נאַציאָ־נאַל סיוויק פעדערריישאַן". דיזע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז באַ־שאַפען געוואָרען אין דעם מוח פון דעם ביטרען סענאַטאָר הענגא, איז געווען צונויפגעשטעלט פון א געמישעכטס פון מיליאָנערען,

אַרבייטער פיהרער, און „באוואוסטע בירגער". איהר בלומרשט'ער ציעל אין „שלום צו מאכען צווישען ארבייטער און באַלעבאַטים, אָבער ניט דורך פשרות". אין דער אמת'ן ווירקט, אבער, דיזע אָרגאַניזאציע אפצושאפען דעם אגרעסיווען גייסט פון אָרגאַניזירטע ארבייט. וועגען דער קאָנפערענץ וואס דיזע קערפערשאפט האָט אפגעהאַלטען אין ניו יארק דעם 7טען מאַי 1907, איז ערקלערט געווען, אז זי רעפּרעזענטירט אַ קאַפּיטאַל פון הונדערטער מיליאָנען, און מעהר ווי צוויי און אַ האַלב מיליאן ארבייטער. די לעצטע טייל פון דיזען ערקלערונג שטיצט זיך אויף דעם, וואָס ביי דער קאָנפערענץ זיינען געווען דער פרעזידענט און נאָך אייניגע בעאַמטע פון דער אמעריקען פעדדריישאָן אָוו לייבאָר, וועלכע האָבען זיך אומגליקליכערווייזע ערלויבט אריינגעצויגען צו ווערען אין דער באוועגונג. אויף די אַלגעמיינע מאסען פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג האָט די „סיוויק פעדעריישאָן" קיינמאָל ניט אויסגעאיבט קיין איינפלוס.

א וויכטיגע פאַסירונג אין די לעצטע קאַפּיטלען פון דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער טרייד יוניאָניסטישער באוועגונג איז די פּאָליטישע טעטיגקייט פון דער פעדעריישאן אָוו לייבאָר.

יאָהרען לאַנג איז די פעדעריישאן געשטאַנען אויף דעם פּרינציפּ, דאָס דער ארבייטער קלאס מוז זיך צוריקהאַלטען פון פּאָליטישע טעטיגקייט. אנשטאָט דעם פלעגט זי זוכען טובות פון די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען אין די שטאַטען און פון דעם קאנגרעס אין וואשינגטאָן דורך שתדלנות. פּרובט האָט דיזע טעטינקייט געבראכט זעהר ווייניג. אייניגע שטאַטען האָבען געשאפט געזעצען דורך באגרעניצען די ארבייטס-שטונדען פון פרויען און קינדער און פון מענער, וואס האָבען זיך באשעפטיגט ביי געפערליכע אדער אומגעזונטע פאכען. אנדערע שטאַטען האָבען אנגענומען געזעצען וועגען א מינימום לוין פאר געוויסע אנגעשטעלטע ביי רעגירונגס-ארבייט. דער קאנגרעס האָט געפאַסט א געזעץ וועגען און אכט-שטונדיגען ארבייטס-טאָג פאר די ארבייטער אין דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. דיזע אַלע געזעצען, אָבער, האָבען ווייניג גוטעס געבראַכט פאר דעם ארבייטער קלאַס.

באַנוצענדיג זיך מיט דער מאַכט, וואס אונזערע געריכטען האָבען צו ענדערען געזעצען דורך „פארטייטשונגען“, אדער זיי איינגאנצען אפצושאַפען אויף דעם גרונד, אז זיי זיינען ניט קאָנ־סטיטוציאָנעל, האָבען די ריכטער אויסגעמעקט פון די געזעץ־ביכער פיעלע פון דיזע גינסטיגע ארבייטער געזעצען. אין די יאָה־רען פון 1905 ביז 1908 איז פאָרגעקומען אַן אמת'ע שחיטה אויף ארבייטער געזעצען.

אין דער זעלבער צייט האָבען די פארשידענע אפטיילונגען פון דער פעדעראַלער רעגירונג ארויסגעצייגט א שטארקע נייגונג צו איגנארירען דעם אכט שטונדיגען ארבייטס־געזעץ. די פאר־שידענע אנדערע געזעצען, וואס די אמעריקען פעדערייש‏אָן אוו לייבאר האָט געזוכט ארייננצופיהרען אין קראפט, ווי, צום ביי־שפיעל, געזעצען געגען ביליגע ארבייט אין געפענגענישען, געגען „אינדזשאָנקשאָנס“, א. א. וו. זיינען סיסטעמאטיש איגנארירט געוואָרען אין קאָנגרעס.

די עקזעקוטיווע באאַמטע פון דער פעדערייש‏אָן זיינען ענד־ליך מיד געווארען, און נאָך א בעראטונג מיט די פרעזידענטען פון 117 נאציאָנאלע יוניאָנס האָבען זיי פארמולירט א דאָקומענט, וועלכער איז באקאנט געווארען אונטער דעם נאָמען: „די טענות פון דעם ארבייטער קלאס“. אין דיזען דאָקומענט האָט די אמעריקען פעדערייש‏אָן אָוו לייבאָר דערצעהלט וועגען די פארזור־כען וואָס זי האָט געמאכט צו קריגען גוטע געזעצען אין קאָנגרעס און ווירקען אז די געזעצען וואס זיינען שוין אָנגענומען געווארען זאָלען דורכגעפיהרט ווערען, און ווי אזוי די אלע פארזוכען זיינען דורכגעפאלען. געשלאָסען האָט זיך דער דאָקומענט מיט א פאָדע־רונג, אז די רעגירונג זאָל זיך צו די טענות צוהערען. דעם דאָקו־מענט האָט די פעדערייש‏אָן פארגעלייגט פאר דעם פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען, און צייטווייליגען פרעזידענט פון סע־נאט, און פאר דעם ספיקער פון דעם קאָנגרעס. געשלאָסען האָט זיך דער דאָקומענט מיט די פאלגענדע ווערטער:

„מיר לייגען פאר דיזע טענות פאר אייך, ווייל מיר האָבען

שוין לאַנג און געדולדיג, אָבער אומזיסט, געוואַרט פאַר יושר. פאַר יעדער אָנקלאַגע וואָס מיר האָבען געבראַכט, האָבען מיר פאַר־געלייגט אן עהרליכען און געזעצליכען מיטעל ווי דעם איבעל אָפּ־צושאַפען. דיזע מיטלען, וואָס מיר האָבען פאָרגעלייגט, זיינען אין אנקלאַנג מיט די גרונד געזעצען פון לאַנד, און מיט דעם פּראָג־רעס וואָס די געענדערטע אינדוסטריעלע אומשטענדען האָבען נוי־טיג געמאַכט.

„דער ארבייטער קלאַס ליגט פאַר דיזע טענות פאַר אייך, ווייל איהר זייט די פאַרשטעהער, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר מאַכען געזעצען און פאַר ניט מאַכען געזעצען. די ארבייטער קומען צו אייך אלס אייערע חברים בירגער, וועלכע אלס ארביי־טער האָבען זיי ניט בלויז א גלייכען אינטערעס אין לאַנד מיט אייך, נאָר זיינען דערצו די יאָך־טרעגער אין אַמעריקא. אלס פאָרשטעהער פון ארבייט פאַרלאַנגען מיר פון אייך איהר זאָלט זיך אויף אונזערע טענות אָפּרופען, ווייל איהר קאָנט עס טאָן.

„ארבייט אַפּעלירט צו אייך, און מיר האָפען, אז אונזער מיה וועט ניט זיין אומזיסט. אָבער אויב איהר וועט אונז איגנאָרירען וועלען מיר אַפּעלירען צו דעם געוויסען און צו דער שטיצע פון אונזערע מיט־בירגער.“

דיזער דאָקומענט האָט באַקומען זעהר ווייניג אויפמערקזאַמ־קייט פון דעם פּרעזידענט און פון די פּאַרזיצענדע פון סענאַט און פון קאָנגרעס, און אין דעם נעקסטען וואהל־קאַמף, אין 1906, איז די אַמעריקען פעדערייש‏אָן אוו לייבאָר טריי געווען איהר וואָר־נונג, און אין איהם גענומען א טעטיגען אַנטייל. צום אומגליק, אָבער, האָבען די באַאמטע פון דער פעדערייש‏אָן אָנגעפיהרט דיזען קאַמף אויף א קורצזיכטיגען און האַלב ערנסטען אַרט, אזוי ווי זיי טוען עס געוועהנליך. זיי האָבען זיך ניט ערהויבען צו דעם פּונקט פון זעלבסט באַוואוסטזיניגער ארבייטער־קלאַס פּאָליטיק. זיי האָבען ניט ארויסגעשטעלט אייגענע קאַנדידאַטען. זיי האָבען אויך ניט געשטיצט די קאַנדידאַטען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבען זאָגאַר ניט אָנגעפאַנגען צו פאַרשטעהן דעם

אונטערשיד צווישען דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַלס אַן אַר־בייטער פּאַרטיי, און די צוויי אַלטע פּאַרטייען אַלס פּאַרטייען פון די באַלעבאַטים. די פעדערייזשאַן האָט איהר טעטיגקייט באַגרע־ניצט אויף באַקעמפען געוויסע רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטי־שע קאַנדידאַטען, און אויף שטיצען אַנדערע קאַנדידאַטען פון דיזע פּאַרטייען בלויז ווייל זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט, אַז די ערשטע זיינען שונאים פון אַרבייט און די לעצטע זיינען פריינד פון אַרבייט.

דער וואהל־קאַמף איז, אַלזאָ, אָנגעפיהרט געוואָרען אויף דעם פּרינציפּ פון „באַלוינען פריינד און באַשטראָפען פיינד„. ער האָט קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט אויף דער פּאָליטיק פון לאַנד, און גאַנץ מעגליך, אַז די פעדערייזשאַן וואָלט קיינמאָל קיין עהנליכען וואהל־קאַמף ניט אויפגענומען, ווען ניט אַ געוויסע פּאַסירונג אין יענער צייט.

אין די פעדערייזשאַן האָט זיך געפיהרט, אַז מען פלעגט אין איהר אָפיציעלען אָרגאַן, „די אַמעריקען פעדערייזשאָניסט„, דרוקען די נעמען פון באַלעבאַטים געגען וועמען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען געהאַט ספּעציעלע קריוודעס. דיזע נעמען פלעגען געדרוקט ווערען אונטער אַ קעפּעל: „מיר שטיצען ניט„, און די לעצטע איז געגאַנגען אונטער׳ן נאָמען: „די מיר־שטיצען־ניט ליסטע„ פון דער פעדעראַציע.

אין 1907 האָט די „באָק סטאָוו ענד רענדזש קאָמפּאַני„ פון סט. לואיס, געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פאַרלענגערען די אַרבייטס־שטונדען פון איהרע אַנגעשטעלטע, וועלכע זיינען געווען מיטגלידער פון אַ יוניאָן. די יוניאָן האָט זיך געשטעלט געגען דיזען פאַרזוך. אַ סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען, אָבער יע־דער מיטעל וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרען אויסצוגלייכען דעם סכסוך האָט זיך ניט איינגעגעבען צוליב דער עקשנות פון דעם פּרעזידענט פון דער פירמע, מר. דזש. וו. ווען־קליעוו, וועלכער איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון דעם נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון פאַבריקאַנטען, און אַ באַוואוסטער שונא פון אָרגאַניזירטע אַר־

בייט. דער נאָמען פון „באַק סטאָוו ענד רעדזש קאָמפּאַני" איז, אַלזאָ, ארויסגעשטעלט געווארען אויף דער דערמאָנטער ליסטע, אין דעם אָרגאַן פון דער פעדעריישאָן, און די קאָמפּאַניע האָט ארויסגעקראָגען אן „אינדזשאָנקשאָן" (א פארבאט), וועלכער האָט פארבאָטען די באַאמטע פון דער פעדעריישאָן צו דרוקען איהר נאָמען אין דיזער ליסטע. אזוי ווי דיזער „אינדזשאָנקשאָן" איז געוועזען געגען די פּרינציפּען פון פּערזענליכע פרייהייט און פון פּרעסע־פרייהייט, האָבען די באַאמטע פון דער פעדערייישאָן איהם ניט גענומען ערנסט.

אין דעצעמבער, דעם 18טען, 1907, האָט א צווייטער ריכטער ארויסגעגעבען איינע פון די שטאַרקסטע „אינדזשאָנקשאָנס" וואס א געריכט אין אמעריקא האָט ווען עס איז צוגע'פּסק'ענט. דיזע „אינדזשאָנקשאָן" האָט פארבאָטען אלע באַאמטע און מיטגלידער פון דער אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, און אלע ארגאניזאַציעס וואס זיינען מיט איהר פארבונדען, אלע איהרע אגענטען, פריינד, סימפּאַטיזירער, און אדוואקאַטען, אז זיי זאָלען ניט אלס באַאמטע, און ניט אלס איינצעלנע געבען אירגענד וועלכע אנצו־הערעניש וועגען דעם קאמף צווישען דער קאמפּאַניע און איהרע ארבייטער, זיי זאָלען וועגען דעם ניט שרייבען און ניט ריידען, און זיי זאָלען ספּעציעל ניט דערמאָנען וועגען דעם באָיקאָט פון דער יוניאָן געגען דער קאָמפּאַניע. די פעדערייישאָן האָט גלייך אויפ־געהערט צו דרוקען די ליסטע אבער די גאנצע אנגעלעגענהייט איז דיסקוטירט געווארען אין די לייט־ארטיקלען פון דעם אָרגאַן, און אין רעדעס וואס די בעאמטע פון דער פעדערייישאָן האָבען געהאל־טען. אָט אויף דעם גרונד פון דיזע ארטיקלען און רעדעס זיינען אָנגעקלאָגט געווארען סעמיועל גאָמפּערס, דער פּרעזידענט; דזשאהן מיטשעל, דער וויס־פּרעזידענט, און פרענק מאָריסאָן, דער סעקרעטאר פון דער אמעריקאן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, אז זיי האָבען ניט געפאָלגט דעם באפעהל פון דעם געריכט. דאָס איז געשעהן אין יולי, 1918. דער פארהער איז געוועזען זעהר א גרינד־ליכער. יעדע ערקלערונג און יעדער טאַט פון די אנגעקלאָגטע אין

פאַרבינדונג מיט דיזען „אינדזשאַנקשאָן" איז גרינדליך אונטער־זוכט געווארען, און זאגאר די פּאָליטישע רעדעס פון מר. גאָמפּערס, און זאָגאר דאָס וואס ער האָט געדרוקט דעם „אינדזשאַנקשאָן" אין זיין אָרגאַן, זיינען געבראכט געווארען אלס באווייזע געגען איהם. דער פאַרהער האָט אָנגעהאַלטען עטליכע מאָנאַטען, און האָט זיך געענדיגט מיט אַן ענטשיידונג פון דזשאַדזש רייט, קורץ נאָך די אַלגעמיינע וואַהלען פון 1908. אין דיזער ענטשיידונג איז די אמעריקען פעדעריישאָן אוו לייבאָר זעהר שווער פאַרדאַמט גע־ווארען און גאָמפּערס, מיטשעל, און מאָריסאַן, זיינען פאַר׳משפּט געווארען צו זיצען אין געפענגניש פון זעקס מאָנאַטען ביז א יאָהר צייט.

די פעדעריישאָן האָט די גאַנצע צייט באטראכט דעם „אינ־דזשאַנקשאָן" אלס די ערגסטע קללה פאַר דער ארבייטער באַוועגונג, און האָט יאָהרען לאַנג אַנגעפיהרט אַן ענערגישען קאַמף, אַז דער „אינדזשאַנקשאָן" זאָל אָפּגעשאַפט ווערען אַלס א וואָפע, פון די באַלעבאַטים געגען די ארבייטער. אבער איצטער, ווען זיי זיינען אזוי שטאַרק געטראָפען געווארען פון דיזע וואפען, האָבען זיך די באַמטע פון דער פעדעריישאָן ארייגעוואָרפען אין א מלחמה געגען דעם „אינדזשאַנקשאָן". א געזעץ איז פאַרגעשלאָגען געווא־רען אין קאָנגרעס, וועלכער האָט געצילט צו דער אפּשאַפונג פון „אינדזשאַנקשאָנס" אין ארבייטער קעמפע. אָבער טראָץ די אָנ־שטרענגונגען און די אַגיטאַציע פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, איז דער פאַרשלאַג דערשטיקט געווארען אין דעם קאָ־מיטעט, און איז זאגאר קיינמאָל ניט פאַרגעבראַכט געווארען פאַר׳ן קאָנגרעס.

די עקזעקוטיווע אין דער פעדעריישאָן האָט דאַן פאַררופען אַן אויסערגעוועהנליכע קאָנפערענץ פון די הויפּט באַמטע פון אַלע אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס, וואָס זיינען מיט איהר געווען פאַרבונדען, אין וועלכע עס האָבען זיך אויך באַטייליגט די פאַר־שטעהער פון די אייזענבאַהן יוניאָנס (וועלכע זיינען מיט דער פעדעריישאָן ניט געווען פאַרבונדען), און אויך פון עטליכע פאַר־מערס אָרגאַניזאַציעס. די קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען

אין וואשינגטאָן, דעם 18טען מערץ, 1908, און זי האָט פארמולירט א פּראָטעסט צום קאָנגרעס, און אן ערקלערונג צו די ארבייטער. אין דעם ערשטען דאָקומענט האָבען די פיהרער פון די ארבייטער ארגאניזאציעס אויפגעפאדערט דעם קאָנגרעס ער זאָל גלייך אָננעמען געזעצען, וועלכע זאלען גוט מאכען די עולות וואס זיינען באַגאַנגען געווארען געגען אָרגאניזירטע ארבייט דורך די ענטשיידונגען פון די געריכטען אין די לעצטע יאָהרען, ספּעציעל די ענטשיידונג אין דעם פאל פון די הוט ארבייטער אין דענבורי, וועלכע האָט ערקלערט, אז ארבייטער יוניאָנס זיינען אומגעזעצליכע טראָסטס, און אויף דער ענטשיידונג וועגען „אינדזשאָנקשאָנס" אין פאל פון סטרייקס. אין דעם אויפרוף צו די ארבייטער האָבען זיי אויפגעפאדערט אלע יוניאָנס צו פאראנשטאַלטען פארזאמלונגען איבער'ן גאנצען לאנד, און אויפצופאדערען דעם קאָנגרעס דיזע געזעצען דורכצופיהרען. די פארזאמלונגען זיינען אָפּגעהאלטען געווארען, און רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געווארען, אָבער ווי גאָמפּערס האָט זיך אויסגעדריקט, „האָט זיך דער קאָנגרעס געשלאָסען, און די מאַיאָריטעט פּארטיי פון קאָנגרעס האָט מיט חוצפּה ערקלערט איהר גלייכגילטיגקייט צו די פאדערונגען פון ארבייט און פון גערעכטיגקייט." גראדע דאן איז אָנגעקומען דער פּרעזידענט וואהל קאמף פון יאָהר 1908, און די פּאליטישע פּארטייען האָבען פאררופען זייערע נאַציאָנאַלע צוזאמענפאָהרען. די עקזעקוטיווע פון דער אמעריקען פעדערייש‍אָן אָוו לייבאָר האָט געשיקט דעלעגאציעס צו די צוזאמענפאָהרען פון צוויי גרויסע פּארטייען, די רעפּובליקאנישע און דעמאָקראטישע, און פארגעלייגט פאר יעדער פון זיי א פאדערונג, אז זי זאָל זיך פארפליכטען דורכצופיהרען געזעצען געגען „אינדזשאָנקשאָנס". די רעפּובליקאנער פּארטיי, וועלכע האָט זיך געפיהלט שטאַרק גענוג אָהן דער הילף פון דער פעדערייש‍אָן, האָט צוריקגעוויזען דיזע פאדערונג. די דעמאָקראטישע פּארטיי, אָבער, וועלכע איז געוועזען שוואכער ווי די רעפּובליקאנער, און וועלכע האָט געהאָפט אויף דעם מעהר ראדיקאלען טייל פון דער באפעלקערונג, האָט זיך אנגעכאפּט אן דער געלעגענהייט צו קריגען די שטיצע פון ארגאניזירטע ארבייט, און

האָט אָנגענומען די פאָדערונג פון דער פעדערײשאָן. דאָס, נאַטירליך, האָט באַשטימט די פּאָליטישע טעטיגקייט פון די באַאמטע פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין דעם וואהלקאמף פון 1908. די „פריינד", וועמען מען האָט באדאַרפט באַלוינען זיינען געווען די דעמאָקראַטישע קאַנדידאַטען, און די „פיינד" וועמען מען האָט געדאַרפט באַשטראָפען זיינען געווען די רעפּובליקאנישע קאַנדידאַטען. מר. גאָמפּערס, און די אנדערע באַוואוסטע באַאמטע פון דער פעדערײשאָן, האָבען טיכטיג געאַרבייט פאַר די דעמאָקראַטישע קאַנדידאַטען. זיי האָבען פאַרשפּרייט מיליאָנען פּראָקלאַמאַציעס, און האָבען אויפגעפאָדערט די יוניאָנס בייצושטייערען געלט צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט זיך פּלוצלונג געפונען אריינגעפּלאָנטערט אין א פּאָליטישען וואהלקאמף, אָבער ניט אלס אן אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע גרופּע, ווי איהרע אייגענע רעזאָלוציעס האָבען דאָס געפאָדערט, נאָר אלס א נאָכשלעפּעניש פון איינע פון די אלטע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען.

גאָמפּערס' טעטיגקייט אין שטיצען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אָבער ניט ארויסגערופען קיין סך באַגייסטערונג אין די רייען פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. די ארבייטער שטימען, וואָס ער האָט פאַרשפּראָכען קריגען פאַר די דעמאָקראַטען, האָט זיך ארויסגעצייגט ניט צו זיין קיין גרויסע צאָהל. יעדענפאַלס, ניט גרויס גענוג צו ראַטעווען מר. ברייען'ען, דעם דעמאָקראַטישען קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, פון א נידערלאַגע, אָדער צו פאַרמיידען די ערוועהלונג פון די אויסגעשפּראָכענע געגנער פון ארבייט וואס זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרען פון דער רעפּובליקאנער פּאַרטיי. די אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט ווידער פאַרנאַכלעסיגט אן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט ארויסצוצייגען איהר מאַכט אלס אן ארבייטער־קלאַס פּאַרטיי, און די גרעסטע אמעריקאַנער ארגאַניזאַציע, מיט איהרע צוויי מיליאָן מיטגלידער און איהר ריזיגען איינפלוס אין דער וועלט פון ארבייט, האָט זיך כמעט ווי לעכערליך געמאַכט אין איהר ערשטער פּאָליטישער אונטערנעמונג.

3. די אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד.

(די אינדוסטריעלע ארבייטער פון דער וועלט).

די יעהרליכע צוזאמענפאהרען פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אין די ערשטע צעהנדליג יאָהר פון דעם צוואנציגסטען יאָהרהונדערט האָבען זיך אויסגעצייכענט ספּעציעל מיט צוויי זאַכען: מען האָט אויפגעהערט דאָרטען דיסקוטירען וועגען אומאָפּהענגיגער ארבייטער פּאָליטיק, און מען האָט זיך דאָרטען מעהר און מעהר אָנגעהויבען פארנעמען מיט די סכסוכים איבער יורידיקציע צווישען די יוניאָנס.

אין די פריהערדיגע יאָהרען פלעגען די סאציאלסיטישע דעלעגאַטען ביי די יעהרליכע צוזאמענפאָהרען פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אָנשטרענגען אלע זייערע כוחות צו ווירקען, אז די פעדעריישאָן זאָל זיך באטייליגען אין פּאָליטישען קאמף אלס אן ארבייטער קלאַס. און ווי מיר האָבען געזעהן, זיינען זיי אין מאנכע פעלע געווען ערפאָלגרייך.

דיזע טעטיגקייט פון די סאציאליסטען איז געווען, נאַטירליך, אין יענער צייט, ווען די סאציאליסטישע פּאָליטישע ארגאניזאציע איז געווען ניט מעהר ווי א נאָמען אין די פאראייניגטע שטאַטען, און ווען די גאנצע מאכט פון ארגאניזירטע ארבייט האָט זיך אויסגעדריקט אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג. ווען די סאציאליסטישע פּאַרטיי האָט אבער אָנגעפאנגען ארויסצוצייגען פעהיגקייט צו ארגאניזירען די ארבייטער אויפ'ן פּאָליטישען באָדען אויף די ליניען פון אינטערנאציאָנאַלען סאציאליזם, איז אויפגעהויבען געווארען די פראַגע צי עס איז ראטזאם צו שאפען א צווייטע פּאָליטישע ארבייטער פּארטיי, וועלכע זאָל זיין ווענינגער ראדיקאל ווי די סאציאליסטישע. די סאָציאליסטען פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אוו

לייבאָר האָבען דארום אויפגעגעבען זייער מיה צו „פאנגען" די פעדערייישאָן, און זיי האָבען גענומען אָנווענדען זייער ענערגיע צו לערנען די ארבייטער אין די יוניאָנס, אויף לאָקאלע פארזאמלונגען, און ביי ברייטערע צוזאמענפאָהרען, זיי זאָלען פארשטעהן די סאציאליסטישע פילאָזאָפיע.

אין אלע דיסקוסיעס וועגען סאציאליזם ביי די צוזאמענפאָהרען פון דער פעדעראציע האָט סעמיועל גאָמפערס, און די אנדערע באאמטע און פיהרער פון דער ארגאניזאציע, אימער גענומען די אלטע שטעלונג: אז די יוניאָנס טאָרען זיך מיט קיין אנדער זאך, ווי אינדוסטריעלע פראגען, ניט אָפּגעבען, און האָבען ארויסגעצייגט ענטשיידענע געגנערשאפט צו דער סאציאליסטישער באוועגונג. דיזע אומפראגרעסיווע שטעלונג פון די פיהרער האָט געשאפען א געפיהל, אין געוויסע טיילען פון דער ארגאניזירטע ארבייט, פון אומצופרידענהייט מיט דער פעדעראציע. און דיזער געפיהל האָט זיך פארשפרייט אין אנדערע טיילען פון דער באוועגונג צוליב די אָפטע סכסוכים וואָס די יוניאָנס פלעגען האָבען איינע מיט די אנדערע.

די אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר איז אָרגאניזירט אויפ'ן פרינציפ פון שטרענגע פאך־אויטאָנאָמיע, און, מיט ווייניגע אויסנאמען, האָט יעדע נאציאָנאלע יוניאָן אין דער פעדערייישאָן אויסשליסליכע יוריסדיקציע איבער דעם פאך. דאָס ברענגט מיט, אז וואו עטליכע פאכען זיינען באשעפטיגט אין איין פירמע, זיינען די ארבייטער צוטיילט אין באזונדערע ארגאניזאציעס, און עס פאסירט אז דיזע ארגאניזאציעס האָבען פארשידענע באציהונגען מיט דער פירמע. אין אזוינע פעלע קען עס טרעפען, דאָס ווען עס איז נויטיג פאר אלע ארבייטער צו שטעהן צוזאמען געגען דעם בעל הבית און סטרייקען, זאָל צווישען די פארשידענע גרופען ארבייטער קיין אחדות ניט זיין. אין מאנכע פעלע, ספעציעל אין דעם בוי־פאך, איז די פראגע געלייזט געווארען דורך דעם. וואס מען האָט ארגאניזירט א קערפערשאפט אין וועלכער די פארשידענע יוניאָנס זיינען געוועזן פאראייניגט, און וועלכע האָט אָנגע־

פיהרט די טעטיגקייט געגען די באַלעבאַטים. אין אנדערע פעלע אָבער, ווי, צום ביישפּיל, אויף די אייזענבאהנען, האָט דיזע סיס־טעם געפיהרט צו רייסערייען און צו ביטערע דעבאַטען צווישען דיזע יוניאָנס אויף די צוזאַמענפאהרען פון דער אמעריקען פעדע־ריישאָן אָוו לייבאָר.

די אָפּאָזיציע צו דיזען איבעל אין דער פעדעראַציע האָט מיט־געבראַכט, אז עס האָט זיך ארגאַניזירט א נייע קערפּערשאַפט פון אָרגאַניזירטע ארבייט: „די אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד". דאָס איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע עקספּערי־מענטען אויף דעם פעלד פון ארגאַניזירטע ארבייט.

אָנגעפאַנגען האָט זיך די באַוועגונג מיט א געהיימע קאָנפע־רענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שיקאַגאָ, אין יאַנואַר, 1905. אויף דער קאָנפערענץ זיינען געוועזן 25 פּערזאָן, די מעהר־סטע פון זיי בעאַמטע פון יוניאָנס, וואָס זיינען ניט געוועזן פאַר־אייניגט מיט דער אמעריקען פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר, און עטליכע גוט־באַקאַנטע סאָציאַליסטען, וואָס זיינען ניט געוועזן פאַרבונדען מיט דער טרייד יוניאָן באַוועגונג.

דער רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ איז געוועזן א באַשלוס ארויסצוגעבען א מאַניפעסט צו די ארבייטער פון אמעריקא, וועל־כער זאָל אויסדריקען די פּרינציפּען פון דער נייער באַוועגונג. די פאָלגענדע אויסצוגען פון דיזען מאַניפעסט גיט א באַגריף פון דעם בליק, וואָס דיזע מענשען האָבען געהאַט אויף דער ארבייטער באַוועגונג:

„אונזערע באַציהונגען און גרופּירונגען שפּיגלען אָפּ די מע־כאַנישע און אינדוסטריעלע אומשטענדען. די וויכטיגע פאַקטען אין איצטיגער אינדוסטריע זיינען, דאָס דער פּלאַץ פון מענשליכע ארבייטס־פעהיגקייטען טרעט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר מאַשינען, און דאָס די מאַכט פון קאַפּיטאַל ווערט פאַרשטאַרקט דורך דער קאָנ־צענטרירונג פון ווערק־צייג מיט וועלכע רייכטימער ווערען גע־שאַפען און פאַנאַנדערגעטיילט.

„אַט צוליב דיזע פאַקטען פאַרשווינדט אַ די צוטיילונג פון

פאכען צווישען ארבייטער, און אי די קאָנקורענץ צווישען קאפּי־טאליסטען. די קלאסען צוטיילונג ווערט אימער מעהר באשטימט, און דער קלאסען קאמף — מעהר שארף. די ליניעס וואס טיילען אפּ פאכען ווערען אָנגעמערקט דורך דעם, וואָס אלע ארבייטער ווערען די שקלאפען פון די מאַשינען ביי וועלכע זיי זיינען באַ־שעפטיגט.

„די ארבייטער, זייענדיג אפּגעטיילט פון דער ערד און פון די ווערקצייג, זינקען ארונטער אין איין אלגעמיינע מאסע אלם לוין שקלאפען. די מאכט פון ווידערשטאַנד ווערט צובראכען דורך דער פאנאנדערשפּליטערונג אין פאכען, וועלכע איז דער רעזולטאַט פון אלטע אינדוסטריעלע אומשטענדען.

„ארבייטער ווערען מעהר ניט קלאסיפיצירט דורך זייערע פארשידענארטיגע פעהיגקייטען. דער באלאבאס טיילט זיי איין לויט די מאַשינען בוו וועלכע זיי ארבייטען. דיזע איינטיילונג שטעלט מיט זיך ניט פאר פארשידענארטיגע פעהיגקייט, אָדער אינטערעסען צווישען די ארבייטער. זיי ווערען אויסגענוצט פון די באלעבאַטים צו שאפען איין גרופּע ארבייטער, און א צווייטע, אום זייער ווידערשטאַנד געגען קאפּיטאַליסטישע טיראַניי זאל דורך דיזע קינסטלערישע צוטיילונגען אפּגעשוואכט ווערען.

„וועהרענד די קאפּיטאליסטען ערמוטיגען דיזע אפּגעלעבטע צוטיילונגען צווישען די ארבייטער, פאסען זיי, די קאפּיטאלסיטען, זיך צו צו די נייע אומשטענדען. זיי שאפען אפּ די אלע מחלוקת צווישען זיך, און פאראייניגען זיך אין זייער קאמף געגען ארבייט.

„די רייען פון די באלעבאַטים און זייערע קריגס־מעטאָדען זיינען אין אנקלאנג מיט די נייע אומשטענדען אין די קאנצענט־רירטע אינדוסטריע. די ארבייטער, אָבער, ארגאניזירען נאָך אלץ זייערע רייען נאָך די אלטע מעטאָדען פון פאכען־צוטיילונג.

„אָט דיזע צוטיילונג פון ארבייטער אין פאכען שטערט דעם וואוקס פון קלאס־באוואוסטזיין צווישען ארבייטער, און העלפט פארשפּרייטען צווישען זיי דעם געדאנק, אז די אינטערעסען פון די באלעבאַטים און די ארבייטער קענען זיין הארמאָניש. דאָס

ברענגט אויך מיט, אז די ארבייטער זאלען ערלויבען דאָס זייערע פארפיהרער זאלען זיך פאראייניגען מיט די קאפיטאליסטען אין „סיוויק פעדערײשאָנס", וואו פלענער ווערען אויסגעארבייט, ווי אזוי דעם קאפיטאליזם צו פאראייביגען, און ווי אזוי צו האלטען די ארבייטער שטענדיג פארשקלאפט אונטער דעם לוין־סיסטעם.

„די אלגעמיינע עקאָנאָמישע איבלען פון וועלכע דער אר־בייטער קלאס לײדעט קענען אפגעשאפט ווערען בלויז דורך אן אלגעמיינער ארבייטער־קלאס באוועגונג. אזא באוועגונג איז אומ־מעגליך אזוי לאנג עס עקזיסטירען באזונדערע פאך ארגאניזאציעס און אזוי לאנג עס ווערען געמאכט קאָנטראקטען מיט די באלע־באַטים, וועלכע זיינען גינסטיג פאר די באלעבאַטים געגען די פון די אנדערע באלעבאטים אין דער זעלבער אינדוסטריע, און וועה־רענד ענערגיע ווערט פארשווענדעט אויף קעמפע צווישען די יו־ניאָנס איבער יורידיקציע, קעמפע, וועלכע נוצען בלויז די פער־זענליכע אינטערעסען פון די יוניאָן־באאמטע.

„א באוועגונג, וועלכע זאל זיך רעכענען מיט דיזע אומשטענ־דען מוז באשטעהן פון איין גרויסע אינדוסטריעלע יוניאָן, וועל־כע זאל איינשליסען אלע אינדוסטריען — פאך אויטאָנאָמיע אין די לאָקאלען, אינדוסטריעלע עקאָנאָמיע אין די אינטערנאציאָנאלע קערפערשאפטען, און ארבייטער - קלאס סאלידאריטעט אין אלגעמיין.

„די באוועגונג מוז זיך שטיצען אויפ'ן קלאַסען קאמף, און זי מוז פארוואלטעט ווערען אין אנקלאנג מיט דער אנערקענונג פון דעם אומאויפהערליכען קאמף צווישען דעם קאפיטאליסטישען קלאָס און ארבייטער קלאַס.

„די לאָקאלע נאציאָנאלע און אלגעמיינע פארוואלטונגען מו־זען זיין די זעלבע אין דער גאנצער באוועגונג. מיטגלידער זאלען קענען אריבערגעהען פון איין יוניאָן אין דער צווייטער. ארביי־טער, וועלכע ברענגען יוניאָן קארטען פון אינדוסטריעלע יוניאָנס אין אנדערע לענדער זאלען פריי ארייגענומען ווערען אין דער אָרגאניזאציע. א צענטראלע פארטיידיגונגס קאסע צו וועלכער

אלע מיטגלידער זאלען גלייךביישטייערען זאל געגרינדעט ווערען און אויפגעהאלטען ווערען.״

דער מאניפעסט האָט זיך געשלאָסען מיט אן אויפרוף צו א צוזאמענפאהר מיט'ן ציל צו גרינדען א נייע ארגאניזאציע, געשטיצט אויף דיזע פרינציפען. אונטערגעשריבען אויף דיזען דאָקומענט זיינען געווען די מיטגלידער פון דער געהיימער קאָנפערענץ און עטליכע אנדערע פערזאנען, וואס זיינען געווען באַקאנט אין דער ראדיקאלער ארבייטער באוועגונג פון לאנד, צווישען זיי יודזשין וו. דעבס.

דער צוזאמענפאָהר האָט זיך פארזאמעלט אין שיקאגא, דעם 27טען יוני, 1905. ער איז אָבער געווען אן ענטוישונג פאר די, וואס האָבען די באוועגונג אָנגעפאנגען. די ערוואַרטונג, אז א צאָהל פון נאציאָנאלע יוניאָן ארגאניזיציעס וועט זיך אפרייסען פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אוו לייבאָר איז ניט מקוים געווארען. פון די 212 דעלעגאטען, וואס האָבען זיך אין דעם צוזאמענפאָהר באטייליגט, האָבען 5 פארטראָטען די „וועסטערן פעדערײשאָן אוו מיינערס״, מיט א מיטגלידערשאפט פון 27,000, 7 האָבען פארטראָטען די „אמעריקען לייבאָר יוניאָן״, מיט א מיטגלידערשאפט פון 16,780, און 2 האָבען פארטראָטען די „יונייטעד מעטעל וואָרקערס אינטערנעשאָנאל יוניאָן״, מיט 3,000 מיטגלידער. דיזע אלע ארגאניזאציעס זיינען אָבער ניט געווען פארבונדען מיט דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. די איבעריגע דעלעגאטען האָבען פארטראָטען קליינע לאקאלע ארגאניזאציעס, און ארום זעכציג האָבען קיינע ארגאניזאציעס ניט פארטראָטען.

אָבער וועהרענד עס זיינען געווען ווענינ יוניאָנס ביים צוזאַמענפאָהר האָט אָבער דאָרטען ניט געפעלט קיין באגייסטערונג. אין די עלף טעג וואָס די זיצונג האָט אָנגעהאלטען האָבען די דעלעגאטען שארף קריטיקירט די מעטאָדען פון די עקזיסטירענדע טרייד יוניאָנס, האָבען גוט־געהייסען אלע פרינציפען פון דעם מאָניפעסט, האָבען אָנגענומען דעם הויך־קלינגענדען נאָמען „אינ־

דאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָירלד", האָבען ערוועהלט באַ־אַמטע, און אָנגענומען א קאָנסטיטוציע.

די פאָרמע פון דער ארגאניזאציאָן פון דיזער קערפּערשאַפט איז אויסגעאַרבייט געוואָרען נאָכ'ן פּלאַן פון דעם מאַניפעסט. ווי די אָנפיהרער פון דער באוועגונג האָבען זיך אויסגעדריקט, האָט דיזע ארגאניזאציע געזאָלט „אויפגעבויט ווערען אַלס א סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאפט, וועלכע זאָל איינשליסען אין זיך די זעלבע גרופּען און אָפּטיילונגען פון אינדוסטריען, ווי די ארבייטער וועלען דאָס טאָן ווען די גאַנצע געזעלשאפט וועט זיין א סאָציאַ־ליסטישע".

די אָרגאניזאציע איז צוטיילט אין דרייצעהן אינדוסטריעלע „דעפּאַרטמענטס", ווי, צום ביישפּיל, דער דעפּאַרטמענט פון מיי־נינג, שפּייז, טראַנספּאָרט, א. אז. וו., וועלכע האָבען צוזאַמענגע־שטעלט די גאַנצע פעלד פון דער מאָדערנער אינדוסטריעלער וועלט. יעדער דעפּאַרטמענט איז צונויפגעשטעלט פון באַזונ־דערע יוניאָנס פון אינדוסטריען וועלכע האָבען א נאָהענטען שייכות איינע צו די אַנדערע. די אַנגעלעגענהייטען פון יעדען אינדוסטריעלען דעפּאַרטמענט ווערען פאַרוואַלטעט פון א באַזונ־דער עקזעקוטיווען קאָמיטעט, אָבער ער שטעהט אונטער דעם קאָנטראָל פון אַן אַלגעמיינעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט. דיזער אַלגעמיינער עקזעקוטיווער קאָמיטעט איז צונויפגעשטעלט פון איין מיטגליד פון יעדען פון די דרייצעהן דעפּאַרטאַמענט. אויף דער שפּיצע פון דער ארגאניזאציע שטעהט דער גענעראַל פּרעזידענט, וועלכער האָט אונטער זיין אויפזיכט אַלע אָנגעלעגענהייטען פון דער אָרגאַניזאציע. אַלע מיטגלידער פון דער לאָקאַלער יוניאָן צאָהלען די זעלבע סומע פון פינף און צוואַנציג סענט א מאָנאט. צוויי דריטעל דערפון געהט צו דעם דעפּאַרטמענט, און איין דריטעל צו דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאציע. א באשטימטער טייל פון די געלט וואָס געהט אריין אין דער אַלגעמיינער ארגאניזאציע ווערט געזאַמעלט פאַר א צענטראַלער פאַרטיידיגונגס קאַסע.

אין דעם ערשטען יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט די „אינ־

דאָסטריעל וואירקערס אָוו דהי ווארלד" לאנגזאם פארטשריט גע־מאכט, און ביי דעם צווייטען יעהרליכען צוזאמענפאָהר, אין סעפּ־טעמבער 1906, האָט דער גענעראל פּרעזידענט, טשארלס אָ. שער־מאן, באריכטעט א באדייטענדען צו־וואוקס אין מיטגלידער. אבער דער וואוקס פון דער נייער באוועגונג איז פּלוצלונג אפּגע־שטעלט געוואָרען דורך אינערליכע רייסערייען.

צווישען די ארגאניזאציעס וואס האָבען געהאָלפען גרינדען די „אינדאָסטריעל וואירקערס אוו דהי ווארלד" זיינען געוועזען די איבערבלייבעכטס פון דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עלליי־ענס", וועלכע איז אמאָל ארגאניזירט געוואָרען פון דער „סאָשע־ליסט לייבאָר פּארטיי", און וועמעס מיטגלידערשאפט אין אראָפּ־געפאלען צו 1,400, ווי איהרע פארשטעהער האָבען ערקלערט, אָדער גאר צו 600, ווי איהרע געגנער האָבען באהויפּטעט. די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עללייענס" האָט זיך אויסגעצייי־כענט דערמיט, וואס זי האָט פאראורזאכט מעהר קריג אין דער סאָציאליסטישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, ווי אירגענד אנדער איינציגער פאקטאָר, און איהר פארבינדונג מיט דער נייער באוועגונג איז געוועזען א געפאהר פאר דער באוועגונג. נאָך מיט מאָנאטען בעפאר דעם צווייטען צוזאמענפאהר האָט דיזער „עלליי־ענס", אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם הויפּט פון דער „סאָ־שעליסטס לייבאָר פּארטי", דעניעל דע־לעאָן, אויסגעארבייט פּלע־נער ווי אזוי צו פארכאפּען די פארוואלטונג פון דער „אינדאָסט־ריעל וואירקערס אוו דהי ווארלד", און דורך געשיקטע מיטלען איז איהם געלונגען ארייַנקריגען דעם קאָנטראָל פון דעם צוזאמענ־פאָהר. די דעלעגאטען פון דער „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר עללייענס" האָבען געהאט די פולע אויבערהאנט ביים צוזאמענ־פאהר. זיי האָבען פאקטיש איבערגעשריבען די קאָנסטיטוציע פון דער אָרגאניזאציע. האָבען אפּגעשאפט דעם אמט פון גענעראל פּרעזידענט, און האָבען אויסגעקליבען אן עקזעקוטיווען קאָמיטעט פון זייערע אָנהעגגער. דער זיג פון דער עללייענס האָט אבער לאנג ניט אָנגעהאלטען.

די אָנהענגער פון דעם רעזשים האָבען ערקלערט, אז די האנדלונג פון דעם צוזאמענפאָהר איז ניט גילטיג, און אז די ניי־ערוועהלטע באַאמטע קענען ניט איבערנעמען די אָרגאַניזאַציע ביז וואנען אלע מיטגלידער פון „אינדאָסטריעל ווארקערס אוו דהי וואָרלד" וועלען גוטהייסען די האנדלונג פון דעם צוזאַמענפאהר דורך אן אלגעמיינע אפשטימונג. די אָנהענגער פון דעם עלליענס האָבען זיך ענטזאגט נאָכצוגעבען דיזע פאדערונג, און די אלטע באאמטע האָבע ערקלערט אלע האנדלונגען פון דעם צוזאמענגאָהר אלס אומגעזעצליך און אומגילטיג. די שפּאלטונג אין די רייען פון די „אינדאָסטריעל ווארקערס" איז איצט געווען א פאלשטענדיגע. ביידע פראַקציעס האָבען געהאַט באַאמטע, און דער סכסוך איז אריינגעטראגען געווארען אין געריכט. דערווייל האָט די וועסטערן פעדעריישאָן אָוו מיינערס זיך צוריקגעצויגען פון דער אָרגאַניזאַציע. דיזע פּאסירונגען, דאָס וואָס די וויכטיגסטע קערפערשאפט האָט זיך צוריקגעצויגען, און וואָס אין די רייען איז פאָרגעקומען א שפּאלטונג, האָט אזוי אפּגעשוואכט די ארגאַניזאַציע, אז זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט ערהאלען. פון די צוויי פראקציעס איז די, וועלכע איז אָנגעפיהרט געווארען פון טשאַרלס אָ. שערמאן, קורץ נאָך דער שפּאלטונג אונטערגעגאנגען. די אנדערע, וועלכע איז אָנגעפיהרט געווארען פון ווינסענט סט. דזשאהן, א געוועזענער גוט באקאנטער מיטגליד פון דער וועסטערן פעדעריישאָן אָוו מיינערס, איז געבליבען די איינציגע אויפ'ן פעלד. דיזע ארגאניזאציע האָט אין 1907 און אין 1908 געהאט א מיטגלידערשאפט פון איבער פינף טויזענט גוט־שטעהענדע מיטגלידער. אין די לעצטע יאָהרען האָט זיך אָבער די צאָהל מיטגלידער פיל פארגרעסערט. די „אינדעפּענדענט ווארקערס אוו דהי וואָרלד" איז צונויפגעשטעלט פון 106 לאָקאלע יוניאָנס, איין נאַציאָנאלע אינדוסטריעלע יוניאָן פון די וועבער ארבייטער, און פיער "פּראָפּאַגאַנדא ליגס". איהרע מיטגלידער זיינען הויפּטזעכליך וועבער־ארבייטער, וואלד־ארבייטער, אייזענבאַן בוי ארבייטער, קוילען־גרעבער.

דער שיקזאל פון די „אינדאָסטריעל װארקערס אװ דהי װאָרלד" האָט, אלזא, ניט פארװירקליכט די גרויסע ערװארטונגען פון איהרע גרינדער — צום װעניגסטענס, ניט ביז איצטער. אבער װעהרענד די ארגאניזאציע פון „אינדאָסטריעל װאָרקערס" איז דורכגעפאלען האָט אָבער די אידעע פון אינדוסטריעלען יו־ניאָניזם געמאכט גרוים פארטשריט אין דער אמעריקאנער ארביי־טער באװעגונג. עס װערט מעהר און מעהר אנערקענט אין דער טרייד יוניאָן װעלט, אז עס איז נויטיג אז די אָרגאניזאציעס פון נאָהענטע טריידס זאלען זיין ענג פארבונדען צװישען זיך און זא־לען געהן האנט אין האנט. די לעצטע יאָהרען האָבען אייניגע װיכטיגע ארגאניזאציעס, װי די אמעריקען פעדערײשאָן אװ לײ־באָר, ארגאניזירט אינדוסטריעלע פארבאנדען. צװישען די װיכ־טיגסטע פון דיזע פארבאנדען זיינען, „דער רעילראוד דעפּארטמאַ־מענט", „דער פארבאנד פון די פּרינטינג (דרוקער) טריידס", „דער בילדינג טריידס דעפּארטמענט" (בוי ארבייטער) און „די מעטעל טריידס דעפּארטמענט".

די מאָיער־העיװאוד אפערע.

איינע פון די װיכטיגסטע און אינטערעסאנטסטע עפּיזאָדען אין דער געשיכטע פון ארגאניזירטע ארבייט און סאָציאליזם אין די פאראייניגטע שטאַטען איז דער דראמאטישער ארבייטער קאמף אין קאָלאָראדא, װעלכער האָט דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט װען די פיהרער פון דער „װעסטערן פעדערײשאָן אָװ מיינערס" מאָיער, העיװאוד און פּעטיבאָן, זיינען ארעסטירט געװארען אויף א מאָרד קלאגע.

די װיכטיגסטע אינדוסטריע אין קאָלאראדא איז מינען־ארבייט און די גרעסערע טייל פון דער ארבייטער באפעלקערונג אין יענע שטעט זיינען מינען ארבייטער. דיזע ארבייטער זיינען שרעקליך געװען אונטערדריקט און עקספּלואטירט, ביז װאנען זיי האָבען זיך ארגאניזירט צוזאמען מיט די מינען ארבייטער פון די ארומיגע שטאַטען אין א יוניאָן אונטער דעם נאָמען „װעסטערן

פעדערײשאָן אוו מײנערס". דאָס איז געווען אין 1893. די אָרגאַניזאַציע איז שנעל געוואַקסען און אין 1899 איז זי געווען אַזוי שטאַרק און געהאַט אַזאַ אײנפלוס אין קאָלאָראַדאָ סטײט, אַז זי האָט געווירקט אויפ'ן פּאַרלאַמענט ער זאָל דורכפיהרען א געזעץ פאַר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבײטס־טאָג פאַר מינען אַרבײטער.

ווי געוועהנליך, איז דער געזעץ ערקלערט געוואָרען אַלס אומ־געזעצליך אין דעם העכסטען געריכט. די אַרבײטער באַפעלקערונג פון קאָלאָראַדאָ האָט אָבער דעם קאַמף ניט אויפגעגעבען, און אין 1902 איז זײ געלונגען דורכצופיהרען אַ צוזאַץ צו דער קאָנסטיטו־ציע, וועלכער האָט געצוואונגען דעם נעקסטען פּאַרלאַמענט צו פּאַ־סען אַן אַכט־שטונדיגען געזעץ פאַר די מינען אַרבײטער.

דער פּאַרלאַמענט, אָבער, איז פון די מינען באַלעבאַטים אונ־טערגעקויפט געוואָרען און אָנגעשראָקען געוואָרען, און ער האָט איגנאָרירט די קאָנסטיטוציע און דעם געזעץ ניט דורכגעפיהרט.

די אָרגאַניזירטע אַרבײטער פון קאָלאָראַדאָ, וועלכע זײנען צווײ מאָל פאַרראַטען געוואָרען דורך די פּאָליטישע פאָרשטעהער פון זײערע באַלעבאַטים, און וועלכע זײנען שרעקליך פאַרפאָלגט געוואָרען פאַר זײער טרײהײט צו דער יוניאָן, האָבען באַשלאָסען אַלײן אָנ־צופאַנגען אַ קאַמף. זײ האָבען ערקלערט אַ סטרײק פאַר אַן אַכט־שטונדיגען אַרבײטס־טאָג און פאַר בעסערע באַהאַנדלונג פאַר די מינען אַרבײטער. דער סטרײק איז געווען גוט אָרגאַניזירט. די סטרײקערס האָבען זיך געהאַלטען אין אָרדנונג. זײ האָבען געהאַט אויף זײער זײט די סימפּאַטיע פון דער באַפעלקערונג, און עס האָט אויסגעזעהן, אַז זײ וועלען זיכער זיגען.

די מינען באַלעבאַטים פון קאָלאָראַדאָ האָבען זיך דערשראָקען. זײ האָבען באַשלאָסען דעם סטרײק צו צוברעכען און די יוניאָן צו פאַרניכטען, און אַז אַלע מיטלען זאָלען אָנגעווענדעט ווערען דיזען ציל צו ערגרײכען. זײ האָבען אַרויסגעוואָרפען די אַרבײטער פון זײערע הײמען, און וואו נאָר מעגליך האָבען זײ אונמעגליך גע־מאַכט פאַר די אַרבײטער צו קריגען עסען. זײ האָבען געדונגען

פּראָפעסיאָנעלע שלעגער אָנצופאַלען אויף די סטרייקערס, און האָבען שרעקליך פאַרפאָלגט די פרויען און די קינדער פון די אַרבייטער. די סטרייקער האָבען אָבער ניט געוויזען קיין צייכען פון אונטער־געבען זיך. זיי האָבען געוואוינט אין ביידלאַך, אין וועלדער, און האָבען זיך געשטעלט אין געפאַר פון קראַנקהייט און הונגער. אָבער זייערע רייען זיינען ניט שוואַכער געוואָרען. זיי זיינען געווען ענטשלאָסען דורכצוקעמפען די מלחמה, וועלכע די באַלעבאַטים האָבען אויף זיי אַרויפגעצוואונגען.

דאַן האָבען זיך די באַלעבאַטים געווענדעט נאָך הילפע צו דעם גובערנאַטאָר פון דעם שטאַט, דזשיימס א. פּיבאָדי. דער גובער־נאַטאָר האָט זיך גלייך אָפּגערופען. אין די מינען דיסטריקטען האָבען זיך אַ שאָט געטאָן מחנות סאָלדאַטען אונטער דער קאָמאַנדע פון ברוטאַלע אָפיצערען. די סטרייק דיסטריקטען זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער אַ קריגס־צושטאַנד, און דער שוץ פון געזעץ און פון דער קאָנסטיטוציע איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. מיט איין קלאַפּ איז דער שטאַט קאָלאָראַדאָ פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רוסלאַנד פון ניקאָלאַי'ס צייטען, מיט'ן גובערנאַטאָר פּיבאָדי און גענעראַל שערמאַן בעלל אַלס די דעספּאָטען.

די אַרבייטער, וואָס זיינען געווען פאַרדעכטיגט אין סימפּאַטיע מיט זיי, זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען ווי פאַרברעכער. זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין די הונדערטער אָהן „וואָראַנטס". זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען פון דער שטאַט רעגירונג אָהן אַ משפט זאָגאַר. דער טעראָר וואָס די קאָלאָראַדאָ' מינען באַלעבאַטים האָבען איינגעפיהרט האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. געזעצליך ערוועהלטע באַאַמטע, אויב זיי זיינען ניט געווען וויליג אָנצושליסען זיך אין דער פאַרשווערונג, זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון זייערע עמטער. מינען זיינען מיט גוואַלד צוגעמאַכט געוואָרען אויב די אייגענטימער האָבען באַשעפטיגט יוניאָן אַרבייטער. די געריכטען, די קירכעס און די פּרעסע האָבען געמוזט שטיצען דיזען טעראָר, צי דערפאַר וואָס מען האָט זיי אונטערגעקויפט, צי ווייל זיי האָבען מורא געהאַט אַנדערש צו האַנדלען. „די בעסערע קלאַ־

סען״ זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פאַרברעכער, וועלכע האָבען גערויבט, באַפאַלען מענשען, און זאָגאַר ערמאָרדעט מענשען.

דער סטרייק איז געבראָכען געוואָרען. ער איז דערשטיקט געוואָרען דורך געוואַלד, און ווען די מינען דיסטריקטען אין קאָלאָראַדאָ זיינען פאַרוויסטעט געוואָרען, האָט זיך די מיליץ צוריקגעצויגען באַדעקט מיט מיליטערישע עהרע.

אָבער די הערשענדע קלאַסען פון קאָלאָראַדאָ האָבען זיך מיט דעם ניט באַפרידיגט. זייער טריאומף איז נאָך ניט געווען פאָלשטענדיג, ווייל ווען דער סטרייק איז געווען געבראָכען איז אָבער די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבייטער, „דהי אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר״, געבליבען לעבען. די ערפאַרונג, וואָס די קאָלאָראַדאָ׳ר אַרבייטער האָבען געהאַט אין דער צייט ווען עס האָבען געהערשט די היטער פון געזעץ און אָרדנונג, האָט זיי געבראַכט נעהענטער איינע צו די אַנדערע, און פאַרשטאַרקט זייער איינינקייט — די איינינקייט וואָס איז געקומען דורך געמיינשאַפטליכע ליידען און געמיינשאַפטליכע קעמפע. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך שנעל ערהאָלט פון דעם שרעקליכען קלאַפּ, און זי האָט ווידער גענומען וואַקסען אונטער דער פיהרערשאַפט פון איהרע פעהיגע און איבערגעבענע באַאַמטע, טשאַרלס ה. מאָיער, וויליאַם ד. העיוואָוד, און אַנדערע. דיזע פיהרער האָטען ניט געקאָנט אונטערקויפען אָדער אָפּקויפען, און די באַלעבאַטים האָבען דארום באַשלאָסען, אַז זיי מוזען אָפּגעראַמט ווערען אויף אַן אַנדער וועג, אויף אַ וועג, וועלכער וועט פאַרפלעקען זייערע נאָכפאָלגער און אויך די גאַנצע אָרגאַניזירטע אַרבייטער־באַוועגונג.

דאָס איז געווען דער ציל פון די מינען באַלעבאַטים, און דעם ציל צו ערהייכען האָבען זיי אָנגעשטעלט אַ גרויסע צאָהל פּריוואַטע פּאָליציי אַגענטען. די מאַשינעריי פון דער רעגירונג איז געווען גרייט זיי צו דינען. די רעדער פון גערעכטיגקייט זיינען געווען גוט אָנגעשמירט פאַר זיי זיך צו באַוועגען, און זיי האָבען בלויז געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט.

און די געלעגענהייט איז געקומען. דעם 30טען דעצעמבער

1905 האָט לעבען דער וואוינונג פון דעם געוועזענעם גובערנאַטאָר פון איידעהאָ, פרענק שטיינענבערג, געפּלאַצט אַ באָמבע, און דער געוועזענער גובערנאַטאָר איז דער׳הרג׳עט געוואָרען. שטיינענבערג, אַלס גובערנאַטאָר פון איידעהאָ, איז געווען פּונקט ווי פּיבאָדי, אַלס גובערנאַטאָר פון קאָלאָראַדאָ. עס איז דאַרום נאַטירליך געפאַלען דער חשד, אַז די אַרבייטער האָבען זיך דאָס אָפּגערעכנט מיט שטיינענבערג׳ן. ווער האָט אָבער דיזען טאַט באַגאַנגען? לאַנג האָט מען וועגען דעם פאַרשידענע מיינונגען געגעבען. פּלוצלינג איז די וועלט פון אָרגאַניזירטע אַרבייטער אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון די נייעס, אַז מאָיער, העיוואוד און פּעטיבאָן, די פיהרער פון דער וועסטערן פעדערייזשאָן אָוו מיינערס, זיינען אַרעסטירט געוואָרען אונטער דער קלאַגע, אַז זיי זיינען פאַרבונדען מיט דעם פאַרברעכען.

מען האָט פון אויבען־אויף געקאָנט זעהן, אַז די קלאַגע איז אַן אויסגעטאַכטע, אַ פאַבריצירטע. מאָיער און די איבעריגע אַרעסטירטע זיינען געווען פאַרטגעשריטענע און אויפגעקלערטע מענשען, און מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין די אַרבייטער קרייזען האָט מען זיי געקאָנט אַלס געגנער פון גוואַלד־טאַט. ווערענד די ביטערסטע פאַרפאָלגונגען זיינען אָנגעגאַנגען אין קאָלאָראַדאָ, האָבען זיי געראַטען די סטרייקערס זיי זאָלען האַלטען אָרדנונג אין זייערע רייען, און האָבען געוואָרענט די אַרבייטער זיך צו היטען, אַז די מיליץ זאָל זיי נישט אויפהעצען צו אומגעזעצליכע טאַטען.

די מינען באַלעבאַטים, אָבער, אין זייערע פריהערדיגע קעמפּפע געגען די אַרבייטער, האָבען ווידער און ווידער אַ פאַרזוך געמאַכט צו מאַכען בלבולים אויף סטרייק פיהרער. זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו אָרגאַניזירען פאַרברעכערישע טאַטען, ווי, צום ביישפּיל, אויפרייסען באַהן סטאַנציעס און צו שאַפען אַן עפענטליכע מיינונג געגען די סטרייקערס אום פּטור צו ווערען פון איינפלוסרייכע סטרייק פיהרער.

נאָך מעהר: שטיינענבערג האָט זיך נאָך מיט יאָהרען בעפאָר צוריקגעצויגען פון עפענטליכען לעבען און האָט אויפגעהערט צו שפּילען אַ ראָלע אין דער פּאָליטיק. עס איז דאַרום נישט געווען קיין

אורזאַכע פאַר די „וועסטערן פעדערײשאָן אָוו מײנערס" צו באַגעהן דעם פאַרברעכען, ווען זאָגאר זי איז געווען פעהיג אַ פאַרברעכען צו באַגעהן. און דערצו האָט זיך די גאַנצע קלאַגע געשטיצט פאַק־טיש אויף דעם זאָגענאַנטען ווידוי פון אַ געוויסען הערריַ אָרטשאַרד, אַ פאַרברעכער און אַ דעגענעראַט פון דעם ערגסטען סאָרט. דער ווידוי איז צוגעשטעלט געוואָרען פון פריוואַטע פאָליציי אַגענטען, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיגט ביי די מינען באַלעבאַטים.

אָבער נאָך מעהר באַדייטונגספול איז דיזער פאַל געוועזן צוליב דער אַרט און ווייזע, ווי אַזוי די באַשולדיגטע זיינען אַרעסטירט געוואָרען. זיי האָבען געוואוינט און זיינע געווען בירגער פון דעם שטאַט קאָלאָראַדאַ. דער פאַרברעכען איז באַגאַנגען געווארען אין דער סטייט אָהייאָ. די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטען גיט יעדען שטאַט די אויסשליסליכע יוריסדיקציע איבער פאַר־ברעכען וואָס ווערט באַגאַנגען אין זיינע גרענעצען. אָבער ווען אַ פערזאָן, וועלכער ווערט באַשולדיגט אין אַ פאַרברעכען, אַנטלויפט און ווערט געכאַפּט אין אַן אַנדער שטאַט, קאָן דער גובערנאַטאָר פאָדערען, אַז מען זאָל איהם אַרויסגעבען, און דאַן דאַרף ער געשיקט ווערען אין דעם שטאַט, וואו ער האָט דעם פאַרברעכען באַגאַנגען.

מאָיער, העיוואוד און פּעטיבאָן זיינען ניט געווען אין איידעהאָ ווען שטיינענבערג איז דער׳הרג׳עט געוואָרען. זיי זיינען ניט געווען אין איידעהאָ יאָהרען לאַנג פאַר׳ן פאַרברעכען. דער גובערנאַטאָר פון קאָלאָראַדאַ האָט דארום ניט געהאַט די מאַכט זיי צו אַרעסטירען און זיי אַרויסצושיקען קיין איידעהאָ. אום צו באַזייטיגען דיזע שוועריגקייט האָבען די גובערנאַטאָרס פון איידעהאָ און קאָלאָראַדאָ פאַקטיש געמאַכט אַ פאַרשווערונג אַרויסצו׳גנב׳ענען די באַאַמטע פון די מיינערס פעדעראַציע און זיי אַריבערשיקען איבער׳ן גרעניץ איידער זיי האָבען געהאַט אַ געלעגענהייט צו ווענדען זיך צום גע־ריכט פון זייער שטאַט און צו פאָדערען זייערע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטע. די פאַרשווערונג איז פונקט דורכגעפיהרט געוואָרען. דאָנערשטאָג, דעם 15טען פעברואַר 1906, איז אַ באַפעהל פון דער שטאַט איידעהאָ אָנגעקומען אין דענווער מיט אַ פאָדערונג, אַז מאָיער, העיוואוד און פּעטיבאָן זאָלען אַרעסטירט ווערען. מיט דער

צושטימונג פון די באַאַמטע פון קאָלאָראַדאָ שטאַט איז דער אַרעסט אָפּגעלייגט געוואָרען. דעם נעקסטען שבת אָוונט, ווען אַלע גע־ריכטען האָבען זיך געשלאָסען, זיינען די באַשולדיגטע פּלוצלינג אַרעסטירט געוואָרען און פאַרשפּאַרט געוואָרען אין געפענגעניש. מען האָט זיי ניט ערלויבט צו מעלדען די נייעס זייערע פריינד און זייערע לאָיערס, און אויף מאָרגען אין דער פריה זיינען זיי איבער־געגעבען געוואָרען צו א באַוואָפּענטע וואך און זיינען שנעל אַריבער־געפיהרט געוואָרען קיין איידעהאָ אין אַ ספּעציעלער באַהן.

די אַרעסטירטע יוניאָן באַאַמטע האָבען שפּעטער אַפּעלירט אין די יונייטעד סטייטס געריכטען, אַז מען זאָל זיי באַפרייען פון דעם אומגעזעצליכען אַרעסט. אָבער דער געריכט האָט זיך ענטזאָגט אַריינצומישען. אין זיין לעצטער ענטשיידונג האָט דער אָהעכ־סטער געריכט פון די יונייטעד סטייטס אַרויסגעגעבען אַ מערק־ווירדיגען פּסק. ער לויטעט, אַז ווערענד דער אַרעסט איז געווען אַן אומגעזעצליכער, און איז וואַרשיינליך מיטגעבראַכט געוואָרען דורך אַ פאַרשווערונג צווישען די גובערנאַטאָרס פון די צוויי שטאַטען, איז אָבער אַ פאַקט, אַז איידעהאָ האָט ביי זיך די באַשול־דיגטע, און דעריבער קאָנען די באַשולדיגטע ניט געפינען קיין גערעכ־טיגקייט אין דעם געזעץ און אין דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראיי־ניגטע שטאַטען. ריכטער מעקענא, וועלכער האָט ניט איינגעשטימט מיט דעם פּסק פון זיינע קאָלעגען, האָט פאַרדאַמט די האַנדלונג פון די צוויי גובערנאַטאָרס אַלס אַ פאַרברעכערישע פאַרשווערונג, און דעם אַרעסט פון מאיער, העיוואוד און פּעטיבאָן אַלס אַ פאַרלעצונג פון זייערע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטע.

די באַשולדיגטע באַאַמטע פון די מיינערס יוניאָן זיינען גע־האַלטען געוואָרען אין געפענגעניש איבער אַ יאָהר און אַ האַלב וואַרטענדיג אויף זייער פּראָצעס. אין דער צייט איז די מאַכט פון קאַפּיטאַל געווען באַשעפטיגט מיט צוגרייטען אַלעס וואָס איז נויטיג געווען זיי צו פאַר׳משפּט׳ן. דער גובערנאַטאָר פון דער שטאַט איידעהאָ האָט פּראָקלאַמירט זיין איבערצייגונג, אַז די אַרעסטירטע זיינען שולדיג, און האָט ניט באַהאַלטען זיין טיפען וואונש, אַז זיי זאָלען אויפגעהאַנגען ווערען. דער פּאַרלאַמענט פון דעם שטאַט

האט באשטימט ספעציעלע סומען געלט און אנגעשטעלט באוואוסטע אדוואקאטען צו משפט'ן די מיינערס. די רעאקציאנערע פרעסע אין גאנצען לאנד האט פון צייט צו צייט געדרוקט שוידערליכע מעשות וועגען די קרימינעלע קאריערעס פון די „וועסטערן פעדערייישאן אוו מיינערס" און פארגיפטעט די מוחות פון פובליקום געגען די אנגעקלאגטע.

און דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען האט געקרוינט דיזע אויפרייצונג געגען די באשולדיגטע דורך אן עפענטליכע ערקלערונג, אז זיי זיינען „אומגעווינשטע בירגער". דאס אלעס איז געטאן געווארען נאך איידער דער פראצעס איז פארגעקומען.

דער פראצעס האט זיך ענדליך אנגעפאנגען דעם 9טען מאי 1907. ער האט אנגעהאלטען פיער און אכציג טעג. אין פילע הינזיכטען האט דיזער פראצעס ניט געהאט קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען. עס איז אפגעמאכט געווארען צווישען די אדוואקאטען, אז יעדערער פון די אנגעקלאגטע זאל גע'משפט ווערען באזונדער, און אזוי ווי די אנקלאגע האט געגלויבט, אז זי האט די שטארקסטע באווייזע געגען וויליאם ד. העיוואוד, דער סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער „וועסטערן פעדערייישאן אוו מיינערס", איז ער דער ערשטער געשטעלט געווארען צום פראצעס. אפיציעל איז העיוואוד באשולדיגט געווארען אין טויטען דעם געוועזענעם גובערנאטאר שטיינענבערג. אין דער אמת'ן, אבער, איז דער פראצעס פארוואנדעלט געווארען אין אן אויספארשונג פון דער פארביטערטער מלחמה, וואס איז יאהען לאנג אנגעגאנגען צווישען די מינען באלעבאטים אין די וועסט און זייערע ארבייטער. אויפ'ן גרונד, אז די ערמארדונג פון שטיינענבערג'ן איז געווען איינע פון די רעזולטאטען פון דער אלגעמיינער פארשווערונג פון די פיהרער פון די מינען ארבייטער צו פארניכטען זייערע פיינד, האט די אנקלאגע געקראגען עלויבניש צו באטראכטען אלע פארברעכענס וואס זיינען פארגעקומען אין פארבינדונג מיט די סטרייקס אין איידעהא און קאלאראדא. די שולד פאר יעדען אנגריף, מארד, אדער גוואלד־טאט, וואס איז פארגעקומען אין די סטרייק דיסטריקטען אין די גאנצע צעהן יאהר, איז ארויפ־

געוואָרפּען געוואָרען אויף דער וועסטערן פּעדעריישאָן אָוו מיינערס. די פיהרער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרען אלס טייוואָלים, וועלכע האָבען זיך סיסטעמאַטיש און פּראָפעסיאָנעל אָפּגעגעבען מיט מאָרדען און גוואַלד־טאַטען. דער גרונד פון אַלע שרעקליכע קלאַגעס געגען די אַרבייטער פיהרער איז געליגט געוואָרען דורך הערי אָרטשאַד, און די עדות זאָגונג פון דיזען וויכטיגסטען עדות פאַר דער אָנקלאַגע איז געווען זאָנדערבאַר, פּונקט ווי דער גאַנצער פּראָצעס. אויפ'ן עדות שטול האָט ער זיך רוהיג מודה געווען, דאָס ער האָט באַגאַנגען ארום צוואַנציג מאָרדען אין פאַרשידענע צייטען, און אַז ער האָט באַגאַנגען יעדען פאַרברעכען וואָס עס איז נאָר דאָ אין די געזעץ ביכער: גנבה, קאָרטען־שווינדלעריי, ביגאַמי, אונטערצינדונג, א. א. וו. אָרטשאַרד האָט אַליין זיך אָפּגעמאָלט אַלס דער עקעלהאַפסטער, פאַרברעכערישסטער, טייפעל. אָבער אַזוי ווי מען האָט איהם געקאָנט אויסנוצען געגען די געפערליכע סאָציאַליסטען און אַרבייטער פיהרער אין קאָלאָראַדאָ, איז דיזע שמוציגע באַשעפעניש געוואָרען דער ליבלינג פון די קאַפּיטאַליסטישע מוסר־זאָגער. אין געפענגעניש האָט מען איהם געגעבען אַלע לוקסוסען, און דער גובערנאַטאָר און די הויכע באַאַמטע האָבען זיך מיט איהם גע'חבר'ט. עס איז געמאָלדען געוואָרען אין דער פּרעסע, אַז ער איז אַ בעל תשובה, און אַז ער איז געוואָרען זעהר פרום. גוט באַקאַנטע גלחים האָבען עדות געזאָגט, אַז זיין כאַראַקטער האָט זיך אינגאַנצען געענדערט. אַ באַרימטער פּראָפעסאָר פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט האָט ערקלערט, אַז ער האָט דורך וויסענשאַפטליכע מעטאָדען באַשטימט, אַז אַלעס וואָס אָרטשאַרד האָט דערצעהלט איז אמת. די פּרעסע דורכ'ן גאַנצען לאַנד האָט איהם געזונגען לויב געזאַנגען. אַ גרויסער זשורנאַל האָט געדרוקט זיין אויטאָביאָגראַפיע. מיט איין וואָרט, אָרטשאַרד איז געוואָרען דער העלד, כמעט דער הייליגער, פון דעם גאַנצען באַלעבאַטישען קלאַס.

געגען דיזע שמוציגע באַווייזע, וועלכע איז כמעט גאָרניט באַשטעטיגט געוואָרען, האָט די פאַרטיידיגונג געבראַכט ניט ווייניגער ווי זיבען און אַכציג עדות. העיוואָוד אַליין איז אויפגע־

טראָטען אויפ'ן עדות שטול און צוקלאַפּט די אַנקלאַגע. די עדות זיינען געוועזען מענער און פרויען פון פאַרשידענע קלאַסען און פאַרשידענע באַשעפטיגונגען. זיי האָבען פאַרגעלייגט די אמת'ע פאַקטען פון דער גאַנצער געשעהעניש, און טראָץ דעם וואָס די איינפלוסרייכע צייטונגען האָבען אונטערדריקט און פאַרקריפּעלט די אויסזאָגונגען, איז אָבער גענוג פאַרעפענטליכט געוואָרען צו איבערצייגען, אַז די אמת'ע פאַרשווערונג איז ניט געווען פון דער יוניאָן געגען די באַלעבאַטים, נאָר פאַרקערט; אַז די באַלעבאַטים האָבען יאָהרען לאַנג געהאַט שפּיאָנען אין די יוניאָנס, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען צו צוברעכען די אָרגאַניזאַציע און אויפצורייצען די מיטגלידער צו גוואַלדטאַטען. עס איז אָנגעדייטעט געוואָרען, אַז אָרטשאַרד איז געווען איינער פון דיזע שפּיאָנען. פילע פון די פאַרברעכענס, אין וועלכע די פעדעראַציע איז באַשולדיגט געוואָרען, זיינען געווען די אַרבייט פון די שפּיאָנען אָדער פון די באַלעבאַטים אליין, און די ברוטאַלע האַנדלונגען פון די באַלעבאַטים געגען די סטרייקערס זיינען אויפגעדעקט געוואָרען. דער ריכטער האָט שפּעטער אויסגעמעקט די אַלע באַווייזע פון אַ פאַרשווערונג געגען די מינער אַרבייטער. ער האָט אָבער ניט געקאָנט אויסמעקען דעם איינדרוק, וואָס די באַווייזע האָבען געמאַכט אויף די איינגעשוואוירענע. די צוועלף איינגעשוואוירענע זיינען מיט איין אויסנאַמע געווען פאַרמערס, וועלכע האָבען ניט פאַרשטאַנען און ניט סימפּאַטיזירט מיט די אַרבייטער קעמפע. זיי האָבען אַלע געקאָנט דעם ערמאָרדעטען גובערנאַטאָר פון זייער שטאַט, זיי האָבען אַלע געלייענט די שענדליכע באַריכטען אין די צייטונגען, און זיי האָבען אָפּט ערקלערט, אַז ווען זיי זיינען אריין אין געריכט און זיך געזעצט צום משפט, האָבען זיי געהאַט פאָראורטיילע געגען די באַשולדיגטע. אָבער די אַנקלאַגע איז געווען אַזוי שוואַך, און די באַווייזע פון דער פאַרטיידיגונג אַזוי שטאַרק, דאָס די איינגעשוואוירענע האָבען אין אַ קורצע צייט ארויסגעטראָגען זייער פסק.

די קיים איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די איינגעשוואוירענע צוועלף אזייגער דעם 27טען יולי. דעם 28טען אין דער פריה האָבען זיי ארויסגעטראָגען זייער אורטייל „ניט שולדיג“.

פעטיבאָן, וועלכער איז גע'משפט געוואָרען מיט עטליכע מאָ־נאַטען שפּעטער, איז אויך באַפרייט געוואָרען, און מאָיער איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען גאָר אָהן אַ פּראָצעס.

אַט אַזוי האָט זיך געענדיגט איינע פון די שטאַרקסטע און ענטשלאָסענסטע אַטאַקעס, וואָס קאַפּיטאַל האָט געמאַכט אויף אָרגאַניזירטע אַרבייט אין די לעצטע יאָהרען.

דיזער פאַרזוך צו דערשטיקען די וואַקסענדע אַרבייטער באַוועגונג דורך אַ געריכטליכען מאָרד איז ניט דער איינציגער אין דער געשיכטע פון לאַנד. די וואָס זיינען באַקאַנט מיט די איינצעל־הייטען פון דער שיקאַגאָ'ר דראַמע פון 1886, ווי אַזוי זי האָט זיך אָנגעפאַנגען און ענטוויקעלט און וואָס פאַר אַ מעטאָדען עס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען, וועלען געפינען אַ שטאַרקע עהנליכקייט צו דער העיוואוד קייס אין קאָלאָראַדאָ.

אָבער צווישען די הינריכטונג פון די שיקאַגאָ'ר אַנאַרכיסטען און העיוואוד'ס פּראָצעס זיינען פאַרלאָפען צוואַנציג יאָהר, און די אומשטענדען האָבען זיך פיל געענדערט אין דיזער צייט. אין די צוואַנציג יאָהר איז די אַרבייטער באַוועגונג געוואָרען אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין די פאַראייניגטע שטאַטען, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געוואָרען שטאַרק און איז געשטאַנען אויפ'ן וואַך געגען די געפאַהרען וואָס האָבען געסטראַשעט דעם אַרבייטער קלאַס.

גלייך ווי מאָיער, העיוואוד און די פעטיבאָן זיינען אַרעסטירט געוואָרען, האָט זיך אַ כוואַליע פון פּראָטעסט און צאָרן פאַרשפּרייט איבער דער אַרבייטער באַפעלקערונג פון איין עק לאַנד ביז דער צווייטער. דער יאָהרליכער צוזאַמענפאָר פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין מינעאַפּאָליס אין נאָוועמבער 1906, האָט עפענטליך פאַרדאַמט די האַנדלונגען געגען די אַרעסטירטע, אַלס אַ פאַרלעצונג פון גערעכ־טיגקייט. פיעלע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבען בייגעשטייערט גרויסע סומען געלד פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די מינען־אַרבייטער. זיי האָבען אויך אָנגענומען רעזאָלוציעס צו פאַרדאַמען די אומגעזעצליכע טאַטען פון די גובערנאַטאָרס פון איידאַהאָ און קאָלאָראַדאָ. די אַרבייטער־פּרעסע האָט אָפּגעגעבען

א סך פּלאַץ פאר דיזען פּראָצעס. מיליאָנען צירקולאַרען זיינען פארשפּרייט געוואָרען, און טויזענדער פארזאמלונגען זיינען אפּגעהאַלטען געוואָרען אין אַלע טיילען פון לאַנד צו באַלויכטען דעם שרעקליכען פארברעכען, וואס איז געפּלאַנט געוואָרען געגען אָרגאַניזירטע אַרבייט. דיזע אגיטאַציע האָט געווירקט, או מאַנכע איינפלוסרייכע טעגליכע צייטונגען זאלען זיך פאראייניגען מיט אָרגאניזירטע ארבייט אין זייער קריטיק געגען די מעטאָדען, וואס זיינען אנגעווענדעט געוואָרען צו ארעסטירען און משפּט'ן די קאָלאָראַדאָ'ס ארבייטער פיהרער.

און ווען פּרעזידענט רוזוועלט איז אָפען ארויסגעטראָטען געגען די באַשולדיגטע מינען־בעאַמטע, איז דער צאָרן פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער אין אמעריקא דערגאַנגען ביז'ן העכסטען גראַד. פּראָטעסט רעזאָלוציעס זיינען אנגענומען געוואָרען און אָפּגעדרוקט געוואָרען פון הונדערטער ארבייטער יוניאָנס. אַרבייטער דעלעגאַטען זיינען געשיקט געוואָרען אין וואַשינגטאָן צו פּראָטעסטירען צום פּרעזידענט פאר זיין אומגערעכטע און טאַקטלאָזע ערקלערונג.

אין דיזע אַלע האַנדלונגען אין פאַרבינדונג מיט דעם מאָיער, העיוואָוד און פּעטיבאָן פאַל זיינען די סאָציאַליסטען געוועזען די אָנפיהרער. אין יעדען שטאַט און אין יעדער שטאָדט האָבען זיי אונערמידליך געאַרבייט אין דיזער באַוועגונג, און דאָס האָט געווירקט נעהענטער צו ברענגען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט די טרייד יוניאָנס.

5. דער פאָרטשריט פון סאָציאַליזם אין די לעצטע יאָהרען.

די פּאַסירונגען, געשילדערט אין דעם פריגען קאַפּיטעל, האָבען געווירקט צו פאַרגרעסערען די אומצופרידענהייט צווישען די מאַסען און צו שאַפען א גינסטיגען פעלד פאר ראַדיקאַלע, פּאָליטישע און אינדוסטריעלע באַוועגונגען. אָבער די באַלדיגע ווירקונג אויף דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געוועזען ניט קיין גינסטיגע.

די פילע רעפאָרם באַוועגונגען, וועלכע האָבען גערייצט די מאַסען מיט דער פאַלשער האָפנונג פון באַלדיגע הילף, האָבען אָפט

אָפּגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די מעהר גרינדליכע, אָבער לאַנגזאַמערע, רפואות, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט פאָרגעליגט.

די שלעכטע צייטען האָבען געשאַפען א געפיהל פון פּאָליטישע גלייכגילטיגקייט און קאָנסערוואַטיזם, און דאָס האָט אויך שלעכט געווירקט אויף דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

דער יאָהר 1906 איז געווען דער גרעסטענסטער יאָהר פאַר די פּאָליטישע רעפאָרם פּאַרטייען. דער סאָציאַליסטישער וואוט איז געפאַלען אויף 330,158. די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי האָט געצויגען בלויז 24,880 שטימען. די לאָקאַלע וואַהלען פון 1907 האָבען ניט געוויזען קיין בעסערונג אין דעם וואוקס פון סאָציאַליסטישע שטימען.

דאָס האָט אָבער ניט ענטמוטיגט די אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטען פון אַמעריקא. די פּרעזידענט וואַהלען פון 1908 האָט זיי געפונען פאָלשטענדיג גרייט אריינצוואַרפען זיך אין א שטאַרקען קאַמף. יענעם יאָהר האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָפּגעהאַלטען איהר דריטען נאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ דעם 10טען מאַי. די פּאַרטרעטערשאַפט איז געווען לויט די צאָהל פון די גוטשטעהענדע מיטגלידער. יעדע צוויי הונדערט מיטגלידער האָבען געשיקט איין דעלעגאַט. די צאָהל דעלעגאַטען האָט דערגרייכט ביז 219. דער צוזאַמענפאָהר האָט אָנגעהאַלטען אכט טעג. ער האָט נאָמינירט יודזשין וו. דעבס פאַר פּרעזידענט און בענדזשאַמין הענגאָרד פאַר וויס־פּרעזידענט, און האָט געמאַכט גרויסע פּאָרבאַרייטונגען פאַר'ן וואַהל־קאַמף.

די פּאָליטישע לאַגע איז ניט געווען קיין גינסטיגע פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די וואַהל־קאַמפּאַניע פון יאָהר 1904 איז פון ביידע פּאַרטייען אָנגעפיהרט געוואָרען אויף קאָנסערוואַטיווע ליניען, און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען די איינציגע פאָרשטעהערין פון ראַדיקאַליזם. אַלס רעזולטאַט, האָט זי ניט בלויז געצויגען איהרע אייגענע שטימען, נאָר האָט אויך געקראָגען די שטיצע פון פילע אומצופרידענע ראַדיקאַלען אין די אַלטע פּאַרטייען. אין די וואַהלען פון 1908, אָבער, האָבען די אַלטע

פּאַרטייען קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע אין זייער ראַדיקאַליזם. די רעפּובליקאַנער האָבען זיך פאַרפליכטעט אָנצוגעהן ווייטער מיט די „ראַדיקאַלע פּאָליטיק" פון פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכער האָט אויף זיין פּראָגראַם די פאַרפאָלגונג פון רייכע פאַרברעכער און די רעגולירונג פון טראָסטס, און נאָך איינינגע רעפאָרם פּראָיעקטען. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט נאָך געפיהלט די רעזולטאַטען פון דער נידערלאַגע פון איהר קאָנסערוואַטיווער פּלאַטפאָרמע אין די פריהערדיגע וואַהלען, האָט צוריק אַרויסגעשטעלט אויף איהר פּלאַטפאָרמע איהר אַלטען מיטעל קלאַס ראַדיקאַליזם, און האָט נאָמינירט דעם נביא פון דיזען סאָרט ראַדיקאַליזם, וויליאַם דזש. ברייען, פאַר פּרעזידענט. דער ראַדיקאַליזם פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז געווען גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דעם „ראַדיקאַליזם" פאַר הוירסט'ס „אינדעפּענדענט פּאַרטי". און די „פּיפּעלס פּאַרטי" איז געגאַנגען נאָך ווייטער אין איהר ראַדיקאַליזם. אונטער דיזע אומשטענדען, אַלזאָ, האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געקאָנט קריגען בלויז שטרענג סאָציאַליסטישע שטימען.

אָבער דער ראַדיקאַליזם פון די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען איז ניט געווען די איינציגע שטערונג צו דעם ערפאָלג פון די סאָציאַליסטען ביי די וואַהלען. דער סאָציאַליסטישער וואוט קומט הויפּטזעכליך פון דעם אַרבייטער קלאַס. די שלעכטע צייטען, וועלכע האָבען דאַמאָלסט דערגרייכט די ערגסטע שטופע, האָט געצוואונגען מאַסען אַרבייטער אַרומצוואַנדערען איבער'ן לאַנד, און אויף דעם אופן האָבען זיי פאַרלאָרען זייער רעכט צו שטימען. און דערצו האָט נאָך די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געקראָגען די אָפּיציעלע שטיצע פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, און דאָס האָט אויך נאַטירליך געשעדיגט דעם סאָציאַליסטישען וואַהל־קאַמף.

די סאָציאַליסטען האָבען באַגריפען די אַלע שוועריגקייטען, און זיי האָבען אָנגעשטרענגט אַלע כחות זיי בייצוקומען. פון דעם טאָג וואָס דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געשלאָסען, ביז דעם עלעקשאָן טאָג, נאָוועמבער דעם 8טען, האָט גערוישט מיט דעם סאָציאַליסטישען וואַהל־קאַמף. אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל זיינען

די בירגער אדרעסירט געוואָרען פון הונדערטער רעדנער און פון אונערמידליכע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטען. סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז פאַרשפּרייט געוואָרען אין ריזיגע צאָהלען. דער נאַציאָנאַלער אָפיס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אַליין געדרוקט איבער דריי מיליאָן צירקולאַרען, און די פאַרשידענע שטאַט און לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי האָבען פאַרשפּרייט צום וויניגסטען דריי און פיער מאָל אזוי פיל.

דעבס האָט געמאַכט אַ מערקווירדיגע אויסערגעוועהנליכע אגיטאַציאָנס־רייזע. אום צו געבען איהם די מעגליכקייט צו רעדען אין יעדען טייל פון לאַנד, האָט מר. מעהלאָן בארנס, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, געדונגען אַ „קאמפּיין טריין". דער צוג איז באַשטאַנען פון דריי וואַגאָנען: איינער פאַר דעבס'ן און זיינע מיטפאָהרער, רעדנער, צייטונגס קאָרעספּאָנדענטען, און די פאַרוואַלטער פון דער אונטערנעמונג; דער צווייטער וואַגאָן האָט געפיהרט ליטעראַטור, און אין דעם דריטען וואַגאָן זיינען געפאָהרען געסט, וועלכע האָבען געוואָלט בייוואוינען די סצענעס אין די פאַרשידענע שטעדט. אין דיזען באַהן איז דעבס געפאָהרען פון איין עק לאַנד ביז'ן צווייטען; האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרשידענע פּלעצער, וואו ער האָט גערעדט פון וואַגאָן. אין מאַנכע שטעדט, וואו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען גרויסע פאַרזאַמלונגען. דער פּלאַן האָט פיל פאַרשפּראָכען, אָבער דערצו האָט זיך געפאָדערט מאַסען געלט, און די קאַסע פון דער פּאַרטיי איז אויסגעליידיגט געוואָרען.

דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט די סאָציאַליסטען. די באַאַמטע פון דער פּאַרטיי האָבען געגלויבט אין די איבערגעבענהייט און דעם ענטוזיאַזם פון זייערע נאָכפאָלגער. זיי האָבען געדונגען דעם צוג, און האָבען עס אַ נאָמען געגעבען „דער רויטער ספּעשעל", און זיך געווענדעט צו זייערע מיטגלידער זיי זאָלען ביישטייערען צו די הוצאות פון דער אונטערנעמונג. דער אויפרוף איז ארויסגעגעבען געוואָרען דעם 18טען יולי, און די נעקסטע דריי מאָנאַטען איז דער נאַציאָנאַלער אָפיס געווען פאַרנומען מיט ערהאַלטען ביישטייערונגען. פאַר דער אונטערנעמונג האָט זיך געפאָדערט ווייַ־

ניגער ווי 35,000 דאָלער. אריינגעקומען איז מעהר ווי 40,000 דאָלער. די געלט איז געזאַמעלט געוואָרען פון איינצעלנע סאָציאַ־ליסטען און פון סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע ארבייטער אָרגאַ־ניזאַציעס. די ביישטייערונגען זיינען געווען מאַנכע אין די קליינע סומען פון עטליכע סענט, און מאַנכע אין גרעסערע סומען פון דאָלערס. ניט ווייניגער ווי 15,000 מענשען האָבען אריינגעשיקט סומען געלט. פון דעם שטאַנדפונקט פון סאָציאַליסטישער פראָ־פּאַגאַנדאַ איז דער „רויטער ספּעשעל" געווען אַ מערקווירדיגער ערפאָלג. צווישען דעם 30טען אויגוסט, ווען דער צוג איז ארויס־געפאָהרען, ביז'ן צווייטען נאָוועמבער, ווען די רייזע האָט זיך געענדיגט, האָט דעבס גערעדט אין מעהר ווי דריי הונדערט שטעדט אין 33 שטאַטען. ער איז איבעראַל אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס באַגייסטערונג. „דער „רויטער ספּעשעל", האָט דעבס ער־קלערט, האָט זיך ארויסגעצייגט פאַר אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדאַ מאַשין. פון דער שטונדע וואָס ער איז ארויסגעפאָהרען האָט ער הונדערט־פאַכיג גוט געמאַכט יעדען אינטש פון זיין וועג, און איך בין זיכער, אַז יעדערער, וואָס האָט געזעהן דעם באַהן, וועט ניט באַדויערען, וואָס ער האָט ביינעשטייערט צו זיין ערפאָלג. די באַגייסטערונג וואָס ער רופט ארויס איבעראַל איז ווירקליך צום באַוואונדערען. ער איז ווערט צעהן מאָל אַזוי פיל ווי די באַוועגונג האָט אויף איהם אויסגעגעבען". מ. סטיפען מ. רעינאָלדס, וועלכער איז מיטגע־פאָהרען מיט דעבס'ן אויף דער גאַנצער רייזע, האָט אָפּגעשאַצט, אַז מעהר ווי אַכט הונדערט טויזענד מענשען האָבען געהערט דעבס' רעדעס.

דער קאַמפּיין איז געווען אַזאַ שטאַרקער און באַגייסטערטער, אַז די סאָציאַליסטען האָבען ערוואַרטעט אַ שטאַרקע פאַרגרעסערונג אין זייער צאָהל שטימען. און זאָגאַר די ניט־סאָציאַליסטישע צייטונגען האָבען פאָראויסגעזאָגט אַ מיליאָן שטימען פאַר דעבס'ן. געקראָגען האָט ער אָבער דעם עלעקשאָן טאָג ניט מעהר ווי 421,420 — עטוואָס מעהר ווי אין 1904.

ע נ ד ע.